STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02354

DOS YUDISHE VORT

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס יודישע וואָרט

אַ ליטעראַרישע חרעסטאָמאטיע צום לעזען אין די
עלטערע גרופּען פון אָבענד-שולען און אין דערהיים.

צוזאַמענגעשטעלט דורך א—ן.

רעדאַגירט און אַרויסגעגעבען דורך אַ גרופּע
לעהרער פון די ווילנער אָבענד-שולען.

באנד I.

דריטע אויפלאַגע

ДОСЪ ЮДИШЕ ВОРТЪ.

Собрникъ литературныхъ отрывковъ. Составилъ **О-нъ**. Томъ I.

Типографія **Б. А. Клецкина**, Вильна, Мало-Стеф., соб. домъ.

געווידמעט דעם אָנדענקען פון

אהרן פראנקפורט,

דעם פערשטאָרבענעם לעהרער
פון די ווילנער אָבענד-שולען.

אינהאלט.

ערשטער טייל.

דאָס יודישע שטעדטעל. די צייטען פון יאָהר. ימים טובים.

זייטע

שלום עליכם. דער ערשטער טאָג אין חדר 5
מ. ווארשאַווסקי. אלף־בית (ליעד) 7
א. רייזען. אויפ'ן פעלד... (ליעד) 9
רחל, די טאָכטער פון כלבא שבוע, און איהר מאַן רבי עקיבא (פון תלמוד).
I. רחל שיקט איהר מאַן לערנען תורה. 9
II. עקיבא אין בית־מדרש 11
III. רבי עקיבא, דער גרעסטער פון די יודישע חכמים 12
מענדעלע מוכר ספרים. הערשעלע דער דאָקטאָר 13
א. קרילאָוו. דער שפּיגעל און די מאַלפּע (איבערז. פון מ. ריוועסמאַן) 16
מענדעלע מוכר ספרים. יודישע שטעדטלעך 17
שלום עליכם. חנוכה־געלד 18
א. ליטוואַק. די ליכטעלעך 20
שלום־עליכם. כלי־זמר 21
שלום־עליכם. סטעמפעניו 22
מ. טייטש. דער ערשטער שניי (ליעד) 23
מענדעלע מוכר ספרים. דער קלייט־משרת 24
דאָס קינד ליעגט אין וויעגעלע (פאָלקס־ליעד) 26
י. ל. פרץ. די לעזערין 27
ז. סעגאַלאָוויטש. אויף די פעלדער 28
שלום אַש. אַלטע לייט 29
א. רייזען. ווינטער (ליעד) 33
א. רייזען. דער מגיד 33
ש. פרוג. דער שליט־וועג (ליעד) 36
יהודה שטיינבערג. דאָס שענע אין דאָס גוצליכע 37
י. דינעזאָן. דעם רבי'נס קדוש 38
ש. אַנ—סקי. דער שניידער (ליעד) 39
מענדעלע מוכר ספרים. לייזער דער שניידער 40

מענדעלע מוכר ספרים. דאָס לערן־יונגעל 42
ח. נ. ביאַליק. פראָסט (ליעד) 43
הלל הזקן 44
ש. הורוויץ. די ערשטע שוואַלב (ליעד) 45
מ. ספעקטאָר. שלח־מנות 45
ל. שאַפּיראָ. דאָס אײַז פּלאַצט 52
מ. סטאַװסקי. לבן הארמי.
I. די ערשטע בעקאַנטשאַפט 53
II. מיר האָבען ליעב לבנ'ען 54
III. לבן אַ שטיפער 55
IV. לבן ביים ברונען 56
V. דער גראַף וויל קויפען לבנ'ען 57
VI. לבן גנעהט אין שפּאַן 58
VII. לבן האָט פיינט אַ בייטש 58
VIII לבן לאָזט זיך ניט שמיעדען 59
IX. לבנ'ס טרויעריגער סוף 59
בן־עמי. ביי די מצות 61
י. ל. פרץ. דער קונצען־מאַכער (לעגענדע) 66
יהואש. ליל שמורים (ליעד) 70
מענדעלע מוכר ספרים. אַ ווער־נע־טאָג 70
מענדעלע מוכר ספרים. פאַר דער קרעטשמע 71
א. רייזען. די ספרים לופטערן! 72
משה טייטש. פריהלינג (ליעד) 76
אי. טורגענעוו. דאָס פויגעלע 76
ל. שאַפּיראָ. ביילקע און יאָשקע 77
ש. אַש. ערב־שבת 81
יהואש. די ביהן (ליעד) 82
דער הירש און די בלעטער (פאָבעל) 83
שלום עליכם. די ל"ג־בעומר־סעודה 83
יהואש. נאָכ'ן רעגען ביי נאַכט (ליעד) 87
ש. אַש. יצחק'ל און זיין מאַמע 87
י. אַדלער. צו אַ זילבער־וואָלקען (ליעד) 92
י. דינעזאָן. אַ געשפּרעך 93

זייטע

משה טייטש. טילי־טילי! (ליעד 94
משה טייטש. דער פרילינג (ליעד) 95
שלום אַש. אין אַ זומער־טאָג 95
ש. הורוויץ. די נייטערקעס (ליעד) 98
יהואש. דער בלומענשטאָק (ליעד) 100
יעקב שטיינבערג. הערשעלע פאָהרט
אַוועק 100
דער עפּעל־בוים און דער רויזען־שטרויך
(פון הלל הזקן'ס משלים) 103
ז. שניאור. נהום 103
מ. ריוועסמאַן. צוויי הינד (בעאַרב.
נאָך קרילאָוו) 107
משה טייטש. דער זומער 109
ש. פרוג. אַ זומער־נאַכט (ליעד) 110
ד. פינסקי. באַשע־לאה 111
ש. אַש. וואַנדערער 113
יונה ראָזענפעלד. אַ גנב
I. יאָסעלע אַרבייט 114
II. יאָסעלע שפּיעלט זיך מיט'ן קינד 116
III. יאָסעלע אַליין אין וואַרשטאַט. 118
IV. יאָסעלע שטעהט אויף פאַר טאָג.
דער טעות. יאָסעלעס פסק 119
מענדעלע מוכר ספרים. דער

זייטע

וואַלד 121
ה. ד. נאָמבערג. מען וועקט 122
ש. אַש. די שׂרפה אין שטעדטעל 124
ש. גאָרעליק. אלול 126
משה טייטש. אַ בית עולם (ליעד) 128
ש. אַש. איבער דער גרעניץ 128
אַמאָל איז געווען אַ מלך... (פאָלקס־ליעד) 132
ליפמאַן־לעווין. ר' יודא 133
ד. פרישמאַן. נעגעסען 136
י. ל. פרץ. די שוואַלבען אים הערבסט. 139
שלום־עליכם. די פאָהן
א) ווער איז קאָפּעל קוקאַריקו? 140
ב) קאָפּעלע קוקאַריקו וויל האָבען אַ
פאָהן. וואו נעהמט ער געלט? 142
ג) געקויפט אַ פאָהן. געמאַכט אַ
שטעקעל 144
ד) אין שוהל. קאָפּעלע'ס שטאָלץ.
קאָפּעלע'ס אומגליק 145
ש. אַש. נאָך סוכות 148
ש. הורוויץ. די בלייערנע אַרמעע 149
א. מ. ווייסענבערג. דער בעל־
תשובה 150

ערמשער מייל

דאָס יודישע שטעדטעל.
די צייטען פונ'ם יאָהר.
ימים־טובים.

שלום־עליכם.

דער ערשטער טאָג אין חדר.

דאָס ערשטע קענטשאַפט אונזערס איז געשלאָסען געוואָרען אונ־טער'ן טיש זיצענדיג מיט'ן רבי'ן בײ'ם חומש.

אַז די מאַמע האָט מיך געבראַכט צו פיהרען אין חדר, האָב איך געטראָפען דעם רבי'ן, אַ יוד מיט געדיכטע ברעמען און מיט אַ שפּיצעכדיגער יאַרמעלקע, זיצען מיט אַלע תלמידים בײ'ם חומש איבער דער סדרה בראשית. נישט געמאַכט קײן לאַנגע שהיות, האָט מיר דער רבי אַ זאָג געטהאָן:

— קריך אַהינצוצו אויף יענער באַנק צווישען יענע צוויי יונגלעך.

און איך בין אַרויפגעקראַכען אויף דער באַנק, זיך אַרײנגע־חאַפּט צווישען צוויי יונגלעך — און האָב שוין געהייסען אַ צוגענומע־נער. קײן בעזונדערע שמועסען צווישען מײן מאַמען מיט'ן רבי'ן האָט נישט בעדאַרפט זײן; ס'איז בײ זײ געווען אַנ'אָבגערעדטע זאַך נאָך פון יום־טוב.

— געדענק־זשע, זאָלסט זיך לערנען ווי סע געהער צו זײן — זאָגט צו מיר די מאַמע שוין שטעהענדיג בײ דער טהיר. און דרעהט אויס נאָך אַמאָל דעם קאָפּ צו מיר און קוקט, קוקט אויף מיר מיט אַ געפיהל, אויסגעמישט פון פרייד, ליעבשאַפט און רחמנות. דער מאַמעס קוק פערשטעה איך זעהר גוט: זי האָט הנאה, וואָס איך זיץ צווישען בעל־הבית'ישע קינדער און לערן, און סע טהוט איהר וועה דאָס האַרץ, וואָס זי דאַרף זיך מיט מיר שיידען.

איך בין זיך מודה, אַז מיר איז געווען אויפ'ן האַרצען אַ סך פרעהליכער, ווי מײן מאַמען: איך זיץ צווישען אַזוי פיעל נײע חברים, קײן עין־הרע, וואָס בעטראַכטען מיך און איך בעטראַכט זײ. נאָר דער רבי לאָזט אונז לאַנג נישט זיצען אָהן אַרבייט. ער צעשאָקעלט זיך און שרייט אויס אויף אַ קול מיט אַ ניגון, און מיר אַלע נאָך איהם, איינער איבער'ן אַנדערן, אויף קולי־קולות: והנחש און דער שלאַנג! היה איז געווען! ערום קליגער! מכל פון אַלע! חית חיות! השדה פונ'ם פעלד! אשר וואָס! עשה ער האָט געטהאָן!

יונגלעך, וואָס זיצען אַזוי נאָהענט איינס מיט'ן אַנדערן, חאַטש זיי שאָקלען זיך און שרייען, ווי איז דאָס מעגליך, זיי זאָלען נישט ווערען בעקאַנט, זיך דורכוואַרפען מיט אַ פּאָר ווערטער חאָטש? און ס'איז טאַקי אַזוי געווען.

בעני מאיר פאַלקאָוואָ'ס, וואָס איז געזעסען מיט מיר איינאייִנעם שטאַרק צונויפגעקוועטשט, פרופט מיך פריהער מיט אַ קנייפּ פאַר דעם פּוס און קוקט זיך איבער מיט מיר מיט די אויגען, און נאָכדעם צעשאָקעלט ער זיך שטאַרק און זינגט גלייך מיט'ן רבי'ן און מיט אונז אַלע אויף אַ קול דעם חומש און וואַרפט אַריין זיינע אייגענע ווערטער, בזה הַלָשון:

— וְהַנָחָש און דער שלאַנג! הָיָה איז געווען! נאַ דיר אַוועק'עט די דאָזיגע קנעפּלעך! עָרום קליגער! מִכֹּל פון אַלע! גיב מיר אַ באָקסער, וועל דיר געבען אַ ציה פון מיין פּאַפּיראָס!

און איך פיהל עמיצענס וואַרעם הענדטעל אין מיין האַנד, און איך טאַפּ אָן עטליכע קליינע, גלאַטע, גליטשיגע הויזען-קנעפּלעך. איך בין זיך מודה, אַז נישט איך דאַרף קנעפּלעך, נישט איך האָב באָקסערן, נישט איך רויכער פּאַפּיראָסען. נאָר מיר איז געפעלען דער דאָזיגער איינפאַל, און איך ענטפער איהם מיט'ן זעלבען נִגון, וואָס ער, און שאָקעל זיך גלייך מיט אַלע:

— בְּזֵעַת מיט'ן שווייס! אַפֶּיךָ פון דיין פּנים! ווער האָט דיר געזאָגט! תֹּאכַל וועסטו עסען! אַז איך האָב ביי זיך באָקסערן?

און אַזוי האָבען מיר זיך איבערגעשמועסט די גאַנצע צייט, ביז דער רבי האָט אַפּנים אָנגעשמעקט, אַז חאָטש איך שאָקעל זיך גאַנץ געשמאַק, נאָר דער קאָפּ איז מיר נישט ביי'ם חומש. האָט ער מיך פּלוצים געגעבען אַ חאַפּ אויף דער ווענטקע, צום עקזאַמען הייסט דאָס:

— זאָג נאָר דו! הער נאָר, ווי אַזוי הייסט דו דאָרטען, דו מוזט אַוודאי וויסען, וועמעס זוהן איז געווען קַיִן און ווי אַזוי האָט געהייסען קין'ס ברודער?

די דאָזיגע קלאָץ-קַשְיָא האָט מיר אויסגעוויזען אַזוי ווילד, גלייך ווי מע וואָלט מיך, אַ שטייגער, פּלוצים אַ פרעג געטהאָן, ווען איז אויפ'ן הימעל אַ יריד, אָדער ווי אַזוי מאַכט מען פון שניי גאָמעלקעס, און זיי זאָלען נישט צוגעהן. אַז בְּסַךְ הַכֹּל איז מיר גאָר דער קאָפּ געווען ערגיץ, ווייס איך וואו, אונטען ביי די קנעפּלעך.

— וואָס קוקסט דו אויף מיר אַזוי? — פרעגט מיך דער רבי — דו הערסט נישט, וואָס מע רעדט צו דיר? איך פרעג ביי דיר, זאָלסט מיר זאָגען אויף אַ ווײַלע, ווי אַזוי האָט געהייסען אָדָם-הָרִאשון,

קין׳ס פאָטער, און וואָס האָט זיך אָנגעקעהרט מיט קין׳ן זיין ברודער הֶבֶל, וואָס חַוָה האָט זיי געהאַט?

איך זעה, אַלע יונגלעך שמייכלען, שטיקען זיך פאַר געלעכטער, און פערשטעה נישט, וואָס לאַכט מען דאָ.

— זאָג, נאַרעלע, אַז דו ווייסט נישט, וואָרום מיר האָבען דאָס נאָך נישט געלערנט — שעפּטשעט מיר בעני אויפ׳ן אויער און שטורכעט מיך מיט׳ן עלענבויגען, און איך פאָלג איהם און זאָג איהם נאָך וואָרט ביי וואָרט, ווי אַ פּאַפּוגאַי, און אין חדר ווערט אַ געלעכטער ביז׳ הימעל.

— וואָס לאַכען זיי? — טראַכט איך מיר און קוק אויף די קינדער און אויפ׳ן רבי׳ן, ווי זיי קאַטשען זיך פאַר געלעכטער, און בשעת מעשה לעג איך איבער אונטען די קנעפּלעך פון איין האַנד אין דער אַנדערער; דאָרט איז פונקט אַ האַלב טוץ.

— אַנו, ווייז נאַר, בחור׳ל, אָקאָרשט די הענטעלעך דיינע! וואָס טהוסט דו דאָרטען מיט זיי? — מאַכט צו מיר דער רבי און בויגט זיך אָן צו מיר אונטער׳ן טיש. .

. . . .

איהר זענט דאָך קלוגע קינדער, פערשטעהט איהר דאָך שוין, מִסתמא, אַליין, וואָס פאַר אַ מין פְּסַק איך האָב געהאַפּט פון מיין רבי׳ן אויפ׳ן ערשטען אַרויספאָהר מיט די קנעפּלעך!

בזה הלשון — מיט אזוינע ווערטער; מיט אזא שפראך. סדרה — א טהייל חומש, וואס מען לייענט אין שול יעדע וואך. חאפּען אויף דער וועגטקע — עמיצען עפּיס פרעגען אומגעריכט; אנהאפּען עמיצען מיט אזא פראגע, וואס ער איז צו איהר ניט צוגעגרייט. (מיט א וועגטקע חאפּט מען פּיש). קלאץ-קשיא — א הארבע פראגע; אזא פראגע וואס ס׳איז אַזוי איהר שווער צו געבען אנ׳ענטפער. פּאפּוגאי — אזא פויגעל, וואס קען נאכריידען אייניגע ווערטער, ווי א מענש.

מ. וואַרשאַווסקי.

אַלֶף־בֵּית.

אויפ׳ן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערעל,
און אין שטוב איז הייס,
און דער רבי לערענט קליינע קינדערלעך
דעם אַלף־בית.

זעהט זשע, קינדערלעך, געדענקט זשע, טייערע
וואָס איהר לערענט דאָ.

זאָגט זשע נאָך אַ מאָל, און טאַקי נאָך אַ מאָל:
קָמֶץ אַלֶף — אָ!

לערנט, קינדער, מיט גרויס חֵשֶק,
אַזוי זאָג איך אייך אָן;
ווער ס'וועט גיכער פון אייך קענען עִבְרִי,
דער בעקומט אַ פאָהן.

זעהט זשע, קינדערלעך, געדיינקט זשע, טייערע,
וואָס איהר לערנט דאָ!
זאָגט זשע נאָך אַ מאָל, און טאַקי נאָך אַ מאָל:
קָמֶץ אַלֶף — אָ!

לערנט, קינדער, האָט קיין מורא:
יעדער אָנהויב איז שווער.
גליקליך דער, וואָס האָט געלערנט תּוֹרָה,
צו דאַרף דער מענש נאָך מעהר?

זעהט זשע, קינדערלעך, געדיינקט זשע, טייערע,
וואָס איהר לערנט דאָ!
זאָגט זשע נאָך אַ מאָל, און טאַקי נאָך אַ מאָל:
קָמֶץ אַלֶף — אָ!

איהר וועט, קינדער, עלטער ווערען,
וועט איהר אַליין פערשטעהן,
וויפיעל אין די אוֹתִיוֹת ליעגען טרעהרען
און וויפיעל געוויין...

זעהט זשע, קינדערלעך, געדענקט זשע, טייערע,
וואָס איהר לערנט דאָ!
זאָגט זשע נאָך אַ מאָל, און טאַקי נאָך אַ מאָל:
קָמֶץ אַלֶף — אָ!

אויפ'ן פריפעטשיק ברענט אַ פייערעל,
און אין שטוב איז הייס;
אַזוי לערנט מען מיט קליינע קינדערלעך
דעם אַלֶף־בֵּית.

א. רייזען.

אויפ'ן פעלד...

אויפ'ן פעלד
וועהט אַ קעלט,
יאָגט אַ ווינד אַ בייזער,
און ער בייגט,
און ער לעגט
צו דער ערד די גרעזער.

שטיל, מיט וועה
פאַלען זיי
צו דער ערד אַנידער,
ווי גערעדט:
ס'איז שוין שפעט,
ס'העלפט ניט זיין דערוויעדער.

אוים, פאַרביי
איז דער מאַי
און דער ליעבער זומער;
סומנע, קאַלט
און עס פאַלט
אויפ'ן האַרץ אַנ'אומער...

דערוויעדער — אנטקעגען. זיין דערוויעדער — זיך שטעלען אנטקעגען.
סומנע — אומעטיג. אומער — טרויער.

רָחֵל, די טאָכטער פון כַּלְבָּא־שָׂבוּעַ, און איהר מאַן רַבִּי עֲקִיבָא.

I. רחל שיקט איהר מאַן לערנען תורה.

געווען אַ רייכער מענש אין יְרוּשָׁלַיִם מיט'ן נאָמען כַּלְבָּא־שָׂבוּעַ. ער האָט געהאַט אַ בַּת־יְחִידָה, וואָס האָט געהייסען רחל. צו איהר האָבען זיך געשַׁדְכֶנ'ט אַ סך גרויסע לייט, זי האָט אָבער קיינעם פון זיי ניט געוואָלט, ווארום עס איז איהר געפעלען איינער פון איהר פאָטער'ס פאַסטוכער, עֲקִיבָא בֶּן יוֹסֵף. אַז כלבא־שבוע איז וועגען דעם געוואָהר געוואָרען, האָט ער געזאָגט צו זיין טאָכטער: „זאָלסט ווייסען, אַז אויב דו האָסט חֲתוּנָה מיט עקיבא'ן, טרייב איך דיך אַרויס

פון מיין הויז און דו וועסט מיך קיינמאָל ניט טאָרען זעהען". רחל, ווען זי האָט דערהערט אַזוינע רייד פון איהר פאָטער, האָט זי פערלאָזען זיין פּאַלאַץ מיט דעם גאַנצען רייכקייט און איז אַוועקגעגאַנגען צו עֲקִיבָא׳ן דעם פּאַסטוך און האָט פאַר איהם חתונה געהאַט.

געוואוינט האָבען זיי ביידע אין אַ קליינעם געצעלט הינטער דער שטאָדט און האָבען געגעסען נאָר טרוקען ברויט, ווארום עקיבא איז געווען זעהר אָרים. רחל איז אָבער שטענדיג געווען פרעהליך און פלעגט זאָגען צו איהר מאַן: בעסער עסען טרוקען ברויט מיט דיר אינאיינעם, איידער האָבען וואוילטאָג אין דעם הויז פון מיין פאָטער.

איינמאָל ביי־נאַכט, בשעת זיי זענען געזעסען אין געצעלט, האָט זיך אויפגעהויבען אַ ווינד און האָט פערשאָטען עקיבא׳ס פָּנִים מיט שטרוי. אַרויסנעהמענדיג די שטרוי פון זיינע האָר, האָט איהם רחל געפרעגט: „זאָג מיר, מיין מאַן, וואָס ביזטו אַזוי טרויעריג?" ענטפערט עקיבא: „ווי זאָל איך ניט זיין טרויעריג, אַז מיין טייער ווייב ליידט הונגער און געהט אָרום נאַקעט און באָרוועס. מעגסט מיר גלויבען, ווען איך וואָלט געווען רייך, וואָלט איך דיר אויסגעבויעט אַ שענעם פּאַלאַץ און וואָלט דיר אָנגעטהאָן אויפ׳ן קאָפּ אַ גאָלדענע קרוין".

ווי זיי רעדען אַזוי, דערהערען זיי, עמיצער קלאַפּט אין טהיר. פרעגען זיי: „ווער איז דאָרט?" קומט אַריין אַ שֶׁכֵן און בעט: „האָט רחמנות, מיין ווייב געהט צו קינד, און איך האָב אַפילו ניט אַ ביסעל שטרוי צו מאַכען איהר אַ געלעגער". רחל האָט איהם געגעבען אַ בינטעל שטרוי און נאָכ־דעם האָט זי געזאָגט צו עקיבא׳ן: „זעהסטו, ס׳איז נאָך דאָ אָרימערע פון אונז. מיר האָבען כאָטש שטרוי און קענען נאָך געבען י ע נ ע ם".

זאָגט עקיבא: „געבענשט זאָלסטו זיין, מיין ווייב, וואָס דו ביזט אַליין צופריעדען און פערטרייבסט נאָך מיינע שווערע געדאַנקען". ענטפערט רחל: „ווי זאָל איך ניט זיין צופריעדען, אַז איך האָב אַזאַ עהרליכען און אַ גוטהערציגען מאַן, ווי איך האָב מיר געוואונשען. הלואי וואָלסטו נאָך געגאַנגען צו די חֲכָמִים לערנען תּוֹרָה, ווי דו האָסט מיר צוגעזאָגט, וואָלט איך געווען די גליקליכסטע פון אַלע ווייבער". עקיבא האָט געענטפערט: „דיינע ווערטער זענען ביי מיר הייליג. איך וועל טהאָן, וואָס דו פערלאַנגסט".

אויפ׳ן אַנדערען טאָג האָט עקיבא זיך צעשיידט מיט זיין ווייב און זיך אַוועקגעלאָזט לערנען תורה. רחל האָט איהם בעגלייט אַ שטיק וועג און האָט איהם געזאָגט ביים געזעגענען: „ביז אַהער ביזטו גע-

ווען אַ פּאַסטוך פון שאָף. עס וועט קומען אַ צייט — וועסטו ווערן אַ פּאַסטוך פונ׳ם יודישען פאָלק און מען וועט זיך בענשען מיט דיין נאָמען״.

II. עֲקִיבָא אין בֵּית־מִדְרָשׁ.

אויפ׳ן וועג איז עקיבא׳ן געוואָרען שווער אויפ׳ן האַרצען. איך בין אַלט פערציג יאָהר, האָט ער זיך געטראַכט, קען איך דען נאָך האָבען אַ האָפנונג זיך אויסצולערנען תּורה? ווי ער געהט אַזוי, זעהט ער — אַ ברונען, און אויפ׳ן ברונען אַ גלאַטער אָבגעשליפענער שטיין. פרעגט ער די פּאַסטוכער: „זאָגט מיר, ברידער, ווער האָט דאָס אַזוי אָבגעשליפען דעם האַרטען שטיין?״ ענטפערען די פּאַסטוכער: „דאָס איז דאָס וואַסער טראָפּענווייז געפאַלען אויפ׳ן שטיין און האָט איהם אָבגעשליפען״. האָט עקיבא זיך דערפרעהט, הערענדיג די דאָזיגע ווערטער, און האָט געטראַכט ביי זיך: אַפילו אַ שטיין קען אָבגעשליפען ווערען, אַ כָּל־שֶׁכֵּן דעם מענשען׳ס נְשָׁמָה.

איז עקיבא געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז ער איז אָנגעקומען אין אַ שטאָדט און האָט זיך געזעצט לערנען ביי אַ מְלַמֵּד, וואָס האָט געלערנט מיט די קינדער אלף־בית. עקיבא האָט זיך ניט געשעמט און האָט געלערנט גלייך מיט די קליינע קינדער. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער שוין געקענט לייענען און איז אַריבער אין גרויסען בית־מדרש אַריין. דאָרט האָט ער געלערנט תּורה ביי די בעריהמטע געלערנטע — רַבִּי אֱלִיעֶזֶר׳ן און רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ׳ן.

געלעבט האָט עקיבא פון האָלץ האַקען. גאַנץ פריה פלעגט ער אויפשטעהן, אָנהאַקען אין וואַלד אַ בינטעל האָלץ און עס ברייגנען אין שטאָדט אַריין. די העלפט פלעגט ער פערקויפען און די אַנדערע העלפט ברייגנען צו זיך אַ היים. דאָרטען פלעגט ער עטליכע שטיקלעך האָלץ צעשפּאַלטען אויף קינעלעך. מיט די קינעלעך פלעגט ער בעלייכטען אין אָבענד זיין חֶדֶר׳ל און לערנען ביז שפּעט אין דער נאַכט. דאָס רעשט האָלץ פלעגט ער זיך לעגען צוקאָפּענס אָנשטאָט אַ קישען.

עקיבא האָט געלעבט אין אָרימקייט, נאָר ער האָט ניט אויפגעהערט לערנען תּורה גאַנצע טעג און נעכט. רחל האָט דערהערט, אַז איהר מאַן לייַדט גרויס דַחקות, האָט זי אָבגעשוירען און פערקויפט איהרע שענע לאַנגע האָר און דאָס געלד האָט זי אָבגעשיקט עקיבא׳ן. עקיבא האָט געלערנט און איז געוואָרען אַלעמאָל אַ גרעסערער מוּשְׁלָם, ביז ער האָט שוין געקענט בעסער פון אַלע זיינע חברים. אַז ס׳פלעגט זיין אַ שווערער עִנְיָן, פלעגט מען קומען צו איהם,

און ער האָט אַלצדינג ערקלעהרט מיט גרויס חָכְמָה און קענטעניש, ווי איינער פון די גרעסטע געלערנטע. האָבען דאָס דערזעהען די לעהרער פון בית־המדרש און האָבען איהם געלויבט, און מ׳האָט איהם אָנגעהויבען רופען רַבִּי עקיבא.

III. רבי עקיבא—דער גרעסטער פון די יודישע חכמים.

אַזוי איז אַוועק צוועלף יאָהר. רבי עקיבא האָט בעשלאָסען זיך אומקעהרען צו זיין ווייב. „גענוג שוין איז זי געזעסען אַליין", — האָט ער זיך געטראַכט. ווען ער איז שוין געווען אין ירושלים און איז געשטאַנען ביי דער טהיר פון רחל׳ס געצעלט, האָט ער דערהערט, ווי מען שמועסט אינעווייניג. „ועהסטו — האָט געזאָגט עמיצער אַ אומ־בעקאַנטער — אַזוי איז שטענדיג, ווען מען פאָלגט ניט אַ טאַטען. שוין צוועלף יאָהר, אַז דיין מאַן איז אַוועק. ווער ווייסט, צו ער וועט גאָר קומען צוריק. וואָלסטו אָבער געפאָלגט דיין טאַטען, וואָלסטו געווען אַ גליקליכע אין דער וועלט". רחל האָט געענטפערט: „אויב מיין מאַן וואָלט מיך געפאָלגט, וואָלט ער געזעסען דאָרטען נאָך צוועלף יאָהר און וואָלט געלערענט תּורה און חָכְמָה". אַז רבי עקיבא האָט דאָס דערהערט, איז ער אַוועק צוריק אין זיין בית־המדרש און האָט וויי־טער געלערענט. אין גיכען האָט ער בעקומען אַ שֵׁם אויף דער גאַנ־צער וועלט און ס׳האָבען זיך אָנגעהויבען צו איהם ציהען תּלמידים פון אַלע זייטען. די צאָהל פון זיינע תּלמידים איז מיט דער צייט אויס־געוואַקסען ביז פיער און צוואַנציג טויזענט.

אַז ס׳זענען אַריבער נאָך צוועלף יאָהר, האָט רבי עקיבא זיך געלאָזט צוריק קיין ירושלים. מיט איהם זענען געגאַנגען טויזענטער תּלמידים. אין ירושלים האָט מען דערהערט — עס קומט רבי עקיבא, דער גרעסטער פון די יודישע חכמים, זענען די חָשוּב׳סטע לייט פון דער שטאָדט איהם אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגען. צווישען זיי איז געווען אויך כַּלְבָּא־שָׂבוּעַ, וועלכער האָט ניט געוואוסט, אַז דאָס איז זיין איידעם. רחל האָט זיך אויך געלאָזט געהען אַנטקעגען ר׳ עקיבא׳ן. זאָגען איהר די שְׁכֵנוֹת: „ווי קענסטו געהן אין אַזוינע אַלטע צעריסע־נע קליידער. לייה דיר בעסער נייע, כּדי דו זאָלסט ניט האָבען קיין פּנים ווי אַ בעטלערין אין די אויגען פון דעם גרויסען מאַן". האָט רחל געענטפערט: „אַזוינער ווי ער קוקט ניט אויף קליידער". זי איז איהם אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגען, און אַז זי האָט איהם דערזעהען, האָט זי געקושט דעם זוים פון זיין קלייד און געוויינט פאַר שִׂמְחָה. די

תַּלְמִידים האָבען זי געוואָלט אַוועקטרייבען, וואָרום זיי האָבען ניט
געוואוסט, אַז זי איז רבי עקיבא'ס ווייב. האָט רבי עקיבא געזאָגט:
„לאָזט זי, קינדער! איהר זאָלט וויסען, אַז איהר האָבען מיר דאָס
צו פערדאַנקען אי מיין תורה, אי אַייערע. ווען ניט אָט די פרוי,
וואָלט איך ניט געווען אַייער לעהרער און איהר — מיינע תלמידים".
רבי עקיבא האָט זיך בעזעצט אינ'ם געצעלט פון זיין ווייב, אָבזאָגענ-
דיג די רייכסטע לייט פון ירושלים, וועלכע האָבען איהם אַיינגעלאַ-
דען אין זייערע פרעכטיגע פּאַלאַצען. דאָס אָרימע געצעלט איז גע-
וואָרען העכער פון אַלע שענסטע הייזער, וואָרום דאָרט האָט געלעבט
דער גרעסטער געלעהרטער פון די יודען און אַהין פלעגט מען קו-
מען פון נאָהענט און ווייט צו הערען תורה און חכמה.

פון תלמוד. בעארבייט דורך י. לעוונער.

מ ו ש ל ם — א פאלקאמענער מענש; א מענש וואס קען א סך חכמות. א מענש מיט
פיעלע מעלות.

מענדעלע מוכר ספרים.

הערשעלע דער דאָקטאָר.

פרייטאָג איינמאָל אין דער פריה, די מאַמע האָט גענומען אין
קלייטעל אויף באָרג פעפער, צימערינג און מעהל אויף שבת, לַקְחֶ'ענט
אונזער הערשעלע שטילערהייט אַראָב צו ביסלעך פון די דאָזיגע זאַ-
כען און אַוועק, שאַ, קיטש, אַהין, אויפ'ן פרייען גראָז, אויפ'ן לעדיגען
פלאַץ הינטער דער שטוב. ער זיצט זיך דאָרט נעבען פלויט, פאַר
איהם שטעהט אַ קליין פאַפירען קעסטעלע, וואָס קאָסט איהם דריי
קנעפלעך מיט אַ יערכען בייטעלע אַ צוגאָב דערצו. אין קעסטעלע גע-
פינען זיך עטליכע קליינע פלעשעלעך, פאַר וועלכע אַ חבר זיינער
האָט ביי איהם גענומען אַ נוס, אַ צוויילינג, וואָס אַז ער האַלט איהם
אין מויל ביי דעם נים-שפיעלען, איז ער איהם שטאַרק מַזָל'דיג גע-
ווען אויף אָבצודאַצען די קינדער, אויך אַ גרויסען זשוק מיט לאַנגע
הערנער, גיהאַנגען צוגעבונדען אויף אַ לאַנגער פערדישער סטרונע. און
בשעת די מאַמע פאָרעט זיך אין שטוב דאָרט, ברעכט, נעבעך, זיך
דעם קאָפ, ווי עס איז פונ'ם ביסעל מאַטעריאַלען עפּעס צו מאַכען,
פאָרעט זיך אויך איהר זוהנדעל דאָ מיט דעם אַראָבגעלקח'ענטען
פעפער, צימערינג, מעהל און שְׁאָר-יְרָקוֹת, צו מאַכען דערפון רפואות,
וועסערלעך, טראָפענס אין די פלעשעלעך. פאַרטיג מיט די רפואות,
טראַכט ער ביי זיך: אַצונד וואו נעהמט מען עפּעס אַ קראַנקען, טאַקי

מיט אַ גוטער אֱמֶת'ר מַכָּה, צו בעווייזען די גרויסע קונץ אין דאָקטאָריע? און ווי ער זיצט זיך אַזוי און טראַכט, דערזעהט ער פון דער ווייטענס, ווי משֶה־יאָסי, אַ פאַרוואָהרלאָזטער יתום, אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער, פאָהרט אויף אַ שטעקען רייטענדיג און אַרבייט, נעבעך, פאַר אַלע גאָר אַ שרעק: פאַר דעם פוהרמאַן, אויך פאַר דעם פערדעל און אויך פאַר דעם וואָגען. ער שמייסט דעם שטעקען, אָנטרייבענדיג איהם מיט אַ געשריי: וויאָ, וויאָ! ער הייבט פיסלעך, פוצט אויס דאָס בייכעל, פערוואָרפענדיג אַהינטער דאָס קעפעל, הירזשעט ווי אַ פערד, שפרינגט האָץ־האָץ און לויפט גאַלאָפּ; ער פויקט מיט דער האַנד אויף די אָנגעפּוישטע באַקען: פון דער זייט אַ קלאַפּ, פון יענער זייט אַ קלאַפּ; חריפּעט, סקריפּעט און מאַכט אויף אַלערליי משונה קולות: טראַ־טראַם־טראַראַראַם! חואַ־חיפּ־סיפּ! ווי אַ קלאַפּעריי און אַ סקריפּ פון רעדער; ער יאָגט לעבעדיג, קנאַקענדיג־טשאַקענדיג, פייפענדיג, גלייך צו הערשעלען און, צוקומענדיג נאָהענט, טהוט ער אַ הירזשע, דערנאָך אַ געשריי: טפּררוא! און שפּרינגט אַראָב פון'ם שטעקען.

אונזער הערשעלע פאַלט אויף אַ הַמְצָאָה ביי משה־יאָסי'ס אָנקומען, און נישט לאַנג געטראַכ'ט, מאַכט ער צו איהם אויף קונדעס־לשון אַזוי:

— סויסע־סאָסי, משה־יאָסי, סו סילסט, דו ווילסט, סאַן סראַנק, זיין־קראַנק?

— סיין־ניין! — ענטפערט משה־יאָסי אָב, אויך אויף דעם אייגענעם לשון טאַקי, — סאָל סאָט, זאָל גאָט, סיטען היטען.

— זאָג יאָ, נאַרעלע. טאַקי גאָר אָהן קאַמאָוועס. גענוג דייטש! — מאַכט הערשעלע, — לאָמיר רעדען פּראָסט יודיש. זאָג־זשע יאָ, נאַרעלע, וואָס קען דיך עס אַרען? דו זיי קראַנק, און איך וועל דיר געבען רפואות... נו, דו ווילסט?

— איך וויל, הערשעלע, איך וויל בעסער עסען.

— עסען?... עסען, משה־יאָסעלע, האָב איך נישט, נאָר צוזאָגען אויף שפּעטער אַמאָל — יאָ, זאָג איך צו. נאַ דיר מיין האַנד תְּקִיעַת־כַּף. נו, וועסטו שוין זיין קראַנק, נאַרעלע?

— איך בין דאָך אָבער געזונד, הערשעלע!

— נישקשה, נאַרעלע, איך וועל דיך מאַכען קראַנק: איך וועל דיר טהאָן אַ דראָפּעלע, אַ קליין דראָפּעלע אונטען אויפ'ן פוס. זעהסטו, אָט מיט דעם טשוואָק.

אַזוי רעדט הערשעלע אַיין דעם חבר און נעהמט פון דער פּלודערען־קעשענע אַרויס אַ פאַרזשאַווערטען טשוואָק.

— עס וועט דאָך אָבער וועה טאָן, הערשעלע!

— גאָר אַ קליין דראַפּעלע, משה־יאָסעניו, ווי איך בין אַ ייד! עס וועט וועה טאָן אַ ווײַלע און באַלד טאַקי אויפהערען. איך ... דאָך דיך היילען, איך מיין דאָך דיין טובֿה. וואָס דען? דיין טובה, נאַרע־לע, מיין איך דאָך... און דו ווילסט עס נישט פערשטעהן.

— גיב זשע מיר, אויב יאָ אַזוי, באַלד טאַקי עסען. אַי, בין איך הונגעריג, הערשעלע!

— אַ געראם אַ ביסעל!—מאַכט הערשעלע, אָנ׳ברוגז׳ענדיג זיך קלאָמפּערשט,—געה דיר, געה! איך וויל ג...הם היילען, טהאָן אַ טובה, און ער עסען! פרעסען!...

אויף דעם דאָזיגען שמועס קומען אָן עטליכע ווייסע־חברה־ניקעס, זיי קוועלען גאָר אָן פון הערשעלעס אַפּטייקעל און פון דעם אײַנפאַל זיינעם, נעהמען זיך שטאַרק צו משה־יאָסי׳ן אײַנצושמועסען איהם מיט גוטע רעד:

— משה־יאָסעניו, דו נאַרעלע אײנער! אַבי מען מאַכט דיך נאָר קראַנק, וועט מען דיר דערנאָך, נישט׳קשה, שוין אונטערדרוקען עפּיס קייען. דו פערשטעהסט?...

איטליכער גיט איהם די האַנד תּקיעת־כּף, איבערשלאָגענדיג מיט אַ ציצה. משה־יאָסי קוקט איבער די ציצה, אויב זי איז נישט, חלילה, קיין פּסול׳דיגע, און אַז ער זעהט, זי איז כּשר, די אַלע אַכט פעדים מיט די פיער קניפּלעך זענען ווי געהעריג איז, רופט ער זיך אָן, אויפשטעלענדיג אַ פינגער נעבען דער נאָז, מיט אַ התראה:

— געדענקט זשע, קינדער! אויב נישט, וועט אײַך גאָט שטראָ־פען. זאָגט אָמן!

משה־יאָסי שטרעקט אויס, אין אַ גוטער שעה, דעם פוס, די יונגלעך האַלטען איהם גוט פון ביידע זייטען, און הערשעלע נעהמט זיך צו דער פּיאַטע זיינער מיט דעם טשוואָק. פריהער מאַכט ער איהם פאַמעליך אַ קליין דראַפּעלע,—משה־יאָסי פערבייסט די ליפען און שווייגט; דערנאָך גיט ער איהם אַריין אַ ביסעל טיעפער מיט׳ן טשוואָק,—משה־יאָסי מאַכט: אַי־אַי־אַי! חברה טרייסט איהם: נישט׳קשה, לאָז זיך, נאַרעלע, לאָז! מען וויל דאָך דיר געבען אַ רפואה... הער־שעלע איז נישט פויל און שטופּט דעם טשוואָק אַריין נאָך ווייטער, עס רינט בלוט,—משה־יאָסי רייסט זיך פון די יונגלעכס הענד און שרייט: געוואַלד!

— שאַ, שאַ, סויסע־סאָסי, משה־יאָסי!—נעהמט איהם אונזער הערשעלע אײַן אויף קונדעס־דייטש מיט אַ פרעהליך האַרץ,—סי־סאָקע,

די מַכָּה דיר, האָב איך שוין געמאַכט. אַצונד בעקומסט־דו פון מיר סרועה, אַ רפואָה.

הערשעלע נעהמט אַ פלעשעלע און גיסט זיינע טראָפּענס אויף משה־יאָסי׳ס פרישער וואונד. ער פערקרימט זיך, נעבעך, אַ שרעק, שרייט: עס ברענט, געוואַלד, עס ברענט!—נישט מיט זיין קול.

משה־יאָסי האָט טאַקי געהאַט רעכט, געוואוסט, נעבעך, וואָס ער שרייט. די טראָפּענס זענען געווען צו שטאַרק פעפערדיג און גע־ברענט ווי פייער דאָס רויהע פלייש אין דער בלוטיגער מַכָּה. ער האָט געצאַפּעלט, געקרעכצט און זיך פערגאַנגען, וויינענדיג פאַר גרויס וועהטאָג.

די קונדסים האָבען געחאַפּט אַ ציטער און זיך צעלאָפען. הער־שעלע איז אויך אַנטלאָפען אַביסעל אין דער זייט און זיך געשטעלט קוקען פון דאָרט אויף זיין חולה. אַ היבשע צייט האָט ער, נעבעך, זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, שרייענדיג אַלץ אין איין קול: עס ברענט, ברענט! דערנאָך איז ער ווי עס איז אויפגעשטאַנען און האָט מיט אַ יאָמער, אַ קלאָג זיך געלאָזט געהן זיין וועג, הינקענדיג שטאַרק אויף דעם רעכטען פוס. געקומען איז ער געזונד און אַוועקגעגאַנגען קראַנק. ער איז געקומען הונגעריג, נאָר לעבעדיג, פרעהליך, הַנָאָה האָבענדיג פון דער ליכטיגער וועלט, פונ׳ם שענעם פריהמאָרגען— און האָט, פאַר גרויס גוטסקייט פון זיינע חברים צו איהם, בעקומען אַ מכה!..

משה־יאָסי איז אַוועקגעלעגען אַ היבשע צייט מיט אַ פוס גע־שוואָלען ווי אַ באַרג.

לקח׳ענט—נעהמט שטילערהייט, גנב׳עט. יערכע—א יונג שעפעלע. א יערכען בייטעלע—א בייטעלע, וואס איז אויסגעארבייט פון דער פעל פון א יונג שעפעלע. אבדאצען—אויסנארען, געווינען. שאר־ירקות („די איבעריגע קרייטעכצער")—פער־שיעדענע זאכען; פערשיעדענע מאטעריאלען. פארוואהרלאזטער—אזוינער, וואס קיינער קוקט זיך אויף איהם ניט אום; א׳אבגעריסענער, אבגעלאזענער, פערוואגעלטער. קלאמפערשט—כלומר׳שט. התראה—א ווארנונג.

א. קרילאָוו.

דער שפּיגעל און די מאַלפּע.

אַ מאַלפּע האָט דערזעהן אין שפּיגעלע איהר פָּנים
און זאָגט צום בער: „אוי וועה צו מיינע שׂוֹנְאִים...
ר׳ בערעל, זייט מיר אַזוי גוט
און טהוט
אַ קוק אויף דער מְשׁוּנֶה־דיגער בְּרִיאָה,

אײהר האָט, דוכט מיר, אַ גוטע ראָיה...
איך בעט אײַך, זעהט אַ מויל—
ס׳פֿאַלט פּשוט אָן אַ גרויל...
וואָס זאָגט איהר, פעטערעל, צו דער הָעוויָה
פון דער פערשייטער חַיָה?
כ׳וואָלט אפשר, שווער איך אײַך, שוין מאָרגען
זיך באַלד דערוואָרגען,
ווען איך אַליין
וואָלט אויך געוועזען אַזוי שען.—
און כ׳גיב אײַך, פעטערעל, מיין האַנד,
אַז כ׳האָב אין אונזער קאַנט
אַזוינע ניוויקעס געזעהן
אַ שטיקלעך צעהן!"
— וואָס דאַרפט איהר זיך, מיין פריינד, אַזוי פיעל קלעמען,
מיט זיי זיך שעמען?...
מאַדאַם! גיט בעסער גוט אַ קוק,
אויף אײַער אייגען שנוק"...
די מאַלפּע הערט ר׳ בערעל׳ס עֵצה
און, כּלא ידע, קוועטשט זי מיט דער פלייצע...

(איבערזעצט פון ריוועסמאַן).

ניוויקעס — מיאוס׳ע מענשען, נידעריגע ברואים. כלא ידע — ווי איינער, וואס מאכט זיך ניט וויסענדיג.

מענדעלי מוכר ספרים.

יודישע שטעדטלעך.

אין יודישע שטעדטלעך איז אַ נאָהענטער שכן אַנ׳אייגענער, מענש, געהער צו דער משפחה און מאַכט אויס מעהר ווי אַ לייבליכער קרוב אין די גרויסע שטעדט. קליינשטעדטעלדיגע שכנים וויסען איינער ביים אַנדערען אַ מינדסטע זאַך, וואָס מען רעדט, וואָס מען קאָכט ווארעמעס, איטליכס פיצעלע, וואָס עס טהוט זיך אין שטוב. איינער דעם אַנדערען קוקט נאָך, טשאַטעוועט ווי אַ שפיאָן. מען קריגט זיך, זידעלט זיך און מען בעט זיך איבער, כדי ווידער אויף דאָס ניי זיך צוקריגען. שכנות קריכען איינע צו דער אַנדערער נאָך אַ קויל פייער, לייהען אַ האַקמעסער, אַ ריבאַייזען, אַ כּשר-שטיין, אַ פאַרעווען טאָפ, אַ ווייקשעפעל און אַנ׳איי אויף חלה-שמירען; האַלטען זיך אַני-עצה, אויף וויפיעל אייגלעך אָנצוהויבען די פיאַטע, ווען אָבצולאָזען

און פערשליסען דעם זאַק; פערהערען זיך אין איינגעמאַכטס-פרעגלען פון אַגרעסען, אין אויספלעכטען דעם פורים-קוילעטש און אַבצוויקלען די קישעלעך; טראָגען איינע צו די אַנדערע וויזען אויף חידושים דעם המן-טאַש אויף פורים, דעם קניש און דעם פיינקוכען אויף שבועות; איינע ווינשט דער אַנדערער: דערלעבט איבער אַ יאָהר אין פיעל גוטס מיט דעם מאַן און די קינדער.

טשאטעווען — נאכקוקען, זיך אונטערקוקען, אונטערהערען. **איינגעמאכטס** רופט מען אין איינינע געגענדען יעדערליי ווארעניע. **קישעלעך** — פורים-געבעק. **אבצוויקלען** — מאכען מיט א צוויקעלע אלערליי פיגורען און פערציהרונגען אויף דעם טייג פון א געבעק. **קניש** — אזא מין פלאדען.

שלום-עליכם.

חנוכה-געלד.

טרעפט, קינדער, וואָסער יום-טוב איז דער בעסטער פון אַלע ימים-טובים?

חנוכה.

אַכט טאָג כסדר נישט געהן אין חדר, עסען לאַטקעס מיט שמאַלץ, שפיעלען אין דריידעל און בעקומען פון אַלע זייטען חנוכה-געלד—נו, בעדאַרף מען נאָך אַ בעסערען יום-טוב?

ווינטער. דרויסען איז קאַלט, דער פראָסט ברענט מיט סכנות, די פענסטער זענען פערקאָוועט, בעדעקט מיט שניי, צעמאָלט אויף'ן שענסטען אָרט, און אין שטוב איז וואַרעם—מחיה-נפשות. דאָס זיל-בערנע חנוכה-לעמפעל שטעהט צוגעגרייט נאָך פון ביי-טאָג. דער טאַטע געהט אום איבער'ן שטוב די הענד אַרונטער און דאַווענט מעריב. אויסגעשטאַנען שמונה-עשרה נעהמט ער אַרויס פון טישקעסטעל אַ וועקסען ליכטעל (דעם שמש), זאָגט „עלינו“ און מאַכט צו אונז (צו מיר מיט מיין יונגערען ברודער מאָטעל) אויף לשון-קודש:

— אי, אָ, נו!... אמי!... אמי!

איך און מיין ברודער מאָטעל לאָזען זיך לויפען ביידע איינס איבער'ן אַנדערען.

— מאַמע! גיכער, חנוכה-ליכטלעך!

— אוי, אַ מכה איז מיר, חנוכה-ליכטלעך!—זאָגט די מאַמע און וואַרפט אַוועק אַלע אַרבייט אין קיך (מע האָט געקוילעט גענז, מע פרעגעלט שמאַלץ, מע האָט געראָשטשינעט לאַטקעס) און לאָזט זיך לויפען אין שטוב אַריין, און נאָך איהר—ברײַנע די קעכין, אַ שוואַרצע יודענע מיט וואָנסען, מיט אַ פעט פנים און מיט תמיד פעטע אויסגע-

שמירטע הענד. די מאַמע שטעלט זיך אָוועק אָן אַ זייט און מאַכט אַ פרום פּנים, און ברײנע די קעכין בלײבט שטעהן בײ דער טהיר, ווישט די הענד אינ׳ם קויטיגען פאַרטוך, טהוט אַ שמיר מיט דער פעטער האַנד איבער דער נאָז פון אונטען אַרויף און לאָזט איבער אַ שוואַרצען צייכען איבער׳ן גאַנצען פּנים. מיר זענען שטאַרקער פון אייזען, איך און מײן ברודער מאָטעל, אַז מיר האַלטען זיך אײן און שיסען ניט אויס קיין געלעכטער.

דער טאַטע געהט צו מיט׳ן אָנגעצונדענעם שַׁמָּשׁ צום חנוכה־לעמפּעל, בויגט זיך אָן און מאַכט די בְּרָכָה מיט׳ן בעקאַנטען נִגוּן: „בָּרוּךְ אַתָּה!‟ און לאָזט אויס: „לְהַדְלִיק נֵר שֶׁל חֲנוּכָּה!‟

די מאַמע ענטפערט מיט גרויס יִרְאַת־שָׁמַיִם: „בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ, אָמֵן‟, און ברײנע שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ און מאַכט בְּשַׁעַת מַעֲשֶׂה אַזעלכע פּיסקעס, אַז איך און מײן ברודער מאָטעל האָבען מוֹרָא אַ קוק טהאָן אײנס אויף דאָס אַנדערע.

„הַנֵּרוֹת הַלָּלוּ שֶׁאָנוּ מַדְלִיקִין‟—זינגט דער טאַטע אונטער דער נאָז און שפּאַצירט אַרום הין און צוריק איבער׳ן זאַל, קוקט אויפ׳ן חנוכה־לעמפּעל, זאָגט און זאָגט און הערט גאָר נישט אויף צו זאָגען. מיר וואָלטען וועלען, עס זאָל שוין האָבען אַ־עק, ער זאָל זיך שוין נעה־מען צו דער קעשענע, צום בײטעלע. מיר ווינקען זיך איבער, שטו־פען אונטער אײנס דאָס אַנדערע:

— מאָטעל, געה צו, זאָג איהם חנוכה־געלד.

— וואָס עפּיס איך זאָל זאָגען חנוכה־געלד?

— אַזוי, וואָרום דו ביזט קלענער, בעדאַרפסט דו בעטען חנוכה־געלד.

— טאָמער פערקעהרט, דו ביזט עלטער, בעדאַרפסט דו בע־טען חנוכה־געלד?

דער טאַטע הערט גאַנץ גוט, אַז מיר ריידען פון חנוכה־געלד, נאָר ער מאַכט זיך ווי ער הערט ניט. שטיל, נישט געהאַפּט, געהט ער צו צום טישקעסטעל און צעהלט געלד. עס געהט אונז איבער אַ קליין פרעסטעל איבער׳ן לייב, עס ציטערען די הענד, עס קלאַפּט דאָס האַרץ. מיר קוקען אויף דער סטעליע, קראַצען זיך אונטער דער פֵּאָה, מאַכען זיך, כְּלוֹמֶר׳שט, קאַלטבלוטיג, גלייך ווי ניט אונז מיינט מען.

דער טאַטע טהוט אַ הוסט.

— הַם... קינדער, קומט נאָר אַהער.

— האַ? וואָס איז?

— נאַט אײך חנוכה־געלד.

בעקומען אונזער חנוכה־געלד, לאָזען מיר זיך געהן, איך און

מײַן ברודער מאָטעל, פֿריהער פֿאַוואָלי, ווי די סטאַטיקעס, און נאָכ־
דעם גיכער און גיכער, מיט אַ שפּרונג אונטער און מיט אַ טאַנצעל, און ביז מיר קומען אין אונזער חדר׳ל אַרײַן, קאָנען מיר זיך ניט אײַנהאַלטען, קוליען זיך איבער דרײַ מאָל מיט׳ן קאָפּ אַראָב, מיט די פֿיס אַרויף, שפּרינגען אויף אײן פֿוס און זינגען אונטער:

אײנגע בײנגע,
סטופֿאַ צײנגע,
אַרצע באַרצע,
גאָלע שוואַרצע,
עימעלע רײמעלע
בײגעלע פֿײגעלע,—
האָפּ!

און פֿאַר גרויס שׂמחה און התפּעלות געבען מיר זיך אַלײן צו צוויי פּעטש אין די באַקען.

עס עפֿענט זיך די טהיר און עס קומט אַרײַן דער פֿעטער בעני.

— חבֿרה פּלעצעל, אײַך קומט חנוכּה־געלד!

דער פֿעטער בעני לעגט אַרײַן די הענד אין זשילעט־קעשענע, נעהמט אַרויס צוויי זילבערנע גילדען און גיט אונז חנוכּה־געלד.

פֿערקאָוועט — פֿערשמידט. יראת־שמים — גאָטס־פֿאַרכטיגקײט, פֿרומקײט.
מאַכען פּיסקעס — קנײטשען די ליפּען צום וויינען.

א. ליטוואַק.

די ליכטלעך.

שוואַרץ זענען אין כּסלו די נעכט. שוואַרץ און פֿינסטער. פֿון אויבען אַ כמאַרע, אַ געדיכטע, אונטען זומפּיג, קײן באָדען ניטאָ.

און אין אײנע פֿון די דאָזיגע נעכט פֿון כּסלו צינדען זיך אין די פֿענסטער ליכטלעך אָן. אָט ערשט איז אַרום חושך ואפֿלה געווען, און פּלוצלונג האָט זיך אין דער פֿינסטער אָנגעצונדען אַ ליכטעל. עלענד קוקט דאָס ליכטעל אַרויס, ווי אַ יתום: קוים־קוים וואָס עס צאַנקט אין דער פֿינסטערניש. נאָר אָט האָט זיך אָנגעצונדען אין אַ צווייטען פֿענסטער, אין אַ דריטען, און ס׳דוכט זיך, אַז ליכטלעך רופֿען ליכטלעך, ליכטלעך צינדען ליכטלעך. זיי גריסען, שמייכלען צו איינס דעם אַנדערן: דו ביסט דאָ? איך אויך! איך אויך! אַלע, אַלע, אָט אַזוי, אַלע! אַלע! און באַלד ווערט די גאַנצע גאַס בע־לעבט פֿון פֿייערלעך, בעשטראַהלט פֿון קליינינטשקע נאַכט־שטערענדלעך.

און האָפֿערדיג ברענען איצט די ליכטלעך. זיי זענען שוין ניט

עלענד מעהר. אַרום און אַרום פייעריגע לייכטענדע ברידער, אַ גאַנ-
צע מַחֲנֶה ליכטלעך קעמפפט מיט דעם חושך.

אַ קינד בין איך געווען און כ'האָב ליעב געהאַט אַרויסקוקען
אויפ'ן גאַס אין די דאָזיגע נעכט פון כסליו. אויבען אַ הימעל אָהן
שטערען, אונטען די גאַס אין בלאָטע פערטרונקען. און פון די זייטען
אַרום און אַרום, וואו דו וואַרפסט נאָר דיין בליק, זעהסטו ליכטלעך,
ליכטלעך-פייערלעך, ליכטלעך-שטערענדלעך, און אויפ'ן האַרצען ווערט
פרעהליכער, ליכטיגער, עפּיס ווי די אַלע פייערלעך וואָלטען זיך צו
מיר אינווענינג אין האַרצען פערקלייבען, און, צונויפגעגאָסען אין איין
שטערן אַ גרויסען, בעלויכטען זיי און דערוואַרעמען מיין נשמה. און
איך טראַכט: יעדע זאַך אין איהר צייט. טייער איז דאָס ליכטעל
ביי-נאַכט, אין אַ פינסטערע כסליו-נאַכט, בְּעֵת דאָס אויג זוכט אַ שטראַהל,
בעת דאָס האַרץ גלוסט, געהט אויס נאָך אַ פייערעל. איך קוק אויף
די ליכטלעך, און די קליינע ליכטיגקייט, וואָס זיי פערשפרייטען,
פליסט מיר אין האַרץ אַ בענקעניש אַריין: כ'בענק נאָך ליכט, אַ סך
ליכט, נאָכ'ן טאָג, נאָך דער זון... און די ליכטלעך שאָקלען מיר צו
מיט זייערע גאָלדענע קעפּעלעך, פינטלען צו מיט זייערע פייעריגע
אויגעלעך: ער וועט קומען, דער טאָג, ער וועט קומען! מיר וועלע'
איהם ברענגען: זעהסט וואָס פאַר אַ פולע מיר זענען!

היילּיג זענען די ליכטלעך אין די פינסטערע נעכט פון כסליו.

האפּערדיג — מוטהיג, דרייסט.

שלום-עליכם.

כְּלֵי-זֶמֶר.

פון זינט איך בין צו מיין שֵׂכֶל געקומען, בין איך אויסגעגאַנ-
גען נאָך אַ פידעל און האָב ליעב געהאַט גלאַט כלי-זמר, ווי דאָס
לעבען! איז געווען ערגיץ אַ חֲתוּנָה אין שטעדטעל, בין איך געווען
דער ערשטער, וואָס איז געלאָפען מְקַבֵּל-פָּנִים זיין די כלי-זמר, זיך
פער'גַנְבֶ'נען פון אונטען צום קאָנטרעבאַס, אַ ציה טהאָן ביי דער גראָ-
בער סטרונע—בום! און אַנטלויפען; בום! און אַנטלויפען; פאַר דעם
דאָזיגען „בום" האָב איך אַמאָל געחאַפּט פון בערעל באַס אַ מיאוס'ען
פְּסַק. בערעל באַס, אַ בייזער יוד מיט אַ צעפּלעטשטער נאָז און מיט
אַ שאַרפען קוק, האָט זיך געמאַכט, ווי ער זעהט ניט, אַז איך גנב'ע
זיך צום קאָנטרעבאַס, און בשעת איך האָב אויסגעצויגען די האַנד צו

דער גראָבער סטרונע, האָט ער מיך אָנגעחאַפּט פאַר׳ן אויער און אָבגעפיהרט מיך מיט כָּבוד גלייך צו דער טהיר:

— נאַ, מַמְזֵר, קוש די מְזוּזָה!

דאָס האָט מיך אָבער ווייניג וואָס אָנגעלערענט: איך האָב נישט אָבגעטראָטען פון די כּלי=זמר אויף קיין האָהר, איך האָב זיי ליעב געהאַט אַלע, פון שייקע פיעדעלע מיט דער שענער שוואַרצער באָרד און מיט די דינע ווייסע פינגערלעך, ביז געצי פייקלער מיט׳ן שענעם האָרב און מיט׳ן היבשען—איך בעט אַייך איבער אַייער כּבוד—פּליך איבער די אויערן. נישט איינמאָל בין איך געלעגען אונטער אַ באַנק און געהערט, ווי די כּלי=זמר שפּיעלען, און פון דאָרטען, פון אונטער׳ן באַנק, געקוקט אויף שייקע׳ס דינע פינגערלעך, ווי זיי טאַנצען איבער די סטרונעס, און זיך צוגעהערט צו די זיסע קולות, וואָס ער האָט אַזוי קונציג אַרויסבעקומען פון זיין פיעדעלע.

אַ צעקאָכטער פלעג איך נאָכדעם אַרומגעהן עטליכע טאָג כְּסֵדֶר, און שייקע מיט׳ן פיעדעלע איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגען. ביי= נאַכט האָב איך איהם געזעהען אין חָלוֹם און ביי=טאָג אויף דער וואָהר—ער איז מיר נישט אַרויס פון׳ם קאָפּ. אַז קיינער האָט נישט געזעהען, פלעג איך מיר פאָרשטעלען, אַז איך בין שייקע פיעדעלע, אויסבויגען די לינקע האַנד און מאַכען מיט די פינגער און געבען אַ פיהר מיט דער רעכטער האַנד, ווי מיט׳ן סמיק, בשעת=מעשה פערוואָרפען דאָס קעפּעל אויף אַ זייט, די אויגען אַ ביסעלע צוגע= מאַכט,—פּונקט ווי שייקע, ס׳זאָל דאָס פעהלען אַ האָהר!

האָט דערזעהען דער רֶבִּי נָטַע=לֵייב—ס׳איז געווען סאַמע ביי׳ם לערנען—אַז איך מאַך עפּעס מיט די הענד און פערוואַרף דאָס קע= פּעל און גלאַנץ מיט די אייגלעך, האָט ער מיר אָבגעשטעקט אַ רעכ= טען פּאַטש:

— אַ הולטייי קאָן! מע לערענט מיט איהם קמץ=אַלף, מאַכט ער הַעֲוָיוֹת, חאַפּט פליגען!

שלום=עליכם.

סטעמפעניו.

אוי, איז סטעמפעניו געווען אַ בְּרִיָּה! ער פלעגט אַ חאַפּ טהאָן דאָס פיעדעלע און אַ פיהר טהאָן מיט׳ן סמיק, איין פיהר טהאָן, נישט מעהר, פלעגט דאָס שוין אָנהויבען ביי איהם צו רעדען; אָבער ווי אַזוי מיינט איהר רעדען? טאַקי מיט ווערטער, מיט אַ צונג, ווי, לְהַבְדִיל, אַ לעבעדיגער מענש: רעדען, טַעֲנָה׳ן, זינגען מיט אַ געוויין, אויפין יודי=

שען שטייגער, מיט אַנ׳אויסגעשריי פונ׳ם טיפען האַרצען, פון דער נְשָׁמָה. דעם קאָפּ פלעגט סטעמפעניו פערוואַרפען אויף אַ זייט, די לאַנגע שוואַרצע פּאַטלע האָט ער צעוואָרפען אויף זיינע ברייטע אַקסלען, די אויגען, די שוואַרצע ברענענדיגע אויגען, פערריסען אַרויף, און דאָס שענע ליכטיגע פָּנים פלעגט ביי איהם ווערען מיט אַ מאָל בלייך, ווי דער טויט, אָט נאָך איין מינוט—אוים סטעמפעניו! מען זעהט נאָר, ווי אַ האַנד פליהט אַרויף און אַראָב, אַרויף און אַראָב, און עס הערען זיך פערשיעדענע קולות, און עס גיסען זיך אַלערליי מינ׳ע געזאַנגען, און אַלץ אַזעלכע אומעטיגע, טרויעריגע, אַז עס נעהמט אָן ביי׳ם האַרצען, עס ציהט ביי דער נשמה, עס נעהמט אַרויס דאָס געזונד. דער עולם געהט אויס מיט אַלע כוחות, מען שטאַרבט, מען שטאַרבט מיט אַלע אֵבָרים; דאָס האַרץ ווערט פול, צעווייקט און עס שטעלען זיך טרעהרען אין די אויגען, יודען זיפצען, יודען קרעכ־צען, יודען וויינען, און סטעמפעניו? ווער סטעמפעניו! וואָס סטעמ־פעניו! פרעגט איהם בְּחֵרֶם, וואו ער איז אין דער וועלט! ער טהוט זיך זיינס: „טיאָך־טיאָך־טיאָך“—און געגוג. און אַז ער הערט אויף צו שפּיעלען, טהוט ער אַ שמיץ דאָס פיעדעלע און נעהמט זיך אָן ביי׳ם האַרצען; די אויגען ברענען איהם דעמאָלט ווי צוויי הַבְדָלוֹת, און זיין שען פנים שיינט, ווי די גאַנצע וועלט. דער עולם האַפּט זיך אויף, ווי פון אַ שלאָף, פון אַ טרויעריגען, נאָר אַ זיסען שלאָף, און אַלע יו־דען הויבען אָן אַרויסצוזאָגען זייער הִתְפַּעֲלוּת, אַלע אין איין קול: מען אָכקעט, מען אָכקעט, מען לויבט, מען שמיצערט, מען וואונדערט זיך, מען קאָן זיך גאָר ניט אָבלויבען.

— ננוו, סטעמפעניו! אַי, סטעמפעניו!

פאַטלע—לאַנגע געדיכטע האָר. שמיצערען—טשמאַקען מיט די ליפען, פייפען.

ש. טייטש.

דער ערשטער שניי.

דער הערבסט האָט די אויגען די מידע פערמאַכט:
ס׳האָט עמיץ בעזילבערט די ערד ביי דער נאַכט

און האָט אונז די שויבען מיט בלומען בעדעקט;
עס האָט אינ׳ם צימער מיט שנייען פערשמעקט;

און ליכטיג איז, ליכטיג—דאָס אויג ווערט פערבלענדט!
דער שפּיק פונ׳ם טורעם אין זונען־שיין ברענט;

און ס'דרעהט זיך דער ווינד אינ'ם געסעל און לאַכט:
דער הערבסט האָט די מיעדיגע אויגען פערמאַכט.

מענדעלע מוכר ספרים.

דער קלייט-משרת.

מיין עובדא איז געווען אָנצוהאַפּען איטליכען, וואָס איז דורכגעגאַנגען, מיט אַ ליאַרעם, מיט אַ געשריי און שלעפּען איהם אין קלייט אַריין. איז עמיצער פאַרבייגעגאַנגען אויף דער גאַס, פלעגט מען מיך אָנרייצען, אַזוי ווי אַ הונד, און איך האָב בעדאַרפט אַרויסלויפען, שרייען אין איין אָטעם: אַהער, פּאַני! וועבעלנע טיכלעך, ליינוואַנד, שלייקעס, מעסערלעך, קאַלאָשען אַמעריקאַנישע, ים-שוימענע שטעקלעך, מאַנדעל-זייף, פּאָמאַדע!—וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכען. תּחילת איז מיר דאָס געווען אַביסעל פּריקרע: ווי געהט מען עס גלאַט אַרויס שרייען אויף דער גאַס און פערשטעלען יענעם דעם וועג; ס'איז דאָך עפּיס משונה ווילד! איך פלעג אַביסעל אונטערפאַלשעווען, מאַכען די שפּיעל בקיצור און אַריינברענגען דורך דעם אין כעס מיין בעל-הבית מיט דער בעל-הבית'טע, וואָס פלעגען מיך זידלען, אויסמישען גלייך מיט דער בלאָטע און אויפוואַרפען מיר, אַז איך פרעס אומזיסט זייער זאַלץ און ברויט, חאָטש איך, נעבעך, האָב געהאָרעוועט, געאַרבייט איבער מיינע כוחות און געטהאָן אַלערהאַנד מלאָכות אין קלייט און אין שטוב; דערצו נאָך בין איך געווען אַ משרת ביי די עלטערע משרתים, פלעג זיי פאָלגען אין פייער, אין וואַסער אַריין, קריכען זיי אונטער די נעגעל און בין נאָך זעהר גערן געווען, אַז איך האָב דערביי פון זיי נישט געהאַפּט קיין פּסק און טרוקען פון זייערע הענד אַרויס. ווער שמועסט, ווען אַ משרת'ל פון דער אַנדערער קלייט פלעגט אַמאָל אַרויסרייסען אַ קונה ביי מיר פון די הענד, דאָ האָב איך שוין געמעגט זיך געזעגענען מיט דעם לעבען: אַלע ביי אונז אין קלייט פלעגען אויף מיר אַרויף, דער מיט דער צונג, דער אַנדערער מיט דער האַנד, און מען פלעגט מיר געבען, וויפיעל אין מיר איז אַריין; מיין מאַמע און דער טאַטע, ר' טעוועל דער מלמד, עליו השלום, פלעגען דענסטמאָל אויך גוט לייזען, מען פלעגט זיי, חלילה, נישט פערגעסען: געבען אי אין דער מאַמע'ן, אי אין דעם טאַטען אַריין, העט-העט ביז אַברהם אָבינו! פון עסען אין אַזאַ ביטערען שווערען טאָג איז גאָר קיין רעדע נישט געווען, איך האָב געפאַסט, נישט טועם-טעם געווען. מען פלעגט מיר אַפילו מתּיר

זיין עסען ווערים, קרענק, נאָר אַזוי ווי עסען ווערים, קרענק איז נישט פאַר קיין מענשליכען מאַגען, פלעג איך פערברייינגען דעם טאָג פּשוט אין אַ תּענית. און אַזעלכע תּענתים פלעגען מיר אָפט זיך מאַכען אַ פּאָר מאָל אין וואָך. אַז איך האָב אַ קוק געטאָן, ס׳איז שלעכט, האָב איך אַ נעהם געגעבען זיך צו מיין זאַך בּשלמות. ווי באַלד אַז עמיצער, וואָס ס׳דאַכט זיך נאָר, אַז ער איז אַ קונה, פלעגט זיך אַ וויַיז געבען פון דער וויַיטענס, אַז מיינער פלעגט ווי אַן אָבגעריסענער הונד פון דער קייט געשווינד אַנטקעגען איהם זיך אַ לאָז טהאָן, פערשרייען איהם דעם קאָפּ מיט דעם גאַנצען צעטעל סחורות, איהם פערלויפען דעם וועג און שלעפּען פאַר די פּאָלעס. איך פלעג אַפילו אַמאָל פון אַזעלכען בעקומען אַ קלאַפּ אָדער אַ שפּיי אין פּנים, נאָר איך אָבער פלעג מיר טאַקי טהאָן דאָס מייניגע, גלייך ווי מיר איז גאָרנישט געשעהן. מיט דער צייט האָב איך דערינען מיך אַזוי אייַנגעוועהנט, אַז דאָס שרייען איז ביי מיר געווען אַ חדוה, אַ פרייד. איך פלעג זעהר הנאה האָבען, ווען עס פלעגט מיר זיך מאַכען אַריינדערטאַפּען עפּיס אַ פּריץ, איהם פערדולען דעם קאָפּ און צווישען דעם צעטעל מיני צעלניק־סחורה איהם אויך רעכענען מיט אַ געשריי: „מאָזשע פּאַני פּאַ־ ריזשעסקי האַרצוועהטיג מיינע אויף דיין קאָפּ! פּאָמאַדא, מכּות, צרעת דיר, פּאַני!

דער דאָזיגער ענין המסחר מיינער אויף דער גאַס פלעגט מיך אָפט ברענגען אין אַ סכסוך מיט משרתים פון אַנדערע קלייטען, וואָס פלעגען אויך אָנחאַפּען קונים און שרייען. מיר האָבען זיך געריסען אינדרויסען, אַקוראַט ווי אונזערע בעלי־בתּים האָבען זיך געריסען צווי־ שען זיך אינוועניג אין די קלייטען איבער׳ן לייזעבק, ניש־מעהר נאָר מיט דעם הלוק: ביי זיי האָט מען געוואָרפען מקחים, אַראָבגעלאָזען די פרייזען, און ביי אונז, משרתים, האָט מען געוואָרפען קלעפּ, אַראָבגעלאָזען פעטש. און אַזוי ווי איך בין געווען דער קלענסטער, דער שלאַפסטער, איז פעררעכענט געווען אַ מצוה די אַלע בעסטע קלעפּ מיט די הייסע פייערדיגע פעטש, על פּי מענשליכקייט, מיר איינעם צוצולאָזען. אַזעלכע מתּנות אָבער זענען מיר נישט וואויל בע־ קומען, און פון אַזעלכע מצות על־פּי מענשליכקייט בין איך אוים מענש געוואָרען. הגם צו אַזעלכע מיני מסחרים איז אַ מענש נישט אַזוי שטאַרק נויטיג, אָהן דעם קען מען אויך זיין אַ „מענש״, אַ משרת הייסט עס, נאָר כּח, געזונד אָבער בעדאַרף מען דאָך טאַקי האָבען, און איך בין געוואָרען, פּשוט איז פּשוט, אוים מענש, דאָס הייסט אָהן כּח, אָהן קראַפט, קוים וואָס איך האָב מיך געהאַלטען אויף די

פים. אַ קאַטאָוועס וואָס איך בין נעבעך אויסגעשטאַנען! אין שטוב האָב איך בעדאַרפט טהאָן, העלפען אין בעל=הבית׳ישקייט, אין קלייט האָב איך בעדאַרפט אַרבייטען, ראַמען, קעהרען, איטליכען בעדיענען, איטליכען צופריעדען שטעלען, און עסען פלעג איך יסורים, קלעפ האָב איך געלייזט פון פרעמדע אי פון אייגענע. דער גרויסער משרת אין קלייט פלעגט מיר נאָך מעהר פון אַלע טהאָן צום טויט. איך בין איהם געווען עפּיס ווי אַ דאָרען אין די אויגען. פונדעסטוועגען וואָלט איך עס אפשר אַלצדינג איבערגעטראָגען, ווען עס זאָל נישט געווען זיך מאַכען די מעשה מיט אַ קנעפּעל.

איך האָב אַמאָל דערזעהען אין קלייט, וואַלגערענדיג זיך אַ מוטערפערלען קנעפּעל, וואָס האָט געפינקעלט, געלויכטען מיט אַלערליי קאָלירען און פערשיינט די אויגען אַזוי, אַז איך האָב בעקומען צו איהם אַ גרויסען יֵצֶר=הָרַע. דערביי איז מיר אַרויף אויפ׳ן זינען מיין קראַנקע שוועסטער: איך וועל איהר עס געבען אַ מתנה, זי וועט אַ שבת, אַ יום=טוב דערמיט זיך אויספוצען און זיך בעריהמען פאַר איהרע חבר׳טעס. דער דאָזיגער געדאַנק האָט מיר נאָך אונטערגעגעבען חשק, און אַז איך האָב גענומען דאָס קנעפּעל און אַריינגעלעגט עס אין קעשענע, איז דער גרויסער משרת, וואָס האָט עס אַלצדינג פון דערווייטענס געזעהען, באַלד צוגעלאָפען צו מיר מיט אַ געשריי: „אַזוי, שייגעץ, גנב איינער, דו לעגסט אין קעשענע? זעהט איהר, בעל=הבית׳טע, — האָט ער געזאָגט — יענע זאַכען, וואָס האָבען געפעהלט, איז אויך זיין מלאָכה!" קורץ, מען האָט מיר געמאַכט אַ וויסטען פינסטערען סוף, גוט אויסגעפּאַטשט און אַרויסגעטריעבען.

עובדא — ארבייט, בעשעפטיגונג. קלייט — קראם. טועם-טעם זיין — פערזוכען עפּיס, נעהמען אין מויל אריין. מתיר זיין — ערלויבען. צעלניק — גאלאנטעריינע סחורות.

דאָס קינד ליעגט אין וויעגעלע.

(פאָלקס ליעד).

דאָס קינד ליעגט אין וויעגעלע מיט אויסגעוויינטע אויגען,
די מאַמע ליעגט אויף דר׳ערד, די פּיס אויסגעצויגען.
ניטאָ קיין מאַמע
ניטאָ קיין נֶחָמֶה!

דאָס קינד ליעגט אין וויעגעלע און חַלֶשְׁ׳ט וויגען,
די מאַמע ליעגט אין קֶבֶר מיט שאַרבענס אויף די אויגען.

ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

ווער וועט דיך, מיין קינד, גלעטען און קאַמען,
ווער וועט דיר, מיין קינד, דאָס וויגעלע אויסראַמען?
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

ווער וועט דיך, מיין קינד, פּוצען און גלעטען,
ווער וועט דיר, מיין קינד, דאָס וויגעלע אויסבעטען?
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

ווער וועט דיך, מיין קינד, פּוצען און ציערען,
ווער וועט דיך, מיין קינד, אין חדר אַריין פיהרען?
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

ווער וועט דיך, מיין קינד, מאַכען פּאַר אַ מענשען,
און ווער וועט דיך, מיין קינד, אונטער דער חופּה בענשען?
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

אין דעם יתומ׳ס וויעגעלע האָט זיך אַריינגעחאַפּט אַ פייער,
ווי אויפ׳ן פרייען פעלד אין דער שטרוי פון אַ שייער.
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

י. ל. פּרץ.

די לעזערין.

פרייטאָג צו-נאַכט.

אינ׳ם שטיבעל איז שרעקליך שטיל, אין ד׳ אַמות שלאָפען זיעבען נפשות.

דער אַלטער וואַסער-טרעגער האָט נישט געהאַט נישט קיין פלייש, נישט קיין פיש, נישט קיין בראָנפען, נישט קיין חלה. ער האָט קידוש געמאַכט איבער ברויט. עס איז קוים אויף צוויי גראָ-שענדיגע בענש-ליכט געבליבען. ער האָט אַפילו קיין פריש העמד נישט בעקומען.

איין עונג־שבת איז געבליבען: אויסשלאָפען זיך פאַר אַ גאַנ־צער וואָך.

דעם זעלבען עונג־שבת האָט דאָס ווייב אויך. אַ גאַנצע וואָך לויפט זי אַרום אין די דערפלעך, קויפט אויף אייער, חזיר־האָר, שמאַטעס. די וואָך איז זי געלאָפען אָהן געלד, זי האָט אומויסט גע־בעטען קרעדיט און איז אַהיים געקומען פרייטאָג פאַרנאַכט אָהן סחורה, אַ געהרג׳עטע, אַ פער׳חלש׳טע... קוים האָט זי אָבגעבענשט ליכט, איז זי אויך אַנידערגעפאַלען און איז איינגעשלאָפען...

געוועהנליך שלאָפט דער וואַסער־טרעגער מיט דריי און זי מיט צוויי קינדער צוזאַמען. היינט זענען זיי ביידע צו פריה אנשלאָפען גע־וואָרען, די קינדער האָבען זיי נישט געוואָלט וועקען, און זיי ליעגען צעלעגט און חראַפּען אויף דער גאָלער ערד.

פון די בענש־ליכט צאַנקט נאָך איינס, און פון די שטוב־נפשות איז נאָך איינע וואַך.

די עלטסטע טאָכטער.

די צעפלאָסענע האָר זענען רויט, דאָס פּנים—געל: גענעהרט פון קאַרטאָפעל נישט צו דער זאַט. אין די אויגען דאָך ברענט: די איינ־געפאַלענע ברוסט הויבט זיך און פאַלט, די דאַרע הענד ציטערען...

זי לעזט ביי׳ם צאַנקענדיגען ליכט אַ בוך. די ליפען ציטערען פאַר אונגעדולד.

זי איז צורודערט. זי שרעקט זיך: טאָמער געהט איהר אויס דאָס ליכטעל, און זי וועט נישט דערלעזען ביז׳ן סוף.

ד׳ אמות — פיער איילען. עונג־שבת — שבת׳דיגער פערגעניגען. צעפלא־סענע — פאנאנדערגעלאזטע.

ז. סעגאַלאָוויטש.

אויף די פעלדער.

I.

אויף די פעלדער איז עמיץ
אַ ווייסער געפלויגען,
ער האָט אַלע טייכלעך
מיט זילבער בעצויגען.
ער האָט אויף די לאָנקעס
זיין מאַנטעל פערלאָרען...
גאָט׳ס וועלט איז פון דעמאָלט
אַ ווייסע געוואָרען...

II.

אַ פערוועהטער, אַ פערשנייטער,
אַ פערגליווערטער פון קעלט.
איינגעבויגען, איינגעהאָרבעט,
שטעהט אַ בוים אינמיטען פעלד,—
ווי אַ זינדער אַ פעריאָגטער,
וועלכער טרויערט אין דער שטיל,
ווי אַ וואַנדערער, וואָס בלאָנדזשעט
אָהן אַ וועג און אָהן אַ ציעל.

שלום אַש.

אלטע לייט.

די גוי׳ע מיט דער יודענע האָבען פון זייער יוגענד אָן געלעבט אין שכנות. פלעגט די גוי׳ע געהן צו דער אַרבייט און האָט איבערגעלאָזט איהר קליינעם אַנטעק אין וויעג, און דער קליינער גוי האָט געמאַכט געוואַלדען דעם הימעל נאָר צו שפּאַלטען, פלעגט אַריין צו איהם די יודישע שכנה, וועלכע האָט דענסטמאָל געזויגען איהר חיים׳ן, און פלעגט איהם אויף דער האַנד נעהמען און געבען איהם פון איהר ברוסט. דער קליינער חיים, וואָס זיצט אויף דער מוטער׳ס צווייטער האַנד, ווערט אייפערזיכטיג, און דער קליינער יוד מיט׳ן קליינעם גוי הויבען אָן צו קוקען איינער אויפ׳ן אַנדערן; אפשר האָבען זיי שוין דענסטמאָל אָבגעשמועסט, צוזאַמען די רייזע קיין אַמעריקא צו מאַכען... איז פאַר אַ יום-טוב געקומען, פאַר אַ פּסח, למשל, אַז גאָלדעלע די פישערין האָט זיך פון שטוב אין הויף אַריינגעצויגען, און די קינדער, ווי די ענדיקעס, האָבען זיך צווישען די באַליעס אַרומגעוואַלגערט מיט אַ געוויין, מיט אַ געוואַלד,—האָט די גוי׳ע דער יודענעס אַ קינד אין שטוב צו זיך אַריינגעחאַפּט און געגעבען דעם צו עסען פון איהר מיטאָג. די יודענע פלעגט דערנאָך דעם קינד׳ס מויל שייערן, רייבען און כּשר׳ן און דער יונג פלעגט דערביי מאַכען געוואַלדען ביז צום הימעל... איז ביי איינער דאָס קינד קראַנק געוואָרען, האָט עס די צווייטע אָבגעהיט, געלאָפען צום פעלדשער, רפואות געבראַכט. אין נויט האָט איינע דער אַנדערער אַ גראָשען געלד, אַ לעבעל ברויט און אַ טראָפּען מילך געבאָרגט.

נאָר די געטער פון די צוויי שכנים האָבען נישט געקאָנט לעבען צווישען זיך אין שלום און האָבען אָנגעמאַכט גרויסע מחלוקת׳ן צווישען זיי.

קומט, למשל, בײַ דער גויע אַ יום=טוב, די קריסטמוס=נאַכט, און פון דעם גוי׳ס שטוב איז אויפגעגאַנגען דער געשמאַק פון װײַערע נײַן געריכטען, ..אַט די יודענע געדרעהט מיט דער נאָז... און אַז דער גלח איז געקומען מיט׳ן הײליגען װאַסער „בעשװענצען" די „פלאַצ= קעס", האָט די יודענע די קינדער פערשלאָסען צו זיך אין שטוב און זײ נישט אַרויסגעלאָזט. אַז די יודענע האָט דערזעהן דאָס אָבגעפרע= געלטע חזיר=קעפעל, װאָס פון די אויגען=לעכער האָט גרינס אַרויס= געשטאַרט, האָט איהר אָנגעהויבען צו נודיען, און זי שפײַט אַ גאַנצען טאָג.

— אָ, אַ יום=טוב בײַ זײ! אַזאַ שװאַרץ=יאָהר זאָלען זײ מיר האָבען,—פלעגט די יודענע זאָגען און אַ גאַנצען יום=טוב נישט װײַזען זיך דער גויע פאַר די אויגען.

איז װײַטער געקומען אַ יודישער יום=טוב, אַ פּסח, און די יודענע האָט די פיש געקאָכט, האָט די גויע די טהיר פערהאַקט בײַ זיך אין שטוב:

— זשידאָװסקי פאַרשיװאַ סװיענטאַ, סעניאַ זאַסמאָהטשילי.

און אַז מען האָט געבראַכט די מצות,—האָט די גויע איהרע קינדער אַרײַנגעהאַפט אין שטוב און די טהיר פערשלאָסען.

און שבת אויף=דער נאַכט, אַז די יודענע האָט די פיש אויפ׳ן טיש אַרויפגעשטעלט און די שבת=ליכט האָבען זיך געברענט, און איהר ברוך האָט זמירות געזונגען, האָט די יודענע דורכ׳ן פענסטער אַרויסגעקוקט, און דערזעהענדיג, װי דער „גוי" שלעפט די טאַטשקע מיט זאַמד אין זאַק אַרומגעװיקעלט, פלעגט זי זיך אָנרופען צום מאַן:

— עס איז עפּעס טאַקי בײַ זײ קײן שבת נישט. אַ אומה עפּעס...

עס איז אַװעק אַ לאַנגע צײַט. די שכנות האָבען זיך פערעל= טערט. די קינדער זײַערע אין אַמעריקאַ, חיים און אַנטעק, זענען ער= גיץ װאו פערפאַלען געװאָרען און האָבען אַפילו אויפגעהערט צו שרײַבען בריעף, צו שיקען פאָטאָגראַפיעס און געלד.

דער יודענע׳ס טײל הײזעל איז אינגאַנצען אײַנגעלעגט געװאָרען. דאָס דעכעל איז געפאַלען אויף די פיער װענטלעך, װעלכע האָבען זיך געטרײסעלש און געשאָקעלט זיך צום אײַנפאַלען בײַ דער לײַכט= סטער בעװעגונג. דער קוימען פון אויװען איז אינגאַנצען צובראָכען געװאָרען, און דער רויך פלעגט אָנפילען די גאַנצע שטוב. זומער האָט די יודענע נאָך געלעבט אין איהר טײל שטוב, װי, װײט זי האָט גע= קאָנט. עס איז אָבער געקומען װינטער, דאָס פרעסטעל נעהמט. איז איהר נישט געבליבען קײן אַנדער עצה, נאָר איבערצװינטערן בײַ

דער גוי'ע איז אַ ווינקעל שטוב. האָטש אַ גוי'ע, נאָר — אַ גוטער שָכֵן איז פיעל בעסער, ווי אַ ווייטער קרוב.

די גויע האָט זי צוגענומען מיט'ן גרעסטען כבוד און האָט איהר אָבגעגעבען דאָס ווינקעל ביים אויווען. קיין סך פון איהר שטיבעל האָט די יודענע נישט געהאַט איבערצוטראָגען. די ווינטערדיגע קאָלדרע, די צוויי שבת־לייכטערלעך, דאָס עלמעריל, די טערקישע שאָל מיט דער שבת'דיגער הויב און דאָס קעסטעלע.

האָט די יודענע געוואוינט אין ווינקעל שטוב ביי'ם אויווען. אין צווייטען ווינקעל, ביי'ם פענסטער, איבער דער גוי'עס בעט, איז געהאָנגען אַ הייליג בילד, פאַר וועלכען עס האָט זיך אַ לעמפּעל געברענט.

די יודענע האָט מורא געהאַט צו קוקען אין דעם ווינקעל, וואו עס הענגט דאָס בילד. זי זינדיגט מיט די אויגען... אַט ווערט זי שוין בלינד... און דער קריסטוס־קאָפּ, וועלכער איז געווען אַרומגענומען מיט אַ שטעכעדיגען צווייגען־קראַנץ, האָט זיך איהר געדאַכט, שטעכט פון דער־ווייטען... דאָס אַלטע יום־כפור'דיגע מַחֲזוֹר, אַ יְרוּשָה פון איהר מאַמען, וואָס זי האָט מיט זיך געהאַט, האָט זי אין טערקישען טוך איינגעוויקעלט, אַז די גוי'ע זאָל עס נישט זעהען, און אַז עס איז געקומען אויף דער נאַכט, צום קְרִיאַת־שְמַע לייענען, האָט זי פאַר איהר ווינקעל דאָס קעסטעלע אַנידערגעשטעלט — אַ מין מְחִיצָה געמאַכט, אַז דאָס קריסטוס־בילד זאָל נישט הערען איהר תְּפִלָּה...

מיט דער גוי'ע איז אויך דאָס זעלבע. אַז עס איז געקומען אויף דער נאַכט און זי האָט געדאַרפט איהר געבעט זאָגען, האָט זי אָבגעוואַרט, ביז די יודענע וועט שוין איינשלאָפען, און האָט פערשטעלט איהר טייל ווינקעל, אַז די יודענע מיט איהר גאָט, וואָס זי האָט דאָרט אין קעסטעלע, (דאָס מחזור, וועלכעס איז אַרומגעוויקעלט אין טערקישען טוך) זאָל, חָלִילָה, נישט דערהערען אַ וואָרט.

עס איז געקומען דער ערשטער פרייטאָג צו נאַכט. די יודענע האָט זיך גענומען אָנגרייטען צו ליכט־בענטשען אין איהר ווינקעל. זי האָט אַ טישטוכעל אויסגעשפרייט איבער'ן קעסטעלע, האָט אויסגעשטעלט איהרע צוויי לייכטערלעך, ליכט אַריינגעשטעלט, האָט זיך אָנגעטהאָן אין דער שבת'דיגער הויב און האָט זיך גענומען זאָגען די תְּחִינָה. דער גוי'ע האָט עס אין האַרצען שוין פערדראָסען, — ביי איהר אין שטוב מאַכט מען אַ יודישען יום־טוב. דאָך אַרויסוויזען וועט זי דאָס נישט. נאָר זעהענדיג, אַז די יודענע דאַוונט פאַר איהר גאָט, האָט זי זיך פאַר'ן הייליגען בילד אַנידערגעקניעט און אָנגעהויבען זיך צו „מאָדליען" פאַר איהר גאָט און אין האַרצען זיך געשלאָגען... די

יודענע האָט עס נישט געקאָנט אַריבערטראָגן: פּונקט ווען זי בענטשט די ליכט.

נאָכ'ן ליכט־בענטשן האָט די יודענע זיך אַ חַלָה אַוועקגעלעגט אויפ'ן טיש, מיט אַ טעלערעל פּישלעך, וואָס אַ שכנה שיקט איהר אַריין אויף יעדען שַבָת.

די גוי'ע האָט זיך יאָרן געהאַט אויפגעהויבען פון הייליגען בילד און איז צוגעגאַנגען צו רער יודענע'ס טישעל. די יודענע האָט זי מיט פּישלעך מְכַבֵד געווען, האָבען זיי ביידע געגעסען און געשמועסט פון פערשיידענע זאַכען.

אין שטוב איז געגוג וואַרעם געווען. די גוי'ע האָט שטאַרק דעם אויוון געהייצט אויף שבת פון דער יודענעס וועגען; די ליכט האָבען געברענט אויפ'ן טישעל, און אין צווייטען ווינקעל איז דאָס לעמפּעל פאַר'ן הייליגען בילד פערלאָרען געוואָרען אין האַלבען שאָטען. די ווייבער זענען געזעסען, האָבען פּאַמעליך די פּישלעך געגעסען, אַז זיי זאָלען קיין ביינדעל נישט אַראָבשלינגען, און האָבען פּאַמעליך געבאָלבעט וועגען פערשיידענע זאַכען, לָשוֹן־הָרַע אויסגערעדט אויף שכנות, ביז עס איז צו רייד געקומען וועגען זייערע קינדער דאָרט ווייט. האָבען זיי געקלערט, וואו זיי זענען אַהינגעקומען, וואָס עס טהוט זיך מיט זיי.

— וואו קאָנען זיי איצט זיין? — פרעגט די גוי'ע.

— אין ים אַודאַי דערטרונקען געוואָרען, — ענטפערט די יודענע.

— האָדעווע אויף קינדער פאַר די פּיש'ס צייהן, — ווײנט די גוי'ע.

— און אֶפְשֶר לעבען זיי? — פערליערט די יודענע דעם מוט נישט.

— און אפשר לעבען זיי? — העלפט די גוי'ע אונטער.

— און אפשר זענען זיי בעגליקט געוואָרען? — וויל האָפען די יודענע.

— און אפשר האָבען זיי שוין זייערע אייגענע פעלדער און היי־זער, — געהט די גוי'ע ווייטער.

— גאָט וועט העלפען, — איז מַבְטִיחַ די יודענע.

— גאָט וועט נישט פערלאָזען, — העלפט אונטער די גוי'ע.

און זיי פערגעסען אויף מינוט, וועלכער גאָט, צו דער דאָ ביי די שבת־ליכטלעך, צו יענער דאָרט אין פערנעבעלטען ווינקעל, — און זיי ווערען איינגעשלאָפען מיט גאָט'ס נאָמען אויף די ליפּען און מיט בִטָחוֹן אין האַרצען אויף דעם קליינעם קעסטעלע, וואָס איז פערשאָטען מיט ביינדלעך פון פיש און ברעקלעך פון דער חלה...

א. רייזען.

ווינטער.

עס רוקט זיך דער ווינטער
אַריבער דער וועלט
און שרעקט אָב דעם עולם
מיט ווינטען און קעלט.

און חיים דער סטאָליער
פאַר שרעק איז אַזש טויט:
ער האָט אין דעם זומער
פיעל הייזער געבויט,

געמאַכט זיי אי וואַרעם,
געמאַכט זיי אי פעסט,
עס זאָלען ניט האָבען
קיין שליטה די פרעסט;

פערריכטען זיין הייזעל
האָט ער נאָר פערפעהלט
אַריין זאָל ניט קומען
די ביטערע קעלט.

דאָס דעכעל אין לעכער
האָט ער ניט פערדעקט,
ער האָט ניט אַפילו
די שפּאַלטען פערשטעקט!

אוי, אָר'מער! דיין אַרבייט
האָט אַלע בעהיט
פון גרויזאַמען ווינטער.
נאָר דיך אַליין—ניט:...

א. רייזען.

דער מַגִיד;

דער מַגִיד איז אַרויף ווי דערשראָקען אויפ'ן בִּימָה, אַ קוש גע-געבען דעם פָּרוֹכֶת, אַ בלעטער געטהאָן דאָס סֵפֶר'ל, וועלכעס ער האָט מיטגענומען, און האָט מיט אַ שוואַכען ניגון אַ זונג געטהאָן:

— „רַבּוֹתַי! שְׁלֹמֹה־הַמֶּלֶךְ קומט צו גײן אין מִשְׁלֵי און זאָגט אַזױ“:

דער מגיד האָט געמאַכט שלמה־המלך, װי דער אֶמת איז, פאַר אַ גרױסען חָכָם, נאָר אױפֿ׳ן פָּסוק האָט ער אָנגעפרעגט פינף האַרבע קַשְׁיות און אום זײ צו פערענטפערען, האָט ער געבראַכט אַ מֶדְרָשׁ, אַ צװײ אַגָדָתוֹת, דרײ „רַבָּה־בַּר־בַּר־חָנָא“, אַ שטיק פון „יַעֲרוֹת־דְבַשׁ“. ער האָט אַלץ געמישט און געמישט, נאָכהער האָט ער געבראַכט אַ מָשָׁל פון אַ בֶּן־יָחִיד, װאָס איז געפאָהרען לִמְדִינַת־הַיָם. בִּכְלַל האָט ער די דְרָשָׁה אָנגעצױגען אױפֿ׳ן הױכען שניט, ער האָט ערטערװײז פערטראָגען צו גרױסע מגידים. נאָר דעם עולם האָט עפּיס די דרשה ניט גענומען, עס איז שװער געװען צו דערקלערען די סִבָּה דערפון: צו דער ניגון איז זײ נישט געװען געפעלען, צו אפשר איז געװען שולדיג אין דעם זײן באָרד. זײן ניגון איז געװען שטיל, נאָר גענוג טרױעריג, און איז אַרײנגעפאַלען ערטערװײז אין אַ עכט יודישע הײזעריגקײט; די באָרד זײנע איז טאַקי געװען ניט קײן שענע, ניט קײן לאַנגע באָרד פון אַ מגיד, װי דער עולם האָט ליעב. די צוהערער האָבען מינוטענװײז פערלאָרען אַלץ מעהר די געדולד, אױפגעהערט צו קוקען איהם אין מױל אַרײן, און די מְבַקְרִים האָבען זיך צעװאָרפען מיט מײנונגען:

— גאָר ניט קײן זאָגער.

— נישטאָ װאָס צו הערען.

— ער האָט גאָר קײן צונג נישט.

— ער האָט גאָר קײן קול נישט.

— ער פּלױדערט.

— עט...

און אין בית־מדרש האָט אָנגעהױבען צו זומען, װאָס װײטער אַלץ שטאַרקער, ביז עס איז איבערגעגאַנגען אין אַ געריודער. אײניגע, װאָס שטעהען נאָהענט נעבען בימה, רוקען זיך צוריק, צוריק, און אַרום דעם מגיד װערט אַלץ מעהר לעדיגער פּלאַץ. אָט איז שױן אַ שטיק קײלעכדיגער פּלאַץ לעדיג... הינטען רודערט, דער שמש פּאַטשט...

און דער מגיד שטעהט אױפֿ׳ן בימה אַ דערשראָקענער: דאָס גערודער, דאָס פונאַנדערגעהן זיך, דאָס פּאַטשען פון שמש שלאָגט איהם אַראָב פון װעג, און ער טומעלט זיך אין די רײד: אַנשטאָט שלמה המלך זאָגט ער דוד המלך, אָנשטאָט „דער מדרש“ זאָגט ער „דער זהר“ און פערקעהרט, ער פערהאַפּט זיך צוריק, נאָר דאָס פערבע־

טערט נישט, עס ווירקט נאָך ערגער אויפ'ן עולם, וואָס האָט ליעב עס זאָל געהן גלאַט. ביסלעכווייז צעגעהט זיך דער עולם, די נעהנ־טערע רוקען זיך אָב, אַנדערע געניצען... דער גבאי זאָגט דעם שמש אויפ'ן אויער: שוין צייט מעריב צו דאַווענען, נאָר ער זאָגט עס אַזוי שטיל, אַז דער מגיד הערט עס... אַפילו דער אַלטער משה דער קרעמער, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבען איין דרשה נישט דורכגעלאָזט, וואָס שטעהט שטענדיג האַרט נעבען בימה און קוקט אין מויל אַריין יעדען מגיד און כאַפּט אונטער בעקאַנטע ווערטער פון פסוקים, וועל־כע דער מגיד ענדיגט ניט, פערלאָזענדיג זיך אויפ'ן עולם'ס לומדות, אַפילו ער גיט אויך אַ גענעץ דעם מגיד גלייך אין מויל און רוקט זיך אָב ניט ווילענדיג אַ שטיק ווייטער.

און די דרשה ווערט אַלץ מעהר אָבגעריסען און צעפּלאָנטערט. דער מגיד שטעהט דערשראָקען. עס איז קענטיג, אַז ער זוכט אַני־עצה, ווי צו בערוהיגען דעם עולם, אַז ער זאָל זיך ניט צעגעהן. ער בעט זיך, עס זאָל זיין שטיל, ער איז מבטיח, אַז באַלד איז ער מסיים, נאָר ער קען נישט אַרויסקריכען, ער האָט זיך צו שטאַרק פערדרעהט אין פסוקים, אַגדתות און מדרשים, קענטיג ניט נאָך זיין כח... דער טומעל וואַקסט. אָט, דאַכט זיך, שפּרינגט אַרויס אַני־עזות־פּנים און שרייט: גענוג שוין — מ'דאַרף שוין מעריב דאַווענען... דער מגיד מאַכט מיט די הענד, וואַרפט זיך אום אין אַלע זייטען, ווי ער וואָלט עפּיס זוכען אַ וואָרט, וואָס זאָל קענען פערהאַלטען און בע־רוהיגען דעם עולם, זיי זאָלען איהם אויסהערען... זיי זאָלען זיך ניט צעגעהן... נאָר נישטאָ אַזאַ וואָרט!...

פּלוצים האַקט זיך אָב די דרשה, דער מגיד ווישט זיך דעם שווייס און קוקט מיט שטאַרע בליקען אויפ'ן עולם, און באַלד ברעכט ער אַרויס איבער'ן בית־מדרש מיט זיין פערצווייפעלטער הייזעריגער שטימע: „רבותי! איך בין אַ יוד פון אַכט קינדער, איך בין שוין פון דער היים אַ יאָהר, איך האָב זיי געלאָזען אָהן אַ גראָשען געלד... זיי הונגערען דאָרטען אַודאי, רבותי, רחמנים בני רחמנים, האָט רחמנות אויף אַ טאַטען פון אַכט קינדער"...

אין בית־מדרש איז שטיל געוואָרען, ווי אויף אַ בית־עולם. אַ שוי־דער איז דורכגעלאָפען יעדער'ן איבער'ן לייב. צייט מגידים האָבען אין דער שטאָדט געזאָגט, האָט נאָך קיינער אַזוי שטאַרק ניט גע־ווירקט אויפ'ן עולם. אַפילו דער רב, וואָס איז בטבע אַ שונא מגידים, וואָס שלאָפט שטענדיג אָנגעשפּאַרט אויפ'ן שטענדער, ווען דער מגיד

זאָגט, האָט זיך אויך אויפגעחאַפּט, אַרויסגעראָזען אַ טיעפען זיפץ, געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געמורמעלט: נעבעך, נעבעך...

און איין מבקר האָט מיט אומעטיגע בליקען אַ קוק געטהאָן אויפ'ן צווייטען און געפרעגט:

— האָסט געהערט?

— יאָ,—האָט יענער טרויעריג געענטפערט.

— נו, אַ וועלטעלע,—האָט אַ דריטער געזיפצט...

און דאָרט הינטער'ן בימה, וואו די קְעָרה שטעהט, איז געוואָרען אַ שטופעניש. דאָס האָט יעדער זיך געשטויסען צו דער קערה אַריינוואַרפען זיין נדבה פאַר'ן מגיד. עס זענען געפלויגען גריוונעס, גילדענס און פערציגערס, ווי די טויבען...

און אויף מאָרגען זענען צוויי שענע בעלי-בתים אַרומגעגאַנגען איבער'ן שטעדטעל צוזאַמענקלייבען געלד. עס איז פאַר זיי גענוג געוועזען נור אויסצורעדען, אַז דאָס איז פאַר'ן נעכטיגען מגיד, אַז מען זאָל זיי טראָגען די נדבה אַנטקעגען. די שענסטע נדבה האָט געגעבען יענער מבקר, וואָס האָט נעכטען געזאָגט אויפ'ן מגיד, אַז ער פּלוידערט. אַריינקוקענדיג צו די גבאים אין דעם רויטען פאַטשיילכען, וואו דאָס געלד איז געלעגען, האָט ער מיט האַרץ געזאָגט:

— עס איז אַ יוֹשֶׁר אויפצוקלייבען וואָס מעהר: מילא, קען ער ניט זאָגען, אָבער אַ רחמנות איז דאָך. פאָרט אַ יוד אַ למדן. איהר ווייסט,—האָט ער געענדיגט, צעהיצענדיג זיך אַביסעל,—איך וואָלט וועלען, אַז היינט זאָל מען מיר איהם שיקען אויף וועטשערע. איך וואָלט זיין זעהר צופריעדען!

— ניין! האָט איין גבאַי געענטפערט,—יענקעל לייבע'ס האָט איהם שוין פערבעטען, נאָך אינדערפריה ביי'ם דאַוונען.

יענקעל לייבע'ס איז דערזועלבער מבקר, וואָס האָט נעכטען אויפ'ן מגיד געזאָגט, אַז ער האָט גאָר קיין מויל נישט.—

למדינת הים—אין ווייטע געגענדען אויף יענער זייט ים. מבקרים—קריטיקער. „מדרש“, „יערות-דבש“, „זוהר“—נעמען פון אלט-יודישע ספרים. אגדתא—תלמוד'ישע לעגענדע. רבה בר בר חנא—איינער פון די תלמוד'ישע געלעהרטע, אויטאר פון פערשיעדענע לעגענדען. מסים זיין—ענדיגען.

ש. פרוג.

דער שליט-וועג.

דער שניי איז געגאַנגען צוויי טעג נאָכאַנאַנד,
אַ שליט-וועג—אַ חַיּוּת געוואָרען;

די פערדעלעך שטעהען אין שליטען געשפאַנט,
אַלץ גרייט שוין און פאַרטיג צום פאָהרען.

אַי, פערדעלעך-חיות! נו, זעץ זיך און פאָהר!
מיט צאַצקעס געטאָקט איז דער שליטען,
צוויי פערד פון די זייטען—ווי הירשען אַ פּאָר,
אַ לעמפערט, אַ לייב אין דער מיטען.

דער קוטשער נעהמט באַלד אַלע לייצעס אין האַנד:
— „נו, קינדערלעך, לעבעדיג, פרעהליך!"
דעם שליטען חאַפט אויף מיט אַמאָל, ווי אַ בראַנד...
— שטעה, אייל זיך ניט, וואַרט-וואַרט, פאַמעליך:

ניין, ברודער, אומזיסט! ווי אַ פויגעל, אַ ווינד,
אַ פייל פונ׳ם בויגען, אַ וויכער,—
זיי לויפען, זיי שוועבען,—זיי פליהען געשווינד,
וואָס ווייטער אַלץ גיכער און גיכער.

דער וועג איז אין פעלד ווי אַ שפּיגעלע גלאַט,
די זון שיינט פון אַלע פיער זייטען,
דער קוטשער—אַ מזיק, די פערדעלעך—זאַט,
די גלעקעלעך קלינגען פון ווייטען.

יהודה שטיינבערג.

דאס שענע און דאס נוצליכע.

אַ שניי-וואָלקען האָט שטאָלצירט קעגען אַ רעגען-וואָלקען און געזאָגט: „דו מוזט דאָך אַליין מודה זיין, דו נעגער, אַז איך בין צעהן מאָל העכער פאַר דיר! איך בין דאָך די ריכטיגע ריינקייט אַליין, מאַך די וועלט ריין און זויבער, און די נאַטור מאַך איך וויים; און דו—אַז דו לאָזט אַראָב דיין שפּייעכץ, וואָס גיסטו צו? ליים און בלאָטע!"

— אפשר ביזטו גערעכט,—האָט געענטפערט דער רעגען-וואָלקען,—אָבער איך טהו אויף מעהר פאַר דיר: דו פערדעקסט דעם גאַנצען שמוץ, און איך פון דעם שמוץ פון דער ערד ברענג אַרויס פערשיידענע שענע בלומען און דאָס שענסטע פון דער נאַטור.

י. דינעזאָן.

דעם רבינ׳ס קדוש.

(אַ בילד פון פאַרצייטען).

דער גאַנצער עולם, וועלכער איז ביי׳ם דאַוונען געוועזען, איז געבליבען וואַרטען אויף דעם רבינ׳ס קידוש. מען האָט דאָ געזעהען יונגע לייט, אויסגעווייקטע, מאָגערע און הויכע מיט לאַנגע אויסגעשטרעקטע העלזער, אין שיך און אין ווייסע זאָקען, מיט פּאות לאַנגע, ווי דראָט געדרעהטע, מיט קליינע שפּיציגע ציגענע בערדלעך, און אויך יודען דיקע און פעטע, איינגעדעקטע אין אַטלעסענע קאַפּאָטעס, מיט אונטערגעגאַרטעלטע דיקע בייכער—מיט ברייטע זיידענע גאַרטלען, געזונטע פּלייצעס און אַנשטענדיגע פּנים׳ער, שענע בערד פון אַלערליי פאַרבען, שוואַרצע, געלע, גראָהע און גאַנץ ווייסע. דער רבי אַליין איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ ווייסע אַטלעסענע קאַפּאָטע, אַ טייער סויבלען שטריימעל אויף זיין ווייסען קאָפּ; זיין לאַנגע עכט ווייסע באָרד און זיין שען פּנים האָבען איהם געמאַכט ווי איינעם פון די הייליגע פון פאַרצייטען. אַז ער איז צו צום טיש, גענומען דעם בעכער אין האַנד, איז דער גאַנצער עולם שטיל געבליבען, און מען האָט באֵימה וביראה געוואַרט אויף דעם קידוש. ער האָט קידוש געמאַכט מיט זעהר אַ שענעם קול־נגינה, נאָכדעם האָט ער אויסגעטרונקען אַ רוב כוס און האָט דעם בעכער אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש. ר׳ פּנחס׳ל דער גבאי ראשון האָט צעמישט דעם וויין מיט וויין פון נאָך אַ בעכער און האָט איינעם דערלאַנגט דעם רבינ׳ס זוהן און דעם אַנדערן—גיטעלען, דעם רבינ׳ס עלטסטער טאָכטער. גיטעלע האָט אַ זופּ געטהאָן און דערלאַנגט חייעלע׳ן, חייעלע האָט אויך פערזוכט און איבערגעגעבען די איבריגע קינדער. פון דעם מענערשען בעכער האָבען צו זופּען איינציגע בעקומען אַלע, וואָס זענען דאָ געוועזען; כל זמן אין בעכער איז נאָך אַ ביסעל געבליבען, האָט מען אַלץ דערגאָסען מיט פרישען וויין, חשובים האָבען בעקומען פון בעכער זעלבסט, ניט חשובים האָבען אויסגעשטרעקט לעפעל און מען האָט זיי אַריינגעגאָסען אַ זופּ וויין, וועלכען זיי האָבען געהאַפּט און אויסגעלעקט מיט דער צונג. איינער האָט אַזאַ לעפעל בעקומען, נור בשעת ער האָט איהם אַריבערגענומען איבער ע׳מיצענס קאָפּ, האָט יענער אַ שטויס געטהאָן זיין האַנד, און דער וויין האָט זיך אויסגעגאָסען ביי׳ם חסיד אויפ׳ן פּלייצע. אַ פּליאַסקעדרייגע איז אונטערגעשפּרונגען און האָט די פּלייצע אָבגעלעקט און אַז צו לעקען איז שוין

מעהר ניט געוועזען וואָס, האָט ער דעם חסיד אַ ביס געטהאָן. דער חסיד האָט זיך אומגעקעהרט און איהם צראָבגעלאָזען אַ חסידישען פּאַטש. דער פליאַסקעדרייגע האָט זיך גאָר ניט אומגעקעהרט און איז געלאָפען ווייטער חאַפּען אַזאַ גליק. ביים ברעג טיש נעהענטער צום טהיר האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסעל. דאָרט האָט מען זיך געדרענגט און געשטויסען אַרום בעכער, און פעטש האָבען זיך געשאָטען, ווי פיילען אין אַ מִלְחָמָה.

באימה וביראה — מיט שרעק און מורא. גבאי ראשון — ערשטער גבאי. א פליאסקעדרייגע — אַנ'אומגעלומפּערט-פערברענטער חסיד.

ש. אַנ—סקי.

דער שניידער.

די שטוב איז קליין, די שטוב איז אַלט,
אין יעדען ווינקעל—מיסט און קויט,
ס'איז פינסטער, אומעטיג און קאַלט,—
אַ קראַנקער שניידער זיצט און נעהט...
דער שניידער נעהט,
די נאָדעל געהט,
דער מוח דרעהט:
ס'איז גרויס די נויט
נישטאָ קיין ברויט,
נישטאָ קיין ברויט!

דער פּנים געל, פערצאָגט, פערטראַכט,
די נאָדעל רודערט טאָג און נאַכט!
פון צייט צו צייט אַ פוסטער הוסט
האַלט אויף די האַנד, רייסט אויף די ברוסט...
דער שניידער נעהט א. ז. וו.

— וואָס טהוסט דו, שניידער, אויף דער וועלט?..
„איך... לעב"... אַ שווידער'ליכע קעלט
נעהמט אָן ביי'ם האַרץ. פערפלוכטע נויט!
איז דאָס הייסט לעבען,—וואָס איז טויט?!
דער שניידער נעהט,
די נאָדעל געהט,
דער מח דרעהט:

ס'איז גרויס די נויט,
נישטאָ קיין ברויט,
נישטאָ קיין ברויט!!

מענדעלע מוכר ספרים.

לייזער דער שניידער.

לייזער דער שניידער איז געווען אַ קליין דאַר יודעל מיט אַ בלייך פּנים'ל, זעהר ספּריטנע, אַ ריהרעוודיגס ווי קוועקזילבער, מיט אַלע שניידערשע פּאָסטעמקעס—אַ פאַלגע מיט די ביינער. מען האָט איהם געקענט רופען אי אַ ווייבערשער, אי אַ מאַנסקער שניידער, אָדער, נאָך גלייכער, נישט קיין ווייבערשער, נישט קיין מאַנסקער, ווייל ער האָט זיך אונטערגענומען נעהען אי ווייבערשע, אי מענישע קליידער, אַלצדינג אין דער וועלט, אַפילו אַ היטעל אויך, און האָט קיין זאַך נישט רעכט געקענט. אונטער זיינע הענד פלעגט אַ יופּע מְגוּלְגָל ווערען אין אַ שלאָף־ראָק, אַ שלאָף־ראָק אין אַ קאַפּאָטע, אַ קאַפּאָטע אין אַ קליידעל און אַ קליידעל אין אַ קינדערש לייבעל. דערצו איז ער געווען אַ בְּרִיָה. עס האָט ביי איהם אויסגעגעבען תמיד מאַטעריע אַקוראַט וויפיעל מען בעדאַרף, און איהם איז נאָך אויך איבערגעבליבען אַ היבשער שטיק יִתוּר. אונטער אַנ'אָסיען, די רעכטע צייט, ווען ביי יודען אין דער פאַמיליע הויבען אָן קליידער איבערגעניצעוועט און מגולגל צו ווערען פון איין מַלבּוש אין דעם אַנדערן, דענסטמאָל איז ער געווען פערוואָרפען מיט אַרבייט.

לייזער האָט פון זיך הנאָה געהאַט און זיך געהאַלטען פאַר דעם בעסטען שניידער, ווען נישט אין דער גאַנצער וועלט, איז עַל כָּל פָּנִים פאַר דעם בעסטען אין בעזליודעוו, ווייל ער האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס איהם פעהלט. אַז מען פלעגט איהם אַמאָל ווייזען עפּיס אַ גוט שטיקעל אַרבייט ערגיץ פון דער פרעמד, פון בערלין אַ שטייגער, פלעגט ער געבען אַ שמייכעל און נישט וועלען אַפילו דעם כּבוד אָנטאָן, דערצו זיך רעכט צוצוקוקען און צו בעטראַכטען, ווי דאָס איז גענעהט, ווי עס געהט דער שניט.

— עט! — פלעגט ער שמייכלען מיט אַ קנייטשעלע און יענעם אָבשלאָגען די פליעגעל, — עט, וואָס איז דאָ אַזוינס פאַר אַ חריפות? וואָס האָט מען דאָ געפונען אַזוינס וואָס צו זעהען? אַזעלכע אַרבייטען האָב איך שוין אין מיין לעבען טויזענטער מאָל איבערגעמאַכט.

מ'ען בעדאַרף נאָר צו אַלץ האָבען מזל, אַבי ס'איז אין בערלין, הע, הע, איז שוין גוט.

אַ צינגעל האָט לייזער געהאַט אַ געשליפענס, זעהר אַ געלויפיגס. אַז עמיצער פלעגט וועלען איהם אויסמאַלען, ווי ער זאָל איהם נע־הען, האָט ער יענעם נישט געלאָזט אויסרעדען, פערחאַפּט און גע־רעדט אַלץ אַליין.

— איך ווייס, איך ווייס־ווייס־ווייס! זייט זיכער, איך וועל אייך מיט גאָט'ס הילף מאַכען אַ שטיקעל אַרבייט נאָך בעסער ווי איהר אַליין ווילט. דאָס ערשטע מאָל איז מיר דען צו מאַכען אַזאַ אַר־בייט? איך ווייס, זייט זיכער, איהר וועט צופרידען זיין.

ביי'ם אָבבערענגען די אַרבייט, אַז יענער פלעגט זאָגען: דאָ קוועטשט איהם, דאָ קנייטשט זיך, דאָ ליעגט נישט גוט, דאָ איז שמאָל, האָט לייזער נישט געוואָלט גאָר הערען, אַלץ גערעדט, גע־רעדט און פערשאָטען מיט רעד:

— חלילה, ווי פאַלט איהר אויס אַזוינס צו זאָגען? עס קוועטשט נישט! עס טאָר גאָר נישט קוועטשען, עס הויבט נישט אָן אַפילו זיך צו קנייטשען. גיט נאָר אַ ציה, זייט מוחל, אַהין אַביסעל. עס ליעגט גוט, אַזוי ווי אויסגעגאָסען. נאַ'ט אייך נייעס—ס'איז שמאָל! וואָס הייסט שמאָל? אַז סע טאָר נישט זיין שמאָל! איהר האָט ערשט אָבגעגע־סען און זענט אַביסעל פול, דאַכט זיך אייך אויס, אַז ס'איז שמאָל. איך זאָל פערקרענקען אין דעם היעגען הֶקְדֵש, וואָס מיר איז דער־פון אַראָבגעפאַלען, ביי מיינע יודישע נאמנות! מען איז קוים אויס־געקומען ווי מיט קרעפּעל־פלייש. ס'איז איבערגעבליבען פונ'ם אונ־טערשלאַק אַ שמאָל פּאַסעקעל פערקאַל, האָב איך עס אייך אָבגעגע־בראַכט. בעסער ווי איך האָב אייך געמאַכט, קען מען שוין טאַקי ערגיץ נישט מאַכען. איהר וועט זיך אַביסעל איינגעהן, וועט איהר געוועהנט ווערען. טראָגט געזונד!

ביי'ם צאָהלען פלעגט זיך אָנהויבען אַ דינגעניש. ער האָט אַוועק־גערעדט אַ שָעָה מיט חֲרָמות, אָבגעלויבט אין טאָג אַריין זיין אַר־בייט, אויסגערעכענט איטליכס פּיצעלע בעזונדער, וואָס האָט איהם געקאָסט, געמאַכט אַ שניידערשען חשבון און געשטעלט פאַר עֵדוּת אונטער די אויגען דעם קרעמער, דעם שמוקלער אי די יודענע פונ'ם שאַפּקעלע און אָבגעשאָטען פשוט מיט ניין מאָס רעד, ביז מען האָט איהם מוסיף געווען נאָך אַ צעהן גראָשען. טאַ, פלעגט ער דערנאָך מאַכען, גיט חאָטש אַביסעל בראַנפען... מיט אַביסעל בראַנפען האָ־בען ביי לייזער'ן זיך אָנגעהויבען און אויסגעלאָזען אַלע געשעפטען.

ער איז נישט געווען, חלילה, קיין שכּור, זיך נישט געוואַלגערט אין די גאַסען, נאָר טרינקען האָט ער געקענט. די מְלָאכָה האָט ליעב דעם טרונק—איז געווען זיין ווערטעל. און ער האָט טאַקי אמת ליעב געהאַט די מַשְׁקֶה. צוליעב דעם פלעגט ער זיין אַגאַנצער מאַכער אין דעם צעך, האָבען אַזאַ הִתְקָרְבוּת מיט דעם צעכמייסטער, אַרויסווייזען זיך און שטאַרק אַרבייטען בשעת עפּיס אַוויבאָר, ווייל געוועהנטליך גֵעהט עס דאָ נישט אָהן אַביסעל בראַנפען. לייזער׳ס נשמה האָט, נישׁ׳קשה, געפיהלט, וואו מען בעקומט דעם ביטערען טראָפּען. נאָר זאָגען, אַז פאַר אַכוסה האָט ער פערקויפט זיין האַרץ, זיין פערשטאַנד, אַז ער האָט אויפגעהערט צו פיהלען, צו פערשטעהן, וואָס גוט און וואָס שלעכט—חלילה, דאָס נישט. פער׳כוס׳עט האָט ער עס נישט, ער האָט טאַקי ביי זיך געהאַט זיין שכל, און, ווי אַלע אַנדערע, זעהר גוט געוואוסט דעם אמת; ער האָט נאָר פער׳כוס׳עט, פערקויפט זיין גאַלקע...

ספריטנע — לעבעדיג, ריהרעוודיג. פּאַסטעמקעס — גענג, תנועות. פאַלגע — שניידער־יונג (דאס ווארט ווערט געברויכט צום זידלען). יופּע — אַווייבערש קלייד. יתור — דאס וואס ס׳בלייבט איבער פון דער מאטעריע, ווען דאס מלבוש איז שוין אויפגענעהט. תרמות — הארבע קללות. התקרבות — נאהענטקייט.

מענדעלע מוכר ספרים.

דאָס לערן־יונגעל.

לייזער דער שניידער האָט מיך גלייך ביי מיין אָנקומען צו איהם שטאַרק גענומען אין דער אַרבייט און מיט מיר אָנגעהויבען דעם אַלף־בית פון דער מלאכה. דער אַלף־בית איז ניט בעשטאַנען דערין, ווי מע האַלט די נאָדעל, ווי מען בעדאַרף אַשטאָך טהאָן — ניין! דאָס איז נאָך געווען צו פריה, דעם דאָזיגען כבוד האָט מען מיר נאָך אַלאַנגע צייט ניט אָבגעגעבען. לייזער האָט מיט מיר אָנגעהויבען פון דער הַתְחָלָה—פון זיין פּאַמויניצע, פון האָלץ טראָגען וכדומה נאָך אַזעלכע זאַכען, דהיינו: געהען אין מאַרק נאָך כשר׳ע פּאָדים; אַריינשטעלען פרעסלעך וואַרימען אין אויווען, ביי לייזער׳ן גופא אין שטוב אָדער אַמאָל ערגיץ ביי אַשכן; זוכען אַמאָל צעהן מאָל אונטער׳ן טיש, אונטער די בענק דעם פינגערהוט אָדער אַדין נאָדעלע; אַרויסציהען פּאַרסטריגעס און אָבטראָגען מיט דעם בעל־הבית ערגיץ אַשטיקעל אַרבייט. און אַזוי ווי לייזער האָט געהאַט אַווייב אַבעל־הבית׳טע, אַבריה אַיודענע, האָט זי זיך מיט מיר שטאַרק אָבגעגעבען, אויסגעזוכט ביי זיך תמיד פאַר מיר אַרבייט און מיך ניט

געלאָזט, חלילה, לעדיג זיצען קיין רגע. די מאַמע מיינע האָט נאָך לְעֵת־עַתָּה ניט געהאַט זיך וואָס צו שעמען פון מיין מלאכה, און מיין טאַטע רב טעוועל דער מלמד האָט נאָך דערווייל געקענט רוהיג ליעגען אין קֶבר: וייער זוהן האָט זיי נאָך נישט פערשוואַרצט דאָס פנים; ביז דער נאָדעל איז נאָך געווען גאַנץ וויים. און מכּה שלאָגען—דערינען האָט מען זיך ניט געדונגען: אַמאָל האָט מיך געשלאָגען לייזער, אַמאָל לייזערס וויב, און אַמאָל טאַקי זיי ביידע.

קיין האָניג האָב איך ביי לייזער דעם שניידער נישט געלעקט. איך האָב געאַרבייט אין שטוב ווי אַנ׳אייזעל און געהאַפּט פון אַלע זייטען קלעפּ. דענסטמאָל האָב איך געמיינט, אַז דאָס אַלצדינג מוז מען אַ לערן־יונגעל טהאָן און אָהן דעם, חלילה, דאָס הייסט, אָהן פּאַמויניצעס־טראָגען וכדומה און אָהן קלעפּ, הייסע פייערדיגע פעטש, וועט ער נישט קענען זיין אַ בעל־מלאכה, אַקוראַט ווי אָהן קלעפּ קען מען נישט לערנען און מאַכען פאַר אַ לַמְדָן. אַ שפּיגעלע האָב איך פאַר מיר געהאַט לייזער׳ס אַנ׳אַרביימער, אַ דאַרער, אייגגעהויקערטער, אויסגעבלייכטער בָחור, וואָס האָט זיינע בעסטע יונגע יאָהרען פערבראַכט ביי לייזער׳ן, געטהאָן עֲבוֹדַת־פֶּרֶך און געליטען ביז ער איז געקומען צו דער מַדְרֵגָה האַלטען אַ נאָדעל און שטשאָבען. דעריבער פלעג איך, שלים־מזל, נעבעך, מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה זיין אַלע פעטש און אפילו נישט הויך וויינען.

ח. נ. ביאַליק.

פראָסט.

אוי, צעשפּיעל זיך, פראָסט, מיט וואוט,
סמאַליע, שטעך און ברען אין גלוט!

גיב דיין שטאָהל אין האַרץ ביי מיר
און מיין הויך פון מויל פערפריהר!

און בעשמיעד מיין ברוסט מיט אייזען,
טאָמער וועט זי זיך צערייסען

פון פיעל גבורה און פיעל מוטה.
הוליע, פראָסט, און ברען אין גלוט!

שמירעגג די מוסקלען אַז ווי שטריק
און מיין אָטעם מיר פערשטיק!

פינקעל, שטראַהלענד, שעמעריר—
וואָס אַמאָל אַלץ מעהרער פריהר!

(יודיש—פון שניאור און שווארץ)

הִלֵל הַזָקֵן.

געווען אַמענש אין בָבֶל מיט'ן נאָמען הִלֵל. ער איז געווען אַ פרומער און אַ גאָט'ס-פאָרכטיגער, און צו אַלע מענשען האָט ער זיך פערהאַלטען מיט ליעבשאַפט. ווען ער האָט דערהערט, אַז די חֲכָמִים שְׁמַעְיָה און אַבְטַלְיוֹן האָבען געגרינדעט אין ירושלים אַ אַקאַ-דעמיע צו לערנען תורה, האָט ער פערלאָזען זיין פאָטער'ס הויז און איז אַוועק קיין ירושלים. דאָרט האָט געוואוינט זיינער אַ ברודער שֶׁבְנָא. האָט איהם הלל געבעטען, ער זאָל איהם אויסהאַלטען, ביז וואַנען ער וועט לערנען אין אַקאַדעמיע. יענער איז אָבער געווען אַ קמצן און האָט ניט געוואָלט העלפען זיין ברודער. האָט זיך הלל פערדונגען פאַר אַ לוין-אַרבייטער און פלעגט בעקומען יעדען טאָג אַ האַלבען דִינָר. די העלפט פון זיין לוין פלעגט ער אָבגעבען דעם שומר פון דער אַקאַדעמיע, ער זאָל איהם אַריינלאָזען אינווענינ, און פאַר דער אַנדערער העלפט פלעגט ער קויפען ברויט. און אַזוי פלעגט ער יעדען אָווענד קומען הערען תורה פונ'ם מויל פון שמעיה און אַבטליון, און איז געווען זעהר צופריעדען.

האָט געטראָפען איינמאָל, אַז ער האָט קיין אַרבייט ניט בעקו-מען. איז ער געווען זעהר טרויעריג, וואָס ער וועט ניט קענען אַריינ-קומען אין אַקאַדעמיע. ער האָט זיך געבעטען ביי'ם שומר, ער זאָל איהם אַריינלאָזען, יענער האָט אָבער דערזעהען, אַז ער האָט קיין געלד ניט, האָט ער פערהאַקט פאַר איהם די טהיר. איז הלל אַרויפגעקראָכען אויפ'ן דאַך פון דעם הויז און האָט צוגעלעגט דעם אויער צום פענסטערעל, כדי ער זאָל הערען, וואָס מען רעדט אינ-ווענינ, און אַזוי איז ער געלעגען די גאַנצע צייט.

געווען איז דאָס פרייטאָג צו נאַכט. אַ געדיכטער שניי איז גע-פאַלען פון אויבען, אַלע מענשען זענען געזעסען אין די הייזער ביי די וואַרעמע אויווענס, און הלל איז געלעגען אויפ'ן דאַך און האָט געשלונגען די ווערטער פון זיינע לעהרער. ביסלעכווייז האָט דער שניי איהם פערדעקט פון קאָפ ביז די פיס—נאָר ער האָט דאָס ניט געפיהלט, וואָרום ער איז געווען פערטיעפט אין דעם לערנען. שמעיה און אַבטליון האָבען געלערענט מיט זייערע תלמידים די גאַנצע

נאַכט—און די גאַנצע נאַכט איז הלל געלעגען און געהערט און זיך ניט גערירט, ביז ס'איז אויף איהם אָנגעוואַקסען אַ גאַנצער באַרג שניי.

אינדערפריה האָט מען אין אַקאַדעמיע דערזעהען—עס איז פינ־סטערער ווי אַלע מאָל. מ'האָט אויפגעהויבען די אויגען צום דאַך און דערזעהען דורכ'ן פענסטער עפּעס אַ מענשענ'ס פּנים. זענען שמעיה און אַבטליון געשווינד אַרויפגעקראָכען אויפ'ן דאַך, אַראָבגעשאַרט דעם שניי און אַריינגענומען הלל'ן אינוועניג. דאָרט האָבען זיי איהם געוואַשען און געזאַלבט מיט גוטען בוימעל און געזעצט וואַרימען געבען פייער. נישקשה, האָבען זיי געזאָגט, אַ זוינער איז ווערט, מען זאָל צוליעב איהם מְחַלֵל שבת זיין!

פון דעמאָלט אָן איז געבליעבען אַ שפּריכוואָרט: „הִלֵל מְחַיֵב אֶת הָעֲנִיִים“—דאָס הייסט הלל דאַרף זיין אַ מוסטער פאַר אָרימע מענשען, אַז די אָרימקייט שטערט ניט צו לערנען.

ש. הורוויץ.

די ערשטע שוואַלב.

און דיק איז נאָך די פינסטערניש,
און רויה איז נאָך די לופט,
דאָך זעהט: עס פליהט אַ שוועלבעלע,
עס זאָגט אונז אָן, עס רופט:
פערצווייפעלט ניט,
דער אומעט פליהט,
דער ווינטער געהט פאַרביי;
עס גרינען באַלד
אי פעלד, אי וואַלד,
עס קומט דער שענער מאַי...

מ. ספּעקטאָר.

שַלַח־מָנוֹת.

I.

אין דעם יאָהר האָט זיך דער ווינטער אויסגעצייכענט מיט גרויסע שנייען, מען האָט אָנגעקוואָלען פון דעם גוטען שליט־וועג, און דערהויפּט זענען געווען צופריעדען מיט דעם ווינטער די וואַלד־הענדלער.

איינמאָל, פונקט אום אֶסְתֵּר־תַּעֲנִית, פּאָהר איך אין וואַגאָן פון דער אייזענבאַהן. אַנטקעגען מיר זיצט אַ יודעל און קוקט אַרויס אינדרויסען.

— אַזאַ ווינטער האָט שוין גאָט לאַנג ניט געגעבען,—זאָגט דאָס יודעל.—געלויבט זיין ליעבער נאָמען! זעהט נאָר, ס׳אַרא טהייערער וועג, אַ מחיה!

איך האָב אויך אַ קוק געטהאָן אין פענסטער אויף דעם גלייכען, אויסגעפאָהרענעם, אויסגעריבענעם וועג, וועלכער ציהט זיך איבער דעם ווייס־זילבערנעם פעלד, ווי אַ גלאַנצענדיגע סטענגע. אַ קליין פויערש פערדעל אין אַן׳אָנגעלאָדענעם שליטען, אויף וועלכען עס זיצט אַ פויער אין אַ לאַנגען שמויסען היטעל, לויפט גרינג, שפּיעלענדיג, און דרעהט פון פערגעניגען מיט דעם עק.

— איהר זעהט,—רופט זיך אָן דאָס יודעל,—אין אַ גוטען שליטוועג לויפט אַפילו אַזאַ שקאַפּע אויך מ׳ט אַ שווערער משא. עס פאָהרט זיך עפּעס פון זיך אַליין.

דאָס יודעל האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך זיין פויערשען אַלטען פעלץ און געבליבען שטעהן אין אַן׳אַלטער קאַפּאָטע, אונטער וועלכער עס האָט אַרויסגעקוקט אַ וואַטאָווע לייבעל.

— מען דאַרף עפּעס נעהמען אין מויל אַריין; אַ גאַנצען טאָג געפאַסט,—האָט ער געזאָגט און געגאַנגען ערגיץ זוכען וואַסער צו וואַשען זיך די הענד.

קומענדיג צוריק, האָט ער אַרויסגערוקט פון אונטער דער באַנק אַן׳אַלט קוישעל, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ גרויסען פראַסטען הערינג און פון אַ גרויס שוואַרץ ברויט אָבגעשניטען אַ המוציא. דעם הערינג האָט ער מיט זיינע שוואַרצע, פערהאָרעוועטע, דיקע הענד צעריסען אויף צווייען און אָנגעהויבען עסען, אויסטרינקענדיג פריהער אַ גלעזעלע בראָנפען.

אויף דער צווייטער באַנק זענען געזעסען עפּעס אַ פּריצ׳על מיט אַ פּריצ׳טע און מיט עקעל געקוקט, ווי דער יוד עסט.

אויך די איבעריגע פּאַסאַזשירען האָבען זיך געהאַלטען פון דעם יודען פון דערווייטענס.

איך האָב בעמערקט: פון זיין קוישעל, וואָס ער האָט אָפען אַנידערגעשטעלט אויף דער באַנק, האָט אַרויסגעשיינט אַ גרויסע געפלאָכטענע שבת׳דיגע חלה.

— וואוהין פאָהרט איהר איצטער, וואָס איהר פיהרט מיט זיך אַ גאַנצע קראָם?

— דאָס האָט מיר מיינע מיטגעגעבען, — ענטפערט ער מיט אַ שמייכעל. — אַ קראַם זאָגט איהר? ווי אַזוי קען דאָס אַ מענש זיך אַרויסלאָזען אין וועג אָהן עסענוואַרג?

— איהר פאָהרט עפּעס אין דער מִדְבָּר? — מישט זיך אַריין אַ יודיש ווייבעל מיט אַ גרויסען הוט. — מען פאָהרט דאָך, ברוך־השם, מיט דער באַהן, עס זענען פאַרהאַן וואָקזאַלען, כמעט יעדע האַלבע שעה אַ סטאַנציע.

— וואָקזאַלען, סטאַנציעס, — זאָגט דער יוד מיט אַ שמייכעל, — איז ניט פאַר מיר, און ווידער אין וועג קען מען גאַר ניט וויסען; אין וועג טאָר מען זיך ניט אַוועקלאָזען אָהן עסענוואַרג. אַזוי בין איך שוין געוועהנט פון תמיד אָן.

— נאַרישקייטען, — ענטפערט דאָס ווייבעל און פערדרעדט זיך מיט אַנדערע.

— אַ יוד וועט ניט אַרויסלאָזען קיין גראָשען פון דער האַנד; אַ יוד נעהמט זיך מיט עסען פון דער היים, ער זאָל ניט דאַרפען איבערצאָהלען אַ איבעריגע קאָפּיקע אויף די סטאַנציעס; דעריבער האָבען יודען געלד.

מיט די ווערטער האָט זיך געווענדעט די פּריצ׳טע צו אַלע אין וואַגאָן.

די ניט־יודען האָבען שטעכענדיג געלאַכט.

— גלויבט מיר, — האָט זיך אָנגערופען דאָס פּריצ׳ל, — אַז דאָס „אָרעמע נעבעך־יודעל”, וואָס עסט אַ הערינג מיט ברויט, וועלכען ער פיהרט פון דער היים, איז אויך אָנגעשטאָפּט מיט געלד און לייהט נאָך אונזערע ברידער אויף פּראָצענט.

— אַלע יודישע שונאים מעגען דאָס פערמאָגען אויף צו קרענ־קען, וויפיעל איך פערמאָג, — האָט דאָס יודעל געמורמעלט אונטער דער נאָז און ווייטער געקייעט זיין הערינג מיט ברויט.

— וואָס אַרט עס אייך, — טרייסט איך איהם, — פערמאָגט אייך וויפיעל איהר ווילט — אַבי איהר האָט ניט צוגענומען יענעמס. זאָגט נאָר, וואו פאָהרט איהר עס?

— איהר מיינט, עס אַרט מיך? איך בין שוין געוועהנט צו זיי. עס אַרט מיך, פאַרוואָס האָב איך טאַקע ניט! איהר פרעגט מיך, וואוהין איך פאָהר? אין אַ וואַלד פאָהר איך. איך וועל דאַרט פער־ברענגען עטליכע שעה און מאָרגען פאָהר איך אַהיים אויף פּורים צו דער סעודה. אָבגעפאַסט אַ טאָג, אַפילו די מגילה ניט געהערט.

וואָס טהוט מען ניט צוליעב פַּרְנָסָה? האָטש פּורים צו דער סעודה זאָל גאָט ברענגען אַהיים.

II.

די נאַכט האָט זיך אָנגעהויבען אָנרוקען ווייטער, און עס האָט אָנגעהויבען פּאַטשען דער שניי אין די פענסטער פון וואַגאָן.

דאָס פייפען פון דעם לאָקאָמאָטיוו האָט זיך צוזאַמענגעמישט מיט דעם סווישטשען און פייפען פון דעם ווינד; דער צוג האָט אָנגעהויבען געהן לאַנגווייליג, אויף יעדער סטאַנציע איז ער געשטאַנען מעהר ווי שטענדיג, און ענדליך, נאָך האַלבער נאַכט, האָט ער זיך אינגאַנצען אָבגעשטעלט אינמיטען פעלד...

די קאָנדוקטאָרען האָבען איבערגעגעבען, אַז ווייטער איז אונמעגליך צו פאָהרען: דער שניי הערט ניט אויף צו שיטען און דער ווינד האָט זיך פערגרעסערט און טראָגט אָן אויף דער ליניע גאַנצע בערג שניי. מען מוז וואַרטען ביז אינדערפריה, ווען עס וועט אָנקומען אַ פּאַרטיע אַרבייטער אָבצוררייניגען דעם וועג.

מען איז געשלאָפען אַ אונרוהיגע נאַכט, און ווען מען האָט זיך אויפגעחאַפּט, איז שוין געוועזען גרויסער טאָג. דער שניי מיט דעם ווינד האָבען ניט אויפגעהערט; די וואַגאָנעס זענען געשטאַנען ביז איבער די רעדער אין שניי, און קיין אַרבייטער אָבצוררייניגען דעם וועג זענען ניט געקומען. איינער האָט ביי׳ם צווייטען ניט אויפגעהערט צו פרעגען, ביז וואַנען וועט מען שטעהן, נאָר קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען. ווער עס האָט געהאַט ביי זיך עפּעס צום עסען, האָט איבערגעחאַפּט דעם הונגער: דער האָט געקייעט אַ בייגעל, דער האָט געסמאָטשקעט אַ קאָנפעקט. נאָר אַזעלכע גליקליכע איז געוועזען זעהר ווייניג, און מען האָט אַלץ געוואַרט, אַז אַ פּאָר קאָנדוקטאָרען, וועלכע זענען אַוועק צו־פוס צו אַ נאָהענטער סטאַנציע, וועלען עפּעס ברענגען.

אייניגע פּאַסאַזשירען האָבען אָפען אַרויסגעזאָגט זייער פּראָטעסט קעגען די אָרדנונג פון באַהן־מיניסטעריום.

— וואו איז דער מיניסטער און וואו זענען מיר? — האָט איינער ביטער געלאַכט. — רעדט צו דער וואַנד!

איבערהויפּט זענען אָנגעפאַלען אויף דעם וועג־מיניסטער דאָס פריצ׳ל מיט דער פריצ׳טע.

עס איז שוין געווען האַלבער טאָג, ווען דאָס וואַלד־יודעל האָט אָבגעדאַווענט.

— וואָס זאָגט איהר עפּעס אויף היינטיגען פּורים? — האָט ער

זיך געווענדעט צו מיר מיט אַ זיפץ.—נעכטען געפּאַסט, די מְגִילָה ניט געהערט, היינט—אויך נישט, און זיך צו דער סעודה אין וואַגאָן און וואַרט אויף דעם נעכטיגען טאָג.

— נו, מען דאַרף זיך זעצען צו דער סעודה—האָט ער שפּע־טער אַביסעל געזאָגט.—עס איז אַפילו אַ ביסעלע נאָך צו פריה, נאָר עס קלעמט דאָס האַרץ.

און אַזוי רעדענדיג, האָט ער אַרויסגעשלעפּט זיין קוישעל, אַני־דערגעשטעלט עס אויף דער באַנק, פון זיין צוזויפגעלעגטען פעלץ האָט ער געמאַכט אַ טישעל און עס פערדעקט מיט אַ פּאַפּיער.

— צוליעב יום־טוב דאַרף מען זיך היינט נעהמען צום האַלבּ־געבּאַקענעם קוילעטש. איך קען אייך פערבעטען פאַר אַן׳אורח צו דער סעודה,—האָט ער זיך געווערטעלט, וויסענדיג, אַז איך האָב מיט זיך גאָרניט.

אַנידערגעשטעלט דאָס פלעשעל בראָנפען מיט דער חלה און אַ הערינג, האָט ער זיך ווייטער געווערטעלט:

— איהר וועט מיר מוחל זיין, וואָס די היינטיגע סעודה איז ניט אַזוי גרויסאַרטיג און מען מוז טרינקען פון איין גלעזעל.

אונזער סעודה האָט געהאַט דעם זיבּעטען טַעַם, און מיר האָ־בען געשמאַק געגעסען.

דער פּריץ מיט דער פּריצ׳טע, וועלכע האָבען זיך די גאַנצע רייזע געהאַלטען פון דער ווייטענס און געקוקט פון אויבען אַראָב מיט עקעל אויף דעם „שמוציגען" יודען, האָבען זיך איצט אויפגע־הויבען פון זייערע ערטער און געוואָלט אַוועקגעהן. נאָר דער רֵיחַ פון דעם הערינג האָט זיי אַפּנים צוריקגעצויגען אויף זייערע ערטער. זיי זענען געזעסען מיט יסורים־געזיכטער.

דאָס וואַלד־יודעל, בעמערקענדיג, אַז זיי האָבען מיט זיך גאָר־ניט, האָט דעם פּריץ איינגעלאַדען, אפשר איז ער הונגעריג.

די געזיכטער האָבען זיך ביי זיי איבערגעביטען, און זיי האָבען געשוויגען.

— אפשר וועסטו עפּעס נעהמען?—האָט דער פּריץ געזאָגט דער פּריצ׳טע.

— ניין, אפשר דו?—האָט זי געענטפערט. נאָר דערנאָך האָבען זיי ביידע אויסגעשטרעקט די הענד צו דער חלה...

ווען דער פּריץ האָט גענומען אַ ביסעל בראָנפען, איז גאָר גע־וואָרען פרעהליך ביי אונזער „טיש". ער מיט דער פּריצ׳טע זענען געוואָרען היימישער און אויך גענומען אַ שטיקעל הערינג...

פון דער חלה, וועלכע די פריצ׳טע האָט ניט אויפגעהערט צו לויבען, איז שוין גאָר ניט געבליבען, און דאָס יודעל האָט אַרויסגענומען דאָס היימישע קאָרענע גרויסע ברויט.

III.

עס ווייזט אויס, אַז דער ריח פון דעם קאָרענעם ברויט מיט דעם הערינג איז ניט נאָר פערגאַנגען אין אונזער וואַגאָן פון דריטען קלאַס, נאָר אויך אין די איבעריגע וואַגאָנען. מען האָט זיך דאָרט דורכ׳ן קאָנדוקטאָר דערוואוסט, אַז ביי אונז געפינט זיך אַ יודעל, וואָס האָט ברויט, הערינג און בראָנפען, האָבען אָנגעהויבען קומען צו אונז „דעפּוטאַציעס״ מיט פלעשלעך און גלעזער צו קויפען עפּעס ביי׳ם יודעל.

— איך האַנדעל ניט מיט עסענוואַרג, איך האַנדעל מיט האָלץ, — האָט ער יעדען געענטפערט, — ווער עס וויל, קען קומען צו מיין טיש, כל־זמן עס איז נאָך עפּעס געבליבען.

ביסלעכווייז האָט דעם יודעל מיט זיין „טיש״ אַרומגערינגעלט אַ גאַנץ רעדעל יודען און ער האָט צעשניטען דאָס ברויט אויף שטיקלעך, אַרויסגענומען נאָך אַ הערינג, איהם אויך צעשניטען און יעדען געטיילט מיט די ווערטער:

— אָט האָט איהר אייך שלח־מנות.

עס איז אַריינגעקומען איינער אַ יונגער מאַן פון אַ צווייטען וואַגאָן.

— ר׳ יוד, האָט ער זיך געווענדעט צו איהם, — אויב איהר ווילט ניט פערקויפען, לייהט מיר ברויט מיט הערינג, מיר וועלען קומען צו דער ערשטער סטאַנציע, וועל איך אייך אָבקויפען מיט דאַנק.

— זייט אַזוי גוט און זעצט זיך צום „טיש״, — האָט דער יוד פרעהליך געענטפערט.

— מיין פרוי מיט די קינדער זענען אין דריטען וואַגאָן, עס איז זיי שווער אַהער צו קומען.

— אויב אַזוי, איז עפּעס אַנדערש, — האָט ער געזאָגט, אָבגעשניטען אַ שטיק ברויט מיט אַ האַלבען הערינג און דערלאַנגט דעם יונגען מאַן.

— נאַט אייך און זאָגט אייער ווייב און קינדערלעך, אַז איך, יאָסעל דער וואַלד־יוד, שיק זיי שלח־מנות: איהר ווייסט דאָך, אַז היינט איז פּורים.

דער יונגער מאַן האָט שוין געוואָלט אַוועקגעהן, האָט ער איהם אָבגעשטעלט.

— וואַרט נאָר אויס אַביסעל,—און ער האָט אָנגעהויבען עפּעס אַרויסציהען פון קוישעל.

אַלע האָבען מיט אינטערעס געקוקט, וואָס וועט ער אַרויסשלע־פּען פון דאָרטען.

און ווי פערוואונדערט זענען אַלע געוואָרען, ווען ער האָט אַרויס־גענומען אַ פערבונדען טיכעל, אין וועלכען עס איז געלעגען פּורים־גרייט: פלאָדען מיט מלכות־ברייטלעך, מאָהנדלעך און נאָך זיסע זאַכען.

דער יוד האָט גענומען אַ שטיקעל פלאָדען מיט אַ פּאָר מאָהנד־לעך און דערלאַנגט דעם יונגען מאַן:

— דער שלח־מנות איז פאַר אייערע קינדערלעך. איהר זאָלט זיי זאָגען, אַז היינט איז פּורים און איך האָב זיי געשיקט שלח־מנות.

דערזעהענדיג דאָס פּורים־גרייט, זענען אַלע עפּעס געוואָרען יום־טוב'דיג און האָבען פרעהליך געלאַכט.

— ווי קומט צו אייך פּורים־גרייט, ר' יוד?

— דאָס איז אַלץ מיינע, זאָל לעבען, זי האָט עס מיט מיר געשיקט שלח־מנות אַ גאַנץ געבעק פּורים־גרייט דעם וואַלד־יודען, צו וועלכען איך פאָהר איצטער. איך האַנדעל מיט איהם כַּמָה יאָהרען. ווי עס ווייזט אָבער אויס, אויב דער שניי וועט ניט אויפהערען, וועל איך קומען צו איהם ערשט אויף פֶּסַח, ווען מיין ווייב וועט איהם דאַר־פען שיקען מַצות, היינט פאַרוואָס זאָלען מיר זיך דאָ ניט מאַכען פּורים?

און דער יוד האָט צעבראָכען די מלכות־ברייטלעך מיט די מאָהנדלעך אויף קליינע שטיקלעך און געטיילט יעדען שלח־מנות.

— נו, אַ יודעל, אַ יודעל האָט אונז גאָט צוגעשיקט!—האָבען אַלע געקוואָלען, סיי יודען און סיי ניט־יודען, וועלכע האָבען אויך פון איהם אַ הנאָה געהאַט.

אַלע האָבען זיך פריינדליך און ברידערליך געהאַלטען איינס מיט דעם צווייטען, און פּורים איז געוואָרען אַ יום־טוב פאַר אַלע אין וואַגאָן, אָהן אונטערשיעד פון גלויבען. דער העלד איז געוואָרען דאָס אָרעם־געקליידעטע יודעל מיט די שוואַרצע פערגראָבעטע גראָבע הענד.

און פרעהליך, פּורים'דיג האָט מען די צווייטע נאַכט פערבראַכט אין שניי, אינמיטען פעלד.

דאָס וואַלד־יודעל איז אַזוי פּורים'דיג געוואָרען, אַז ער האָט שוין פון לעדיגען פלעשעל געטרונקען לְחַיִים צום עוֹלָם.

— לחיים! גאָט זאָל העלפען, אַז איבער אַ יאָהר אין דער צייט זאָל פון די הָמָנִים קיין שָׂרִיד וּפָלִיט ניט בלייבען און יודען זאָלען אויסגעקוועטשט ווערען.

— אָמֵן! — האָבען יודען געענטפערט.

— אָמין! — האָבען די ניט-יודען נאָכגעזאָגט.

דאָס וואַלד-יודעל איז אַזוי פרעהליך געוואָרען, אַז עס האָבען זיך איהם געהויבען די פיס צו טאַנצען.

— איהר הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגען, — האָט ער זיך אויפגעהויבען פון באַנק און געהויבען די פיס אויף איין אָרט: — איהר הערט? אַלע יָמִים-טוֹבִים וועלען בָּטֵל ווערען, און דער טייערער יום-טוב פורים וועט בלייבען. קאָן זיך דען טרעפען, אַז אין אַנ'אַנדער יום-טוב זאָל מען בלייבען זיצען אין שניי, ווי איצטער מיט דעם יום-טוב פורים? — אַ? זאָגט אַליין?

אַלע האָבען געקלאַפּט בראַוואָ.

און ביי אונז אין וואַגאָן איז אין דער דאָזיגער נאַכט אֱמֶת געוועזען שִׂמְחַת-פּוּרים.

שמוים — שעפּסענע פוטער. שקאפּע — פערד (אַ „זי“). פורים-גרייט — פורים-געבעק.

ל. שאַפּירא.

דאָס אייז פּלאַצט.

לאַנג ציהט אַ צפון-ווינד, און — קיינער בעמערקט נישט ווען און ווי אַזוי — הויבט ער אָן צו אָטעמען פון דָרום, אַ פייכטער, אַ פוילער, אַנ'איינגעזעסענער. דער גלאַטער, ווייסער וועג אויפ'ן טייך ווערט קויטיג, טונקעל, קנייטשיג; די פוסגעהער פערלירען די הָעְזָה, בעוועגען זיך מיט יִשׁוּב-הַדַעַת, קלאַפּען מיט שטעקענס אָן גרונט און הערען זיך צו עפּעס צו... די פוהרלעך בעווייזען קאַפּריז, מאַכען עפּעס מאָדנע זיגזאַגען, מיידען אוים מאַנכע ערטער, און דאָך טהוט עס אונטער זיי ווען-ניט-ווען אַ חליפה, אַ שפּריץ. דער דרום-ווינד ציהט דערוויל מיט גרוים עַקְשָׁנוּת, די טעג ווערען אַביסעל גרעסער, די נעכט — אַביסעל קלענער, און דער טייך הויבט אָן צו נעהמען זיינע ערשטע קָרְבָּנוֹת: פאַלט אַריין אַ מענש, ברעכט זיך איין אַ פוהר, בעווייזען זיך עפּעס פערדעכטיגע לעכער, גריבער, ברונענס. ביסלעכווייז לויפען זיך די מענשען פאַנאַנדער.

דערנאָך קומט אַ נאַכט, ווען ביילקע חאַפּט זיך פּלוצים אויף פון שלאָף און פרעגט דערשראָקען:

— זיידע, וואָס איז דאָס?...

דער זיידע שלאָפט שוין לאַנג נישט.

— גאָרנישט, טאָכטער, גאָרנישט... דער טייך ריהרט זיך.

ער פעררויכערט אין דער פינסטער זיין ליולקע, רויכערט, הוסט, שפייט און מריקעט עפּעס אַזוינס.

— האַ, וואָס? — פרעגט ביילקע ווידער.

— עט... הם... גאָרנישט, גאָרנישט... — ענטפערט ער און אין אַ ווײַלע אַרום מריקעט ער ווידער, אָבער ביילקע פיהלט, אַז ער איז נישט אונצופריעדען, און נישט ער, נישט זי ווייסען נים, וואָס איז די שׂמחה. אויפ'ן טייך דערוויל דונערט עס אַזוי, אַז דאָס גאַנ־צע הייזעל טרייסעלט זיך און די שויבען אין די פענסטער גרילצען. אַ גאַנצע נאַכט גלאָצט ביילקע מיט די אויגען אין דער פינסטערניש אַריין און האַלט איין דעם אָטעם, און איהר דאַכט זיך, אַז זי זעהט וואָס זי הערט.

קוים דערוואַרט זיך אויף טאָג, שפּרינגט זי אַרויס פון שטי־בעל און פאַלט אַריין גלייך אין די אָרעמס פון אַ וואַרימען ווינד, וואָס שמעקט ווי אַ זומער־רעגען. זי פערמאַכט אויף אַ רגע די אויגען, עפענט זיי אויף און פערקוקט אַראָב.

דאָס אייז רודערט זיך. אונטער'ן אייז שטעהט עמיצער אַ גרוי־סער, אַ ריעזיגער אויף די הענד און אויף די פיס און בעמיהט זיך אויפצוהייבען אויף זיין רוקען די האַרטע, שווערע דעק. דאָס אייז בויגט זיך, פּלאַצט ערטערווייז און לאָזט זיך ווידער שווער אַראָב. דער געפאַנגענער אונטען ווערט וואָס אַמאָל אונרוהיגער, אויפגערעג־טער: ער סאָפּעט, רודערט זיך, שטרענגט זיך אָן נאָך מעהר. דאָס אייז ברעכט זיך עפּטער, ברייטער, ראַנגעלט זיך פערצווייפעלט פאַר זיין מאַכט—און ברעכט זיך פאָרט. איינצעלנע שטיקער שטויסען זיך, וואַרפען זיך און קעהרען זיך איבער, ווי אונגעהויער גרויסע טויטע פיש, מיט די ווייסע בייכער אַרויף... וואַסער זעצט פון אַלע וואַנ־דען, פערפלייצט דאָס אייז, שווינקט עס, רייניגט עס און—עסט עס. און פלוצים טהוט די גאַנצע מאַסע אַ ציטער—און ריהרט זיך פון אָרט

מ. סטאַווסקי.

לָבָן הָאֲרַמִּי.

(דערצעהלט פון איינעם, וואָס האט געהאט א טאטען א בעל־עגלה).

I. די ערשטע בעקאַנטשאַפט.

עס איז געווען אַ קאַלטער און אַ נאַסער נאָך־סוכות. די הימ־לען זעהען אויס פערוויינט, טריב און מוטנע. אַ דראָבנע רעגעלע

קראַפּעט, זימזעט טאָג ווי נאַכט. קיינער געדענקט ניט, ווען עס האָט אָנגעהויבען, און פרעג—גלויבט קיינער ניט, אַז עס זאָל אַמאָל אויפהערען.

קורצע, חמורנע טעג. עס דערלעבט גאָרניט זיך אויסצולייטערען, איז שוין מִנְחָה-צייט. דערנאָך איז הימעל און ערד און פינסטערניש איין שטיק.

אין אַזאַ מין פאַרנאַכט בין איך איינמאָל געקומען אַהיים און האָב נעבען שטוב בעמערקט אַ קליין, מאָגער, געפלעקט לאָשאַקעל. עס איז געווען אויף אַ שטריקעל ביי'ם האַלז צוגעבונדען צום סלופּ פון דער צעוואָרפענער סוּכּה. עס האָט געהאַט אַ קורצע, רויטליכע גריווע, ווי מיידעלש-קליינע צעפּעלעך, אַ קורץ וויידעלע, בעהאַלטען, איינגעטוליעט אונטער זיך. דעם קאָפּ האָט עס געהאַלטען אַראָבגעלאָזען, ווי עס וואָלט דאָרטען אונטען עטוואָס געזוכט. אינגאַנצען האָט עס זיך צונויפגעקאָרטשעט און געטרייסעלט ווי אַ בלאַט... איך האָב עס גוט בעטראַכט, געדרעהט, געגלעט, געפיהרט מיט דער האַנד איבער דעם נאַסען רוקען, געשלאָסען אין דער פינסטער בעקאַנטשאַפט און אַר"ין אין שטוב.

אונז, קינדער, האָט שטאַרק הנאָה געטהאָן, וואָס מיר האָבען אַ לאָשאַקעל. אַ קליין לאָשאַקעל, אונזערם אַנ'אייגענס, ביי אונז אין שטאַל, און אַזאַ שענס—ווייס מיט שוואַרץ. מיר האָבען זיך אַלע אויף דער באַנק, וואָס בי'ים פענסטער, צעשטעלט, אַרויסגעקוקט דורך דער שויב אין גאַס אַריין. עס איז שוין נאַכט, און אין דעם גראָהען נעבעל טרייסעלט זיך אַ קליין, מאָגער, ליעב נפשל. קלאַפּען מיר אונטער איינער דעם אַנדערען מיט דעם עלענבויגען, שמעלצען זיך שטילערהייט פאַר שמחה: זעהסט, ס'אַר'אַ קעפּעלע, ס'אַר'אַ דינינקע פיסעלעך, און די אויגען אַזוי גרויס און גראָהָ!...

דער טאַטע האָט פערבויגען דעם מעריב און באַלד זיך געגומען מאַכען פאַר איהם אַנ'אָרט אין שטאַל, משיג-גבול געווען אַ בי-סעל דער בהמה, דעם פערד, און עס איז געבליבען אונזערם.

II. מיר האָבען ליעב לבנ'ען.

אַ נאָמען געגעבען האָט מען דעם לאָשאַקעל „לבן הארמי".

און ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה לבן הארמי. לבן הארמי געגעסען, לבן הארמי געטרונקען, לבן הארמי—לבן הארמי.

— וועה איז מיר, ווי אָן טויט פערגעסען, פון אינדערפריה שטעהט לבן אָהן אַ טרונק!...

אַלע מינוט ברענגט מען איהם עפּעס אַנדערש: דער אַ שטי־קעל ברויט, אַביסעל געקעכטס, קרופּניק, באַרשטש, אַ שטיקעל בײ־געל. יעדער האָט איהם געגלעט, געבאַרשט, געקעמט. און ער האָט זיך אַזוי צוגעוועהנט צו אונז, אַז ער פלעגט עסען פון האַנד. פּרי־הער שמעקען, בעטראַכטען, איבערקלויבען מיט די ליפּען: פלאָפּ... פלאָפּ... פלאָפּ... ווי ער וואָלט ווערעמדיגען אַרבעס געקליבען. דער־נאָך אַ חאַפּ אַריין פערזשמורעט מיט איין אויגעל, און ער קייעט שוין..

מיר האָבען איהם אַלע שטאַרק ליעב געקריגען. וואו אַ לעדי־גע מינוט, האָט מען פערבראַכט אין שטאַל, זיך געשפּיעלט, געשמו־עסט מיט איהם, ווי מיט אונזער׳ס אַ גלייכען. מיר זענען געוואָרען אַזוי צוגעבונדען צו איהם, דער עיקר דער טאַטע. ער שטעהט נאָר אויף אינדערפריה, גיעט ער אַ רייב איבער די אויגען, און נאָך פאַר נעגעל־וואַסער איז ער שוין אין שטאַל. מיר דאַכט זיך, אַז ווען ער זאָל זיך ניט שעמען און עס זאָל זיך ווענדען אָן איהם, וואָלט ער אין בענשען ביי „אוֹתִי וְאֶת אִשְׁתִּי וְאֶת זַרְעִי“ צוגעשטעלט, „וְאֶת לָבָן הָאֲרַמִּי“, זאָל זיך האַלטען און געזונד זיין...

III. לבן — אַ שטיפער.

אויף זומער איז לבן שוין געווען אַ היבש פערדעל: אַ שענע אָנ־געוואַקסענע גריווע; דער ווידעל, עטוואָס געגרייזעלט, דערלאַנגט אַזש ביז אונטער די קניע. אַז מ׳האָט איהם דעם ערשטען מאָל אַרויסגע־לאָזען אינדרויסען אין אַ וואַרימען ליכטיגען פריהלינגס־טאָג, איז גע־ווען אַזאַ שמחה, פונקט ווי בעת רבקה׳לע האָט אָנגעהויבען אַרומ־לויפען מיט די קליינע, קרומע פיסעלעך...

ער האָט געמאַכט אָנשטעלען, געשטיפט, פעררייסען דעם עק און זיך געגעבען אַ ציה אויס איבער׳ן גאַס מיט׳ן בויך צו דער ערד: אָט־אָט, מיינסטו, זעצט ער זיך, און אַוועק העט וייט־וייט... באַלד קומט ער צוריק, קוקט זיך אַרום, בעטראַכט אַלעס מיט אַ לייכטען און פרייען בליק, וואַרפט זיך איבער מיט׳ן טאַטען מיט אַ וואונק, ווי ער וואָלט פרעגען: האַ? וואָס? מ׳קאָן? און בעקומענדיג אַ געוואונשע־נעם ענטפער, האָט ער זיך ווידער אַ לאָז געטהאָן, געוואָרפען, גע־פוצט מיט דעם קעפּעלע, פריי געהירזשעט, ווי ער וואָלט געמיינט צו זאָגען: קומט! זעהט! ס׳אַר׳אַ ליכטיגע וועלט אינדרויסען!... אַזוי ליכטיג, לופטיג, זאַפטיג און פריי — פריי —.

לויפענדיג האָט ער מיט די ציינער אַראָפּגעחאַפּט פון פעשע־ביילע׳ס פלויט אַ קליין קינדער־קישעלע, וועלכעס זי האָט אויפגע־

האַנגען צום טריקענען. ער האָט געוואָרפען מיט דעם קאָפּ הין און צוריק, אַרויף און אַראָב, ווי ער וואָלט עמיצען אַרויסגערופען: העי! דו, יאָלד! וואָס האָסטו זיך דאָרט בעהאַלטען? קום אַרויס, וועלען מיר זעהען, ווער פון אונז איז שטאַרקער!... באַלד איז אין קישעלע אַלאָך געוואָרען, און די פעדערען האָבען זיך אַזוי לייכט און פריי איבער׳ן גאַס צעטראָגען, האָבען איהם איבערגעיאָגט, אין דער הויך צעלאָפען, ווי זיי וואָלטען זיך מיט איהם אין אַ שטיף אַריינגעלאָזען: אַנו, ווער וועט וועמען איבעריאָגען?...

אין גאַס איז געוואָרען אַ טומעל. פעשע־ביילע ברעכט די הענד, מאַכט געוואַלדען און שילט שטילערהייט... אין גאַס וויל מען איהם פערהאַלטען, פערשטעלט מען איהם דעם וועג, צעשפּרייט מען די פּאָלעס—טפּר, טפּר, טפּר! מען לאָזט איהם פאַר׳ן נאָז אַדורך—און מ׳האַלט זיך ביי די זייטען לאַכענדיג.

און אַז מ׳האָט זיך גוט אָנגעמאָרדעוועט און ער האָט די גאַנצע פעדערען געהאַט אויסגעזייהט, איז געלונגען איהם אַריינצוקריגען אין שטאַל...

IV. לבן ביי׳ם ברונען

פון דעם טאָג איז ער ווי מיט אַמאָל אויסגעוואַקסען: שוין כמעט אַ פערד!... די קינדער האָבען אָנגעהויבען זיין פּאָרזיכטיג: זיי געבען אַ שטיקעל בייגעל, קוקען איהם גלייך אין די אויגען און חאַפּען באַלד צו די האַנד. דער טאַטע האָט איהם אָנגעטהאָן אַ ציימיל, וואָס ער האָט אַליין אויפגעניידט פון אַלטע לאַבעדריקעס, און אָנגעהויבען פיהרען איהם צום ברונען אָנטרינקען, ווי ער וואָלט זאָגען: איך האָב שוין מעהר קיין כח נישט צו שלעפּען וואַסער פאַר דיר אין שטאַל, דו ביסט ניט קליין אַליין דורכשפּאַצירען זיך צום ברונען. און לבן פלעגט פערדייסען דעם קאָפּ, זיך אַרומקוקען אין אַלע זייטען, בעטראַכטען, וואָס אַרום טהוט זיך, זיך געבען אַ שטעל דיבאָם, אויף די פאָר הינטערשטע פיס, ווי ער וואָלט געקלערט: אַנו, ווער איז העכער? דערנאָך גראָבט ער מיט אַ פעדערשטער פוס די ערד, וואָס אַרום ברונען, שפּריצט אַרויף אַ קליינע פערגרינטע לוזשע, וועלכע טריקענט קיינמאָל ניט אויס, פערשפּריצט דעם טאַטען פון קאָפּ ביז די פיס. טרינקענדיג גריזעט ער דעם עמער, די דוזשקע מיט די ווייסע און שטאַרקע צייהן, גיעט איהם אַ הויב אויף אין דער הויך, אַ טרייסעל אין דער לופט און אַ וואָרף אַהין אַזש אויף יענער זייט ברונען, אַז עס בלייבען פון איהם נאָר די קלעפּקעס.

דער טאַטע אַז ער קומט אין שטוב, נאָכדעם ווי ער האָט לבנ׳ען אין שטאַל געבראַכט, אויף זיין אָרט צוגעבונדען, ווישט ער אַרום מיט׳ן האַנדטוך דעם פּנים, די זאַכען און קאָן זיך ניט איינ־האַלטען, דערצעהלט מיט פערגעניגען: „דו ווייסט, לבן האָט אויסגע־טרונקען אַ גאַנצען עמער און נאָך אַביסעל״.—„זאָל איהם זיין צו גע־זונד״,—ענדיגט די מאַמע.

V. דער גראַף וויל קויפען לבנ׳ען

פון טאָג צו טאָג איז ער געוואָרען גרעסער, שטאַרקער און שענער. אין שטעדטעל האָט מען אָנגעהויבען פיעל ריידען וועגען איהם. מבינים האָבען געזאָגט, אַז ער וועט אַריין אין די גדולות. אַ לאַנגער שלאַנקער קערפּער, אַ שיף־פאָרמיגער רוקען, הויכע און צאַרטע פיס; אַ ברייטער געטאָקטער לעבעדיגער האַלז מיט אַ קליי־נעם פּיערקאַנטיגען קעפּעלע; געווען איז ער שטיפעריש, רידרעוודיג, אומגעדולדיג און פול מיט לעבען.

איינמאָל אין אַ שענעם ליכטיגען נאָך־שבועות פריה־מאָרגען איז צו אונזער שטוב דער אַלטער גראַף צוגעפאָהרען. אַ גרייז־גראָהער אַלטער מיט ווייסע באַקען־בערד—אַ גרויסער ליעבהאָבער פון פערד. זיצענדיג אויף דער ברישקע, האָט ער דעם טאַטען פון שטוב אַרויסגערופען: „איך האָב געהערט, — זאָגט ער:—אַז דו האָסט אַ גוט פערד, וויל איך אַ קוק טהאָן״.

דער טאַטע האָט אַרויסגעפיהרט לבנ׳ען.

דער גראַף איז אַביסעל אָבגעגאַנגען, ווי ער וואָלט זיך וועלען אין איהם אָנשפּיעגלען, נאָכדעם איז ער צוריק צוגעקומען, ענטציקט געדרעהט מיט דעם קאָפּ. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צום טאַטע׳ן:

— ווילסט איהם אפשר פערקויפען? קען איך דיר אָבצעהלען פאַר איהם צוויי יעקאַטערינעס.

ער האָט דעם טאַטען טיעף אָנגעקוקט און איז געבליבען וואַרטען.

דער טאַטע איז געוואָרען צוטומעלט, בלייך, די הענד האָבען איהם אָנגעהויבען ציטערען, אַז ער האָט קוים דאָס ציימעל איינגע־האַלטען, ער האָט זיך אָבער באַלד געמאַכט מוט, אויפגעהויבען דעם קאָפּ, און ווי ער וואָלט פון דער ערד ווערטער אָנגעשעפּט, האָט ער אַרויסגעזאָגט:

— ניין! איך וועל איהם ניט פערקויפען. זאָל ער געזונד זיין און זאָל ער זיך וואַלגערען. אַנ׳אָרט און עסען ווסט זיך נאָך פאַר איהם געפינען...

VI. לבן געהט אין שפּאַן.

מיט אַמאָל איז ער אונז געוואָרען פּיעל טייערער — ליעב און נאָהענט, ווי אַנ׳אויג אין קאָפּ. דער טאַטע האָט אויפגעהערט נעכטי־גען אין שטוב: אויף גיך אָבגעגעסען די וועטשערע און אַוועק שלאָ־פען אין שטאַל; זיך פּעררייגעלט פון אינעווייניג מיט אַ ריגעל, פּער־לעגט אַ שטאַרקע אייזערנע קייט.

אויף איבער אַ יאָהר נאָך פּסח האָט מען אָנגעהויבען לערנען לבנ׳ען אין שפּאַן. עס איז ביי אונז געווען אַזאַ שמחה, ווי ס׳וואָלט אַ יונגעל בַּר־מִצְוָה געוואָרען און זאָגט די אמת׳ע דְרָשֶׁה, אָדער מ׳האָט דערלעבט מיט אַ טאָכטער תְּנָאִים שרייבען.

בַּעַל־עֲגָלוֹת פון שטעדטעל זענען צונויפגעקומען, געהאָלפען איהם אָנטהאָן, איינשפּאַנען, געלערנט, געוויזען, גע׳עצה׳ט, נאַר ניט געשלאָ־גען: עס הויבט זיך ניט די האַנד—לבנ׳ען שלאָגט מען ניט — מ׳האָט איהם געגלעט, געלאַשטשעט, איינגערעדט, נאָכגעגעבען אַלע קאַפּרי־זען—ווי אַ משוגע׳ן צימעריג קינד. און אַז ער איז געווען איינגעשפּאַנט אין גרויסען בעל־עגלה׳שען וואָגען און געשטיפּט, געדרעהט זיך אין די אַהלאָבליעס, האָט ער אויסגעזעהען אַזוי מאָדנע: פּונקט אַ שטיי־גער ווי אַ בילד־שענע גרעפין וואָלט פּלוצלונג פון דער העלער הויט אַ ספּאָדניצע אָנגעטהאָן און אַ גרויסע פויערשע פּאַטשיילע אויף דעם קאָפּ אַרויפגענומען...

ביסלעכווייז האָט זיך לבן אויסגעלערנט געהן אין שפּאַן. שכנים זענען געווען צופריעדען, וואָס לבן איז געבליבען ביי אונז און דער טאַטע פּאָהרט מיט איהם. פּונקט ווי ער וואָלט יעדען אַ שאָד געווען, שווער זיך צו שיידען מיט איהם. און גלאַט טהוט יעדען הנאה, וואָס אַ ייד פּאָהרט, קיין עַיִן הָרַע, מיט אַ שענעם פּערד.

VII. לבן האָט פיינט אַ ביטש.

פון דער נאַטור איז לבן געווען אַ רוהיגער, אָפט פערקלעהר־טער: שטעלט אָן די אויערען, פּערגאַפּט זיך אויף עפּעס, ווי ער וואָלט זיך וועלען אָן וואָס דערמאָנען. געהענדיג אין וועג, האָט ער קיינמאָל ניט גענומען אָן אַ זייט, נישט אַרויס פון קאָליע, נישט גע־מאַכט קיין העוויות, נישט געוואוסט פון רייסען, קאָפּיען, ברעכען; געווען אָבער אַ קאַפּריזנער, אַ האָנאָראָווער: ער לאָזט זיינס ניט אַדורך. אַ הויך וואָרט—אַהאַ, סטאָפּ! ער שטעהט שוין, ריהרט זיך ניט פון אָרט, האָטש ברען איהם. ביז מען מוז אַראָב פון וואָגען, איהם אַ גלעט טהאָן, איינרעדען, איבערבעטען, צולאַשטשען איהם, ערשט

דעמאָלט געדהט ער אַוועק, האַפּענדיג יעדעס מאָל אַ קוק אין וואָגען, ווי איינער זאָגט: זעהסט! מיט גוטען מאַכט מען מעהר ווי מיט בייזען...

קיין בייטש האָט ער קיינמאָל ניט אָנגעזעהן. ער ווייסט ניט דעם טעם דערפון. לבן האָט בטבע פיינט בייטשען... און איינשפּאַנען פלעגט איהם מוזען שטענדיג דער טאַטע, קיין פרעמדען לאָזט ער ניט צו.

חברה האָבען איהם געוואָלט אַמאָל אַריינגאַרען, האָט וועלוועלע יצחק'ס גענומען און אָנגעטהאָן דעם טאַטענ'ס לייבעל, דאָס היטעל, אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, אָבגעבראָכען אַ שטיק פון דער שבת'דיגער חַלָה און איז צו איהם צוגעגאַנגען. לבן האָט געגעסען, זיך צוגעהאַפּט צו דער חלה, זיך געלאָזען אָנטהאָן דעם חאָמאָט, די שלייעס, אַריינפיהרען אין די אַהלאָבליעס און האָט גענומען שפּאַנען.

אַז ער האָט אָבער געהאַט אויפגעגעסען די חלה, האָט ער זיך אומגעקוקט און בעמערקט, אַז דאָס איז אַ פרעמדער, האָט ער געגעבען אַ פערלעג די אויערען צו דער פלייצע, פערזשמורעט ביידע אויגען, אַ חאַפּ געטהאָן מיט די שטאַרקע ציינער פאַר איין אַרבעל, איהם אָבגעפליקט—און אַ לויף אַרויס געגעבען פון שפּאַן...

אין גאַס איז מען צופריעדען. מען קוקט איהם נאָך, מען בעגלייט איהם מיט אַ הוראַ! לבן איז אַ מענש! ער לאָזט זיך ניט אַריינגאַרען.

VIII. לבן לאָזט זיך ניט שמיעדען.

צו חנוכה האָט אָנגעהויבען ווערען גליטשיג. נעהמט דער טאַטע אַראָב אַ מאָס פון די קאָפּיטעס, בעשטעלט פאָדקאָוועס אויף שרייפלעך, מ'זאָל ניט דאַרפען אַלע מאָל רייסען און טשוועקעס קלאַפּען, און אַוועק מיט איהם צו בערלען אין קוזניע איהם אָבשמיעדען.

איז זיך מישב לבן און לאָזט זיך ניט צורידהרען: אַ פוס, זאָגט ער, איז אַ פוס און שמיעדען לאָז איך זיך ניט, ניט מיט גוטען, ניט מיט בייזען. ער האַפּט זיך בייסען, רייסט זיך, חראָפּעט, זעצט מיט די פיס. און ווען עס געלינגט שוין איהם אָנהאַפּען ביי אַ פוס און דער טאַטע מיט בערלען נעהמען זיך שטאַרק אָן מיט אַלע הענד, הויבט ער אָן לאַנגזאַם צו פיהרען מיט דעם פוס הין און צוריק, ווי ער וואָלט וועלען עפּעס פאַנאַנדערטרייסלען; דער טאַטע מיט בערלען לאָזען ניט אָב, האַלטען שטאַרק און לויפען נאָך מיט דעם

פוס, ביז ער גיט מיט אַמאָל אַ ציה, אַריים אַרויס, און ער בלייבט אומגעשמיעדט.

דערנאָך האָט מען זיך צוגעוועהנט, און לבן געהט ניט גע־שמיעדט בעסער, ווי אַנדערע פערד געשמיעדט. פערקעהרט, עס טהוט נאָך הנאָה: קיין עין הרע, אַ פערד—אַ גבור, אַ שטאַרקער טראָט—מ׳דאַרף איהם גאָר ניט שמיעדען.

אַז דער טאַטע איז אויפגעראַמט, בעריהמט ער זיך: „איהר ווייסט? לבנ׳ס פוס האָט דאָך נאָך קיין פּאָדקאָווע ניט פערזוכט...“

IX. לבנ׳ס טרויעריגער סוף.

אַ טאָג פאַר ערב פסח, פאַרנאַכט, איז דער טאַטע פון וועג געקומען, אויסגעשפּאַנט, אַוועקגעשטעלט דעם וואָגען אויף זיין אָרט, אויפגעהאַנגען דעם חאָמאָט, די שלייעס און שטאַל אויפ׳ן פלעקיל און זאָגט צו מיר:

— ווייסטו וואָס? מען דאַרף לבנ׳ען אויף יום־טוב אַביסעל אויספוצען, זאָל ער אויך וויסען פון אַ יום־טוב. מען דאַרף איהם די קאָפּיטעס אַרומרייניגען. זיי האָבען דאָך קיין פּנים ניט. זעהען־אויס ווי צעגאָסענע פּאַמפּושקעס. אַ וואונדער—אַ פערד ווייסט ניט, וואָס אַ פּאָדקאָווע איז...

מיר האָבען גענומען לבנ׳ען און אַוועק צו בערלען אין קוזניע.

פריהער האָט בערל געפּרופט מיט גוטען, געגלעט, געגלאַש־טשעט, געקרעכענט: אפשר האָט ער פערגעסען אָן משוגעת און וועט געבען אַ פוס. דערנאָך האָט ער גענומען אַ פּאָסטראָנעק, איהם דורכ־גענומען דורך דעם מויל איבער׳ן קאָפּ, שטייף צוגעבונדען און אי־בערגעדרעהט עטליכע מאָל מיט אַ פלעקעל. דאָס גאַנצע מויל איז געוואָרען צוזאַמענגעדריקט, אין די ווינקלען האָט זיך בלוט בעוויזען, און לבן שטעהט, ריהרט זיך ניט, ווי ניט איהם מיינט מען, ווי ער וואָלט דאָ גאָר ניט געווען אָדער ער וואָלט זאָגען: אַז איך זאָג ניין—וועט שוין זיין ניין; קאָנט איהר מיר אפילו געבען מיט עפּעס איבער׳ן קאָפּ, איך וועל קיין פוס ניט געבען...

דערנאָך האָט מען איהם אַריינגענומען אין אַ סטאַנאָק פון פיער שטאַרקע סלופּעס, פערצאָמט איהם מיט פלעקלעך, וועלכע זענען צוגעמאַכט צום סטאַנאָק, הויך, שטייף פערריסען דעם קאָפּ און פעסט אַיינגעבונדען. לבן האָט צעשראָקען, פערוואונדערט געקוקט, זיך אַיינגעהערט, שטייף אָנגעשטעלט די אויערען, ווי ער וואָלט פרע־גען: וואָס וועט דאָ זיין? פאַר וואָס מוטשעט מען מיך אַזוי?...

מ'האָט פערוואָרפען אַ פּעטליע אויף אַ הינטערשטען פוס, אַרי-
בערגענומען דעם פוס איבער אַ פּלעקעל און גענומען רייניגען...

לבן האָט זיך צוגעהערט צום קראַצען פון דעם שאָב-מעסער, פון דער פייל; ער האָט אומגעדרעהט דעם קאָפּ, פערקרימט די אויגען, ביז דער רויטקייט וואָס אין די ווינקלען, און האָט בייז אָנגעקוקט...

פּלוצלונג האָט ער זיך אַ שטאַרקען ריס געגעבען, אַ שפּרונג געטהאָן, אַ זעץ מיט די פיס אין סטאַנאָק; ס'האָט זיך דערהערט אַ מְגוּשֶׁם'דיגער קלאַפּ אויסגעמישט מיט אַ ווילדען רעווערייי,—אַלע זענען פאַר שרעק אָבגעשפּרונגען און אַנידערגעפאַלען. — — —

אַז מ'איז צו זיך געקומען, האָט מען געזעהן—לבן איז געזעסען ווי אַ הונד אויף די הינטערשטע פיס, זיך געשטיקט אויף דעם שטריק, געהאָרכעלט, אַרויסגעשטעקט דעם צונג. באַלד האָט איהם וועך מיט אַ האַק די שטריק איבערגעשניטען,—ער האָט אָבגעטעמט, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען, פערדרעהט איהם צו דער רעכטער זייט, צום בויך. ער איז געבליבען זיצען ווי פריהער, ניט גערירט זיך פון אָרט — — —

דער רעכטער הינטערשטער פוס איז געווען העכער פון דער קניע איבערגעבראָכען...

בֶּן עַמִּי.

ביי די מַצוֹת.

I.

אַלץ איז היינט פערענדערט!

אַנ'אַנדער הימעל, אַנ'אַנדער ערד, אַן אַנדער לופט און גאָר אַנדערע רֵיחוֹת פיהלט מען אין דער לופט. אַלץ ניט דאָס, וואָס נעכטען און אייערנעכטען. אַלצדינג האָט בעקומען אַנ'אַנדער פנים, אַנ'אַנדער געשטאַלט. דאָס גאַנצע שטעדטעל גאָר ניט צו דערקענען. אמת, די בלאָטע טאַקי די אייגענע—איבער די קניע. אָבער וואו? דאָרט אויף דער „גאַס" און אויפ'ן מאַרק אַרום קלויסטער—טאַקי ניט אַרויסצוקריכען. אָבער דאָ, ביי די הינטער-שטיבלעך, אַרום מיין רבי'ן רבי מנשה'ס חדר, איז טרוקען—אַ מְחַיָה, פָּשוט אַ גַן-עֵדֶן. דער גאַנצער פלאַץ ביז העט אונטען צו דער באָד—גלאַט ווי אַ טיש. פון אַלע זייטען ציהען זיך סטעזשקעלעך, וואָס זענען גוט אויסגעטראָטען און בלישטשען אויף דער זון גלייך ווי אָבגעפּאָלירט. ערטערווייז קריכען אַרוים פון דער ערד גרינע גרעזעלעך, וואָס שוין פונ'ם

ריח אַליין ווערט איהר מָלֵא שִׂמְחָה. עס הויבט אייך אין דער לופּ־טען, און איהר לאָזט זיך שפּרינגען ווי אַ קליין ציגעלע, וואָס מען לאָזט עס אַרויס אויפ׳ן גראָז אויפ׳ן צווייטען טאָג נאָכ׳ן געבוירען. — און אַזוי געהענדיג, הויבט עס מיך אין דער לופטען, גלייך פון זיך אַליין, און איך בעקום אַ ווילדען חֵשֶק מיך אויפצוהויבען הויך, הויך אונטער׳ן בלאָהען הימעל, פליהען איבער די דעכער, איבער די בוי־מער, וואָס אַ טייל פון זיי (די ווערבעס) בעדעקען זיך שוין מיט קליינינקע בלעטעלעך און צווישען וועלכע עס פּישטשען און פּייפען פויגעלעך, שפּרינגענדיג אַרויף און אַראָב, פון איין צווייג אויף דער אַנדערער. „רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ שענע, זיסע וועלט האָסט דו בעשאַפען״! — שרייען אין מיר אַלע אֵברים מיינע. ווי זיס שמיי־כעלט און וואַרעמט די זון אויף דעם טיפען, ריינעם טונקעל־בלאָ־הען הימעל. אַלצדינג אַרום און אַרום באָדט זיך אין איהר וואַרע־מען שיין, אַלצדינג איז פערגאָסען מיט איהרע ריינע זילבערנע שטראַהלען. אַמאָל דוכט זיך מיר אויס, אַז די דאָזיגע שטראַהלען שלאָגען זיך אָן איינער אָן דעם אַנדערען און קלינגען אַזוי שטיל און אַזוי זיס. און אַלץ אַרום זינגט און טאַנצט — שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה. און דאָרט וויַיט אונטער׳ן באַרג, אויף וועלכען עס שטעהען די מיהלען, הערען זיך ווילדע קולות: עס רוישט, עס זשומעט, עס קאָכט, עס שרייט, עס קלאַפּט. דאָס איז דאָס וואַסער, וואָס לויפט אַראָב פון דער הויך פון אַלע זייטען, דרעהט זיך, שלענגעלט זיך הין און הער ביז עס גיט אַ פאַל אין טייך אַריין, וואָס ציהט זיך דאָרט הינטען, צווישען די אַלטע ווערבעס.

נאָר וואָס האָב איך מיך דאָס פערדרעדט, פערקוקט, ווי פוי־געלעך פליהען. עס איז שוין, ווייזט אויס, שפּעטליך. און, אַזוי קלע־רענדיג, הויבט ביי מיר פּלוצלונג אָן אַלץ קוועלען אינווייניג, אַלע אברים קוועלען. טאַקי אין חדר אַריין, און פאַרט ניט אין חדר אַריין. ווער מיר חדר, וואָס מיר חדר! צו די מַצות געה איך — טאַקי צו מיין רבי׳ן מנשה, וואָרום ער איז עס דער בעקער פון די מצות. אַיאָ, גוט און וואויל! אַלע יונגלעך פון אַלע חדרים זענען אונז מְקַנֵא, ווערען שיער ניט צעפּוקעט פון קִנְאָה. אַזאַ גליק! פון באַלד נאָך פורים — אויס לערנען. דער רבי זיצט גאָר רייטענדיג אויפ׳ן וואַר־שטאַט און מאַכט קאַטשעלקעס, לאַנגע שמאָלע לאָפּעטעס, הובלע־וועט די שמאָלע לאַנגע טישען, אַלץ אַליין — אַ בְּרִיָה אויף אַלץ, זאָלט איהר זעהן, נאָר מַזל פעהלט איהם. שפּיעלט איהם צו אַ ביסעלע דאָס שטיקעלע גליק, וואָלט ער געגאַנגען אין גאָלד, — אַזוי מַעֲנֶה׳ט

ער מיט'ן ווייב תָּמִיד, אַז זי בעט ביי איהם דאָנערשטאָג אויף מַהל און ער האָט ניט אַ קאָפּיקע ביי דער נְשָׁמָה.

II.

שוין פון דער=וויטענס דערזעה איך דעם פלאַם פונ'ם אויווען דורך די צוויי קליינע פענסטערלעך—און עס ווייזט אויס, אַז די גאַנצע קיך ביי'ם רבי'ן איז פערגאָסען מיט פלאַמענדיג פייער. צוויי שפרונג איבער לייזער'ס הויף—און איך בין פאַר'ן רבי'ס שטוב. דאָס איז אַ געוועהנליכע יודישע דירה מיט אָבגעריסענע ווענד, אַנ'אָבגעריסענעם און אַראָבגערוקטען דאַך פון קאַמיש, וואָס מען שלעפּט פון איהם אַלע טאָג אונטערצוהייצען. פאַר דער שטוב, נעבען דעם אַרויסגעוואָרפענעם טיש, זיצט דאָס קליינוואַרג און חַזֶר'ט מיט'ן בעהעלפער דעם יום=טוב'דיגען קִידוש און די פיער קַשְׁיוֹת; גלייך אונטער דער וואַנד, אַביסעלע לינקס, שטעהט אַ שטייג מיט עטליכע גענז און היהנער, וואָס די רביצין האָדעוועט אַ גאַנצען ווינטער כמעט, זיי צו פערקויפען פאַר פּסח. דאָ, נעבען שטייג, צוגעבונדען מיט שטריקלעך צו אַ פּלאָקען, דרעהען זיך צוויי ענדיקעס, אויך אויף צו פערקויפען, וואָס פערהילכען אַלע מאָל דעם קאָפּ מיט זייער האָלדער=האָלדער=האָלדער.

— גוט זיך אויסגעטרייסעלט? האָסט ניט, חָלִילָה, קיין ברעקלעך אין די קעשענעס? געה=זשע גיך, וואַש דיך אָב מיט פּסח'דיגען וואַסער און שטעל דיך ביי'ם זאַק מעהל.

מיט די דאָזיגע ווערטער נעהמט מיך אויף דער קנעטער, ר' שמשון דער הייזעריגער (ביי אונז אָהן אַ צונאָמען איז ניטאָ קיין שום בְּרִיאָה—אַפילו קיה און פערד האָבען צונעמען). רב שמשון איז דער אונטער=שמש פון אונזער בית=מדרש—אַ הויכער יוד מיט אַ צעבאָרשטענער געלער באָרד, מיט אַ געלער קאַפּאָטע, וועלכע ער טראָגט כָּל יָמָיו חוץ שבתים און ימים טובים, ווען ער טהוט אָן די גרינגע קאַפּאָטע מיט די צעהאַקטע אַרבעל.

דאָס זעקעל מעהל פון אַ פּאָר פוד שטעהט אויף דער לעזשאַנקע, וואָס איז אינגאַנצען בעדעקט מיט גרין היי. פונקט אַנטקעגען אין ווינקעל, אויך אויף היי, שטעהט אַ פעסעל וואַסער, בעדעקט מיט אַ נייער רעדנע. אינמיטען, צווישען דעם מעהל און דעם וואַסער, שטעהט אַ ברייטע אָבגעריבענע און אָבגעכַשֶר'טע באַנק, פערשפּרייט מיט היי, און אויפ'ן היי שטעהט אַ גרויסע גלאַנצענדיגע קופערנע טאַץ, וואָס דאָרט קנעט מען דאָס טייג.

— סטייטש, נאָך ניט אָנגעהויבען?! — לויפט אַריין ר׳ מנשה, אַ מיטעלער יוד מיט אַ שיטער בערדעל, ברייטע פּאות, אַ דאַר געל פּנים, וואָס איז איצט פערפלאַמט פונ׳ם אויווען, און מיט אַ הויכען געקנייטשטען שטערן, — סטייטש, דער אויווען איז שוין לאַנג אָנגע־גליהט, און איהר האָט דאָ נאָך ניט אָנגעהויבען צו פערקנעטען אַפילו די ערשטע מיירע.

— זיי זענען נאָך ניט געקומען, — ענטפערט ר׳ שמשון, פאַנאַנ־דערגעהמענדיג דערביי ביידע לאַנגע הענד.

— ניטאָ נאָך די פּאָטשטאַרקעס, טאָמער וואָלט מען זיי אַ רוף געגעבען? גיב נאָר דו אַ שפּרונג, איציקעל, אַזוי אויף איין פוס.

דאָס מיינט ר׳ מנשה מיך.

— אָט געהען זיי, אָט געהען זיי! — ווערט אַ געשריי פון דער צווייטער שטוב.

די צווייטע שטוב, אַ נידעריגע מיט אַ בייגיגער סטעליע, וואָס איז פונקט אינמיטען אונטערגעשפּאַרט מיט אַ דראָנג, שיינט איצט פון ווייסקייט און ליכטיגקייט. די שיין גיסט זיך דורך אַלע פיער פענ־סטערלעך, און די אויסגעקאַלכטע ווייסע ווענד, וואָס זענען תמיד אַיינגעהויקערט, פערזאָרגט און פערשוואַרצט, שטעהען איצט און שמייכלען און קוועלען מיט אַזאַ זיסען שמייכעל, ווי אָרימע קינדער־לעך, אַז מען טהוט זיי אָן יום־טוב׳דיג.

דאָ, אַרום די שמאָלע, לאַנגע טישען, אָבגעהובעלטע און אָבגע׳כשר׳טע, שטעהען אין אַ רעדעל מיידלעך און יונגע ווייבלעך, אַלע אָנגעטהאָן יום־טוב׳דיג, מיט נייע, ווייסע אָדער סיצענע פאַרטוכלעך; נעהנטער צו דער טהיר שטעהען אַ דריי־פיער בעלי־בית׳טעס אין די מיטעלע יאָהרען און צוויי אַלטע ווייבער מיט געקנייטשטע פּנים׳ער, איינע מיט אַ רויטער „קובקע״, וואָס קוקט אַרויס פון אונטער׳ן ריי־נעם געלען טיכעל מיט קליינע שפּרענקעלעך

III.

דערזעהענדיג די „פּאָטשטאַרקעס״, לויפען כמעט אַלע אַרויס אין פאָדער־שטיבעל און פון אַלע זייטען ווערט אַ געשריי: „ס׳קאָ־צעל קומט״, „אַ שענער גוט־מאָרגען אייך״, „מיר וואַרטען שוין אויף אייך״, „מיר קוקען שוין אַרויס אויף אייך״... די פּאָטשטאַרקעס, צוויי יונגע שענע ווייבלעך, שוועגערינס, וואָס זייערע מאַנען האַלטען בשותּפות די פּאָטשט אין שטעדטעל, נעהמען אַראָב פון זיך די פּיק־סענע מאַנטלען, געהען צו צום פעסעל פסח׳דיג וואַסער, און מיין

הבר דוד'ל בערצי דעם רויטענס, וואָס גיט וואַסער, גיסט זיי אָב די הענד, און די רביצין טראָגט זיי אונטער אַריין גראָה פּסח'דיג האַנדטוך.

— איצט, חברה, „אִישׁ עַל מְקוֹמוֹ", יעדער אין זיין רוה אַריין, — קאָמאַנדעוועט ר' שמשון, וואַרפט אַראָב פון זיך דאָס וואַטאָווע ליי־בעל, פערקאַטשעט די אַרבעל, וואַשט אָב נאָכאַמאָל די הענד און גיט אַ זאָג: „אין אַ גוטער שעה, ווייסע חברה, לאָמיר דערלעבען אי־בער־אַ־יאָהר און וויטער שטעהן ביי די מצות, אָבער ניט דאָ אין גָלוּת, נאָר אין אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל. זאָגט־ושעו: אָמֵן, כֵּן יְהִי רָצוֹן! בְּהֵמוֹת, וואָס שווייגט איהר. איצט, איציקעל, אַהער אַ טאָפּ מעהל, מיט אַ הויפען שיט אָן — אָט אַזוי... און וְלֹא קָרַב זֶה אֶל זֶה, איהר הערט, חברה, אָסוּר לְרַחֵם, יעדער אין זיין ווינקעל".

איך שיט אַריין אין גלאַנציגען טאָץ אַ פולען טאָפּ מעהל און אַז איך געה שוין אַוועק, קומט דוד'ל מיט'ן קריגעל וואַסער און גיסט אויפ'ן מעהל.

— פּאַוואָלינקע, בהמה וואָס דו ביזט, פּאַוואָלינקע, ביזט נישט אין באָד, — שרייט שמשון, — אָט אַזוי, איצט ביזטו אַ פיין בחור'ל. און ר' שמשון נעהמט זיך קנעטען מיט כח, שטאַרק אָנגעבויגען, אַזוי אַז פונ'ם גאַנצען גוף זיינעם ווערט אַ „רֵיש". פון דער מעהל מיט'ן וואַ־סער ווערט טייג און דאָס טייג פייפט און קוויטשעט אונטער זיינע הענד, די טאָץ שפּרינגט צו אַ ביסעלע און קלינגט, און ר' שמשון'ס שאָטען שאָקעלט זיך און בויגט זיך אַהין און אַהער אויף דער ווייַ־סער וואַנד, און די צוויי געגרייזעלטע פּאות ווערען ווי צווייגען, וואָס ציטערען אויף אַ בוים.

— תַּם וְנִשְׁלַם, חברה, די ערשטע מיירע! — שרייט אוים ר' שמשון, אויסגלייכענדיג דעם רוקען.

ער נעהמט דאָס שטיק לאַנגע אין מיטען ברייטע טייג און, האַלטענדיג עס אין דער הויך מיט ביידע הענד, טראָגט ער עס אַריין אין צווייטען חדר און לעגט עס אַני־ער אין עק פון איינעם פון די לאַנגע טישען.

— אין אַ גוטער שעה, אין אַ מזל'דיגער שעה, — שרייען אויס מיט אַ גדולה מיידלעך און ווייבלעך און אַלע געבען זיך אַלאָז צו דער מיירע, האַלטענדיג די קאַטשעלקעס אונטער'ן אָרעם, ווי אַ כלי־זמר דעם סמיטשיק.

די פּאָטשטאַרקעס שניידען אָב די ערשטע שט־קלעך טייג, דער־נאָך די איבעריגע. מען שטעלט זיך אויף די ערטער אַרום די טי־

שען און מען הויבט אָן וועלגערען, ריידענדיג דערביי גאַנץ הויך און אַלע מיט אַמאָל. און עס קלינגען און זינגען די שענע, פרישע, יונגע, ווייכע שטימען פון די שענע, יונגע, פרישע ווייבלעך און מיידלעך און פערהילכען די עטליכע קולות פון די בעטאָגטע ווייבער, וועלכע ברומען־צו אויפ'ן בעל־הבית'ישען שטייגער. אין דער גרויסער, ווייסער שטוב, וואָס איז אינגאַנצען פערגאָסען מיט זילבערנער ווייסער שיין, שטעהט אַ שען און זיס געזאַנג פון פערמישטע זיסע, וואַרעמע שטימען, און אַלץ, אַלץ אַרום ווערט ווי איין שיר־השירים.

רעדנע — זעהר דיקע לייוונאַנד. ולא קרב זה אל זה — ניט צוגעהן איינער צום אנדערען. קובקע — אזא מין טשעפעק. איש על מקומו — יעדערער אויף זיין ארט. תם ונשלם — געענדיגט.

י. ל. פרץ.

דער קונצען־מאַכער

(לעגענדע).

חיים־יונה איז אַמאָל אַ וואַלד־סוחר געווען, האָט ער איינמאָל געקויפט אַ וואַלד אין גלייכען געלד, האָט מען דעם וואַלד פערמאַכט, איז ער אַרויס „אין איין העמד“. איז ער געוואָרען וואַלד־שרייבער, האָט ער די שטעל פערלוירען: זיצט ער שוין אַ שענע פאָר חדשים אָהן פרנסה. אַ ווינטער האָט מען איבערגעלעבט — אויף שונאי־ציון געזאָגט. נאָך ווינטער געהט אָבער פסח! און פערזועצט איז שוין פון הענגעל־לייכטער ביז'ן לעצטען קישען. זאָגט רבקה־ביילע: געה אַריבער צו קהל און נעהם מעות־חטין. זאָגט חיים־יונה, אַז ער האָט בטחון, אַז גאָט וועט העלפען, און דאָס פנים פערשוואַרצען וועט ער זיך נישט. געהט רבקה־ביילע און זוכט נאָך אַמאָל אין אַלע ווינקעלעך, און געפינט אַן אַלטען אָבגעריבענעם זילבערנעם לעפעל — ממש אַ נס מן השמים, יאָהרען זינט דער לעפעל איז פערלוירען געוואָרען! געהט חיים־יונה, נעהמט דעם לעפעל, פערקויפט איהם און טראַגט אַריין די פאָר גראָשען אויף מעות־חטין פאַר אָרימע לייט. אָרימע לייט, זאָגט ער, זענען בילכער. די צייט דערוויילע רוקט זיך. שוין אינגאַנצען נישט מעהר ווי אַ פאָר וואָכען צו פסח, — ער האָט בטחון! גאָט, זאָגט ער, פערלאָזט נישט! מילא, רבקה־ביילע שווייגט: אַן אשה מוז פאָלגען אַ מאַן. עס געהט אָבער אַוועק נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, רבקה־ביילע ווייסט נישט פון קיין שלאָף, גראָבט דאָס פנים אין סעניק אַריין און וויינט שטילערהייד, חיים־יונה זאָל נישט הערען, און אויף פסח איז קיין צייכען נישט דאָ.

און טעג האָט זי עֶרגערט ווי נעכט, — פּיינאַכט וויינט זיך אַ מענש האָטש אָב דאָס האַרץ. בייטאָג אָבער מוז מען קנייפּען די באַקען, די פאַרב זאָל שטעהן! שכנות קוקען איהר נאָך און גאַפען, און קוּ־קען זיך די אויגען אויס, און שטעכען זי מיט רַחֲמָנוּת־בליקען, ווי מיט נאָדלען... אַנדערע פרעגען: ווען באַקט איהר מצות? ווי האַלט איהר מיט בוראַקעס? די נעהנטערע זאָגען:

— סטייטש, וואָס טהוט זיך מיט אייך, רבקה־ביילע?! פעהלט אייך, וועלען מיר אייך באָרגען. וכדומה...

חיים־יונה וויל אָבער נישט קיין „מַתְּנַת בָּשָׂר וָדָם", און רבקה־ביילע וועט קעגען איהר מאַן נישט געהן—זוכט זי זיך אוים תּרוּצים פון אונטער דער ערד, און דאָס פּנים פלאַמט און פלאַמט.

זעהען די שכנים, אַז עס איז נישט, ווי עס דאַרף צו זיין, נעה־מען זיי און לויפען צום רַב—סטייטש? דער רב, נעבעך, הערט אוים, קרעכצט אָב און פערקלעהרט זיך, און סוֹף כָּל סוֹף ענטפערט ער, אַז חיים־יונה איז אַ בֶּן־תּוֹרָה און אַ יְרֵא־שָׁמַיִם, און אויב ער האָט בטחון, האָט ער!...

רבקה־ביילע איז אַפילו אָהן בענש־ליכט געבליבען...

און—שוין פּסח!

חיים־יונה געהט פון בית־המדרש אַהיים, זעהט ער, אַז אַלע פענסטער אין מאַרק שיינען אַרוים מיט שמחת־יום־טוב, און נאָר זיין דירה שטעהט, ווי אַן־אָבל צווישען מחותנים, ווי אַ בלינדע צווישען זעהענדיגע. ער פאַלט אָבער ביי זיך נישט אַראָב: „אַז גאָט וועט וועלען, וועט נאָך זיין פּסח!"—טראַכט ער. ער געהט אַריין און זאָגט פרעהליך: „גוט יום־טוב", און איז נאָך אַמאָל מְטַעִים: „גוט יום־טוב דיר, רבקה־ביילע!" און רבקה־ביילע'ס קול ענטפערט איהם, אָנגע־זאַפּט מיט טרעהרען, פון אַ פינסטער ווינקעל אַרוים: „גוט יום־טוב, גוט יאָהר!" און איהרע אויגען ברענען אַרוים פון פינסטערן ווינקע־לע, ווי צוויי ברענענדיגע קוילען. געהט ער צו איהר צו און זאָגט איהר: „רבקה־ביילע, — זאָגט ער, — היינט איז יום־טוב, יְצִיאַת מִצְרַיִם, פערשטעהסט? טרויערען טאָר מען נישט! און וואָס איז דאָ צו טרוי־ערען! אויב דער רבונו של עולם האָט נישט געוואָלט, מיר זאָלען האָבען אונזער פּסח, מוז מען אָננעהמען פאַר ליעב און זיין ביי אַ פרעמדען סֵדֶר. וועלען מיר געהן ערגיץ אַנדערש צום סדר! מען וועט אונז אַריינלאָזען אומעטום... טהיר און טויער שטעהען אָפען... יודען זאָגען: „כָּל דִּכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכוּל", דאָס איז טייטש: ווער עס איז

הונגעריג, זאָל אַריינקומען עסען. קום, נעהם אויף דיר דעם שאַל, וועלען מיר געהן צום ערשטען בעסטען יודען..."

און רבקה־ביילע, וואָס טהוט שטענדיג דעם רצון פון איהר מאַן, האַלט איין מיט אַלע כחות דאָס געוויין, וואָס רייסט זיך איהר צום האַלז, נעהמט אויף זיך אַ צעריסענעם שאַל און וויל שוין געהן, — אין דער זעלבער רגע עפענט זיך אָבער די טהיר, און עמיץ קומט אַריין און זאָגט:

— גוט יום־טוב!

ענטפערן זיי: „גוט יאָהר", נישט זעהענדיג, ווער עס איז צו זיי אַריינגעקומען.

זאָגט דער, וואָס איז אַריינגעקומען: „איך וויל זיין אייער גאַסט צום סדר!"

ענטפערט חיים־יונה: „מיר האָבען אַליין קיין סדר נישט..."

ענטפערט יענער, אַז ער האָט מיטגעבראַכט דעם סדר מיט זיך.

— אין דער פינסטער! — האַלט זיך שוין רבקה־ביילע נישט איין און שלוכצט.

— חלילה! — ענטפערט דער אורח — עס וועט זיין ליכט. און ער גיעט אַ מאַך: האָקוס־פּאָקוס! און עס בעווייזען זיך צוויי פּאָר זילבערנע לייכטער מיט אָנגעצונדענע סטעאַרין־ליכט אינמיטען שטוב, אין דער לופטען! עס ווערט ליכטיג. חיים־יונה און רבקה־ביילע דערזעהען, אַז דאָס איז דער קונצען־מאַכער, און זיי גאַפּען און קאַ־נען פּאַר וואונדער און שרעק קיין איינציג וואָרט פון מויל נישט אַרויסברענגען. זיי האַפּען זיך איינס דאָס צווייטע אָן ביי די הענד און שטעהען מיט אויפגעריסענע אויגען און אָפענע מיילער. דער קונצען־מאַכער ווענדט זיך דערווייל צום טיש, וואָס איז געשטאַנען פערשעמט אין אַ ווינקעלע, און זאָגט צו איהם: „נו, בחור'ל, בעדעק דיך און קום אַהער!" און אַזוי ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, פאַלט פון סטעליע אויפ'ן טיש אַראָב אַ שניי־ווייס טישטוך און בעדעקט איהם, און דער בעדעקטער טיש הויבט זיך אָן ריהרען און געהט און קומט אינמיטען שטוב אַריין, און פערהאַלט זיך פונקט אונטער די ליכט, און די זילבערנע לייכטער לאָזען זיך נידריגער אַראָב און שטעלען זיך אַנידער אויפ'ן טיש. „אַצונד, — זאָגט דער קונצען־מאַכער, — פעהלען נאָר הסבה־בעטען, — זאָלען זיין הסבה־בעטען!" געהען דריי בענקלעך, פון דריי עקען פון שטוב, און געהען צו צום טיש און שטעלען זיך אויף זיינע דריי זייטען. הייסט ער, דער קונצען־מאַכער, זיי זאָלען

ברייטער ווערען, ציהען זיי זיך אויס אין דער ברייט, און עס ווערט פון זיי פּאַטער־שטוהלען. רופט ער אויס: „ווייבער!"—בעדעקען זיי זיך מיט רויטען סאַמעט, און תּוך כְּדֵי דִבּוּר פּאַלען אויף זיי פון סטעליע אַראָב ווייסע, שניי־ווייסע קישען, און לעגען זיך, אויפ'ן קונצען־מאַכער'ס געבאָט, אויף די פּאַטער־שטוהלען און—עס ווערען הסבה־בעטען! אויף זיין געבאָט בעווייזט זיך אויך אַ קְעָרָה מיט מינים און שטעלט זיך אויפ'ן טיש, עס בעוויזען זיך אויך רויטע כּוסות מיט פלעשער וויין און מַצות, און אַלץ, וואָס מען דאַרף צו אַ כּשר'ן און פרעהליכען סדר, אַפילו הַגָדות מיט אַ גאָלדענעם שניט.

— און וואַסער צו וואַשען האָט איהר?—פרעגט דער קונצען־מאַכער:—איך קאָן ברענגען וואַסער אויך!

דעמאָלט האָבען זיי זיך ערשט אויפגעחאַפּט פון גאַפען. און רבקה־ביילע פרעגט חיים־יונה'ן אויפ'ן אויער: „מעג מען? וואָס?" און חיים־יונה ווייסט איהר נישט, וואָס צו ענטפערן ראָט זי איהם: „געה, מיין מאַן, און פרעג דעם רָב". ענטפערט ער, אַז ער קאָן זי מיט'ן קונצען־מאַכער אַליין נישט איבערלאָזען. וויל ער, זי זאָל געהן. זאָגט זי, אַז אַ נאַרישער יודענע וועט דער רב נישט גלויבען, ער וועט מיי־נען, אַז זי איז פון זינען אַראָב. געהען זיי ביידע צום רב און לאָזען איבער דעם קונצען־מאַכער מיט'ן סדר.

האָט דער רב געזאָגט, אַז דאָס, וואָס ווערט געמאַכט מיט כּשוף, האָט קיין מַמָשות נישט, ווארום כּשוף איז נאָר אַ פערבלענ־דעניש פאַר די אויגען. הייסט ער זיי אַהיים געהן, און אויב די מצה וועט זיך לאָזען אָבברעכען, דער וויין—גיסען אין די כּוסות אַריין און די קישען פון הסבה־בעט—אָנטאַפּען וכדומה, איז גוט... איז עס מִן הַשָמַיִם, מעגען זיי געניסען.

אַזוי האָט דער רב גע'פַּסק'ענט. געהען זיי מיט האַרץ־קלאַפּע־ניש אַהיים. קומען זיי אַריין, איז דער קונצען־מאַכער שוין נישט דאָ, און דער סדר שטעהט, ווי ער איז געשטאַנען. די קישען לאָזען זיך אָנריהרען, דער וויין גיסט זיך, די מצות ברעכען זיך... האָבען זיי ערשט פערשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אֵלִיָהוּ הַנָבִיא, און האָבען געהאַט אַ פרעהליכען יום־טוב!

נס מן השמים—א וואונדער פון הימעל. מתנת בשר ודם—א געשענק פון א מענשען. מטעים זיין—בעטאָגען, אונטערשטרייכען, גוט אויסטייטשען. כל דכפין ייתי ויכול—ווער עס איז הונגעריג, זאל קומען און עסען.

יהואש.

ליל שמורים.

שוין פערזוכט פון אַלע כוסות
האָט דער נָביא אֵליָהו,
שטילע רוה־מַלְאָכים פליהען
פון די הימלען פון די בלאָהע...

טראָגען זיך פון הויז צו הייזעל,
שוועבען אום אויף אַלע דעכער,
גַנְבֶ'ען זיך אַריין אין פענסטער,
קריכען דורך די שליסעל־לעכער...

בענשען איטליכענ'ס געלעגער,
קושען יעטוועדען בעזונדער,
שושקען יעדען אין זיין שלומער
זיסע טרוימען, הימעל־וואונדער...

הייליג איז דאָס קליינע געסעל,
ס'טאָר קיין בייז איהם ניט פּאַסירען.
שנעע־געפליגעלטע מלאָכים
שטעהען, וועכטער, ביי די טהירען...

אנמערקונג. עס איז פאַרהאַן אַנ'אַלט־יודישע לעגענדע, אז אין דער נאכט פונ'ם ערשטען סדר, וועלכע הייסט „ליל שמורים", פערליערען אלע שלעכטע מלאכים, אלע שדים און רוחות רעות זייער קראַפט איבער די יודען. דעריבער דאַרף מען אין דער נאכט ניט לייענען קיין קריאת־שמע.

מענדעלע מוכר ספרים.

א וועסנע־טאג.

ס'איז אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח—אַ שענער, אַ וואַרעמער וועסנע־טאָג. די גילדענע זון האָט בייַ'ם אויפגעהן צעריסען, צעטריבען די גראָהע וואָלקענס און מיט איהר ליכטיג פּנים אַראָבגעקוקט פונ'ם בלאָהען הימעל מילד, פריינדליך אויף דער ערד. גאָטס בעשעפענישען, אַלע פון גרויס ביז קליין, האָבען זיך אויפגעהאַפּט פונ'ם לאַנגען ווינטער־שלאָף, לעבעדיג־פרעהליך, און זיך גענומען איטליכער צו זיין זאַך. פריש־געלע בלומען שטעקען אַרויס די קעפּלעך פון צווישען יונגען גרינעם גראָז, קוקען אַרויס און מאַכען הֵן. ווערבעס בייַ'ם טייך חאַ־

פען זיך אָנטאָהן ווייערע ניי=גרינע קליידער. שפּיגלענדיג זיך אין דעם וואַסער ריין=קלאָר ווי זילבער. פון די ווייטע וואַרעמע לענדער קו=מען עופות טשאַטעסוויז צוריק אַהער אין זייער רוה אַריין. ווילדע געגנז פּליסקען זיך ערגיץ צווישען וויספּעס דאָ אין טייך. ווילדע קאַטשקעס דרעהען זיך אַרום דעם טשערעט, אַרויס, אַריין מיט אַ געהילך, אַ געשווישטש. שוועלבעלעך פּלאַטערען, שוועבען אַהין, אַהער אין דער לופט, שטאַרק פערטראָגען אין דעם בויען, פעררי=טען נייע און אַלטע נעסטער. ברוך=הבא! דאָס אַלטע בעקאַנטע פּאָר=פאָלק בושעלם איז אויך למזל דאָ, אין אַ גוטער שעה. זי, די בו=שעליכע, שטעהט אויף איין פוס, דאָס קעפּעל אין דער זייט, שטעהט, בעטראַכט איהר אַלטע נעסט אויבען אויף אַ שפּיץ בוים, און ער אויף די לאַנגע שטעלצען שפּאַציערט זיך האָפּערדיג אויף דעם זומפּ=דאָרט, צוקוקענדיג זיך צו אַ קאַליוזשע, וואו עס שפּרינגען, קוואַקען זשאַבעס, און פּלוצים פּיק=פּיק, אַ חאַפּ אין דעם רויטען ווייטען פּיסק אַריין... ס'איז אַ לעבען, אַ פרייד, אַ פליהעניש, אַ זוושעניש, אַ געזינגע=ריי, אַ געשווישטשעריי אומעטום.

ס'איז יום=טוב, ס'איז ווענע=צייט!...

טשאַטעס — סטאַדעס, געזעלשאַפטען. וויספּעס — אינזלען. טשערעט — אַזוי=נע הויכע גראָזען, וואָס וואַקסען ביי'ם ברעג. בושעל — אַ באַציאָן.

מענדעלע מוכר ספרים.

פאַר דער קרעטשמע.

די קרעטשמע איז געוועזן בעלאַגערט אינדרויסען מיט פוהרלעך און וועגעלעך אַלערליי. אַ טייל לעדיגע, נאָר מיט אַ ביסעל שטרוי, אַ טייל פערנומענע מיט מיני זאַכען און חפצים, סיי נישט קיין פער=קויפטע, סיי געקויפטע דאָרט אויפ'ן מאַרק. אויף איין פוהרעל ליעגט אין אַ זאַק אַ חזיר, אַרויסגעשטעקט פון אַ לאָך זיין שען פּיסקעל און מאַכט לעבער אין קאָפּ, שרייענדיג משונה אויף אַ גרילצענדיג קול. הינטער אַ וואָגען, אָנגעלעגט מיט נייע לאַפּציעס, מיט נייע ליימענע טעפּ, טעפּלעך און מאַקרעטעס, שטעהט צוגעבונדען אַ רויט=געפלעק=טע קוה מיט איין האָרען און רייסט זיך מיט אַלע כוחות זיך צו בעפרייען. אַ פּאָר גראָהע, ברייט=בייכיגע, פיינע אָקסען שטעהען גע=שפּאַנט אין דעם יאָך, מאַכען אַזוי ערנסט מיט דעם מויל און מעלה=גרה'ן געשמאַק, קיין מינוט חלילה נישט מפסיק צו זיין, גלייך ווי זיי זענען פערטיעפט אין אַ וויכטיגער זאַך און טהוען אויף מיט זייערע

אָקסענע קעפּ עפּעס אַ גרויסען שׂכל. דעם אַרענדאַר'ס ציעג שטעהט
דערווייל אויפ'ן וואָגען, שטעקט הינטערווייל עכם אַריין דעם קאָפּ אין
אַ זעקעלע האָרט, נעהמט באַלד איהם אַרויס מיט אַ פול מויל, פיר-
קעט, דרעהענדיג דאָס עקעל, קייעט, מאַכט מיט די באַקען, טרייסעלט
דאָס בערדעל גיך, געשווינד, אַרומקוקענדיג זיך אין אַלע זייטען. אַני-
אַלטער אויסגעדאַרטער דאָרפס-הונד מיט אַ הינקענדיג פיסעל און
אַ קאָלטון אויפ'ן עק שאַרט זיך צו נאָהענט צום וואָגען, קוקט מיט
דֶרֶך אֶרֶץ, קומט דערנאָך צו נעהענטער אויף עטליכע טריט, שמעקט,
זוכט מיט דער נאָז, דערטאַפּט עפּעס אַ טרוקען, אָבגעלעקט ביינדיל,
לויפט מיט דער מציאָה אָב אַביסעל ווייטער, שטרעקט זיך אויס
אויף דער ערד און נעהמט זיך קנאַקען דעם ביין, האַלטענדיג דער-
ביי דעם קאָפּ אין דער זייט אויף די פאָדערשטע לאַפּעס.—דעם
פערדעל האָרט אין יענעם וואָגען איז נִמְאָס געוואָרען צו שטעהען
אַ לאַנגע צייט אויף איין אָרט, גאָרנישט צו טהאָן, נאָר דרעמלען,
מאַכען מיט דער מאָרדע און שאָקלען די אויערען, איז דאָס זיך
מְיַשֵׁב אָבצושטעקען אַ וויזיט אַ פּאָר אַיינגעשפּאַנטע אָקסלעך, וואָס
טהוען זיך וואויל איבער אַ זעקעל פּאָלאָווע, און צו זיין זייער אורח
אויף וועטשערע. נאָר ביי'ם געהען פערהאַקט זיך די אַקס פון זיין
וואָגען אין אַ רעדעל פון אַ אַנדער פוהרעל, שיער אומצעוואַרפען עס.
יענץ פערדעל האָרט, אַרויסשפּרינגענדיג פון די אָהלאָבליעס, טרעט
אָן אַ אַנדער פערד אויפ'ן פוס, עס טהוט אַ הירזשע און שטעלט זיך
דיבּאָם. די ציעג דערשרעקט זיך, טהוט גיכער אַ שפּרונג און טרעט
אָן דעם דאָרפס-הונט אויפ'ן ווידעל. ער שפּרינגט דערשראָקען אַוועק
אויף דריי פיס, הייַלענדיג אויף אַ קוויטש מיט אַ צעהנגאָרענדיגען
שַלְשֶלֶת.

מאַקרעטע — א גרויסער ליימענער טאָפּ. פּאָלאָווע — מעקענע. שלשלת —
א געדרעהטער, געציקעלטער טאָן.

א. רייזען.

די סְפָרִים לופּטערען!

נאָכ'ן פרידשטיק מעלדעט דער טאַטע זיין בעשלום אין שטוב:

— קינדער! — שרייט ער אויס פרעהליך, — העלפט מיר לופּטע-
רען די ספרים!

— לופּטערען די ספרים! לופּטערען די ספרים! — קלינגט עס
איבער'ן שטוב, און עס ווערט אַ געראַדער.

— טאַטע! — שרייט פאַר נחת דאָס יונגסטע יונגעל, אַהרן, — מען דאַרף דאָך אַרויסטראָגן אויפן הויף אַ באַנק, וואו די ספרים אוועקצולעגן, האַ?

— אַוודאי, אַוודאי! — שטימט איין דער טאַטע און גלעט די שפּיצן פון באָרד.

— חייענע! — ווענדט זיך אַהר׳עלע מיט אַ קאָמאַנדאָ־טאָן צו אַ קליין שוועסטערל, — העלף מיר נעהמען די באַנק, דער טאַטע דאַרף לופטערען די ספרים.

און די צווי קינדער שלעפּען מיט אימפּעט די באַנק. שלעפּענדיג, פערטשעפּען זיי די הויכע קרומע קאָטשערע, און זי פּאַלט דער מאַמען גלייך אין פּוס. נאָר די מאַמע איז ניט אין כּעס: איהר האַרץ איז אָנגעפילט מיט כּבוד און עהרפורכט צו דער הייליגער פּראָצעסיע. זי האָט קיין העזה אויסצורעדען אַ וואָרט.

דער טאַטע געהט זיי נאָך, ווייזט זיי, וואו אַוועקצושטעלען, און שיקט זיי אין שטוב אַריין צוריק, טראָגן ספרים.

די קינדער הויבען אָן טראָגן מיט ביידע הענד דעם גרויסען ש״ס געבונדען אין ליינוואַנד.

— צו ביסעלעך טראָגט, — עצה׳ט זיי דער טאַטע, — איהר וועט זיך דאָך פערמאַטערן.

— ניש׳קשה! — שרייט לוסטיג אויס אַהרן, — קום, חייענע, נאָך.

דער טאַטע לעגט די ספרים אויס אויף דער לאַנגער באַנק אַזוי, אַז דער ווינד זאָל זיי קענען לופטערען. דער ווינד האַפּט זיך צו צו דער מצוה מיט קוראַזש, ער קעהרט די גרויסע בלעטער הין און צוריק, עס דאַכט זיך, אַז דער ווינד איז אַ גרויסער למדן, אָט האַלט ער ביי׳ם אָנהויב „המניח את הכּד״ און באַלד איז ער שוין ביים פּרק „המוכר את הספינה״ און פּלוצלונג פּאַרווילט זיך איהם גאָר דעם גאַנצען ש״ס אויסלערנען מיט אַמאָל, און ער קעהרט אַלע בלעטער נאָכאַנאַנד הין און צוריק, אַרויף און אַראָב...

און אַהרן מיט חייענעלע׳ן טראָגען אַלץ צו נייערע ספרים, און דער ווינד לערנט זיי אַלע מיט התמדה, קעהרט איין בלאַט נאָך דעם אַנדערען, און דער טאַטע שטעהט און קוקט צו און איז שטאָלץ.

— נאָך, נאָך! — ווענדט ער זיך צו די קינדער.

— איך ווייס! — צעקאָכט זיך אַהרן, וועלכער סאָפּעט שוין פון גרויס אַרבייט, — פאַרהאַן נאָך אַ סך, נאָך דריי פּאָליצעס... קום, חייענע, ברענגען נאָך אַ באַנק.

און די קינדער ברענגען נאָך אַ באַנק, און די באַנק ווערט ווייע־

דער פול מיט קלענערע ספרים, וואָס דער טאַטע קויפט זיי בײַ דורכפאָהרער, מוכרי־ספרים, פאַר גילדענס, גריװנעס און אַמאָל פאַר צעהנערלעך.

און דער װינד בראַקירט ניט מיט די קלײנע אויך. ער נעהמט זיך אויך צו זיי און בלעטערט זיי געשווינד צוזאַמען מיט די גרויסע ספרים, פונקט ווי פאַר איהם וואָלט אַלץ איינס געווען: אַלץ איז תורה!...

— לורוללל, לורוללל! לורולל! — בלעטערט ער זיי מיט גערויש.

דער טאַטע שטעהט און בעטראַכט עס, און אַז די קינדער קו־מען מיט אַ פּאָר גאָר אַלטע פערשטויבטע ספרים אָהן טאָװלען, פרעגט ער:

— שוין, קינדער?

— מעהר ניטאָ! — ציהט אויס אהרן ברייט די הענדטלעך

— מעהר ניטאָ! — פּאַטאַקעװעט שעמעוודיג חייענעלע.

— נו, געהט אין שטוב אַריין! — זאָגט דער טאַטע גוטמוטיג.

— אַי, טאַטע, כ'וועל שטעהן און קוקען, — בעט זיך אַהר'עלע.

— איך אויך קוקען! — בעט זיך חייענעלע.

— נו, שטעהט אַייך, — ערלויבט זיי דער טאַטע.

די קינדער שטעהען מיט שטראַהלענדיגע אויגען. דער טאַטע דערהערט, ווי די מאַמע רופט עמיצען.

— אַהר'עלע, די מאַמע רופט דיך, דאַכט זיך.

— אַהרן! אַהרן! — דערהערט זיך שוין הויך דער מאַמענס קול.

— וואָס איז? — איז אַהרן נישט צופריעדען פון דער מאַמעס רופען. עס ווילט זיך איהם נישט אַוועקגעהן פון דעם שענעם שפּיעל, ווי אַזוי די בלעטער רוישען, לופטערען זיך, קעהרען זיך געשווינד אַהער און אַהין.

— געה, מיין זוהן, זי דאַרף דיך עפּעס האָבען, ועסט באַלד קומען, — שיקט איהם דער טאַטע.

אַ ניט־צופריעדענער געהט אַהר'עלע אַריין אין שטוב.

— וואָס דאַרפסטו מיך, מאַמע?

די מוטער גרייט זיך צו צו זאָגען עפּעס אַ שווערע זאַך.

— נו, זאָג שוין! — טרייבט אַהר'עלע.

— געה, מיין זוהן, אין דער פינסטערער קאַמער אויפ'ן טישעל ליעגט מיין טייטש־חומש... נעהם איהם אויך אַביסעל אויסלופטערען.

— אַ טייטש־חומש דאַרף מען ניט! — שיסט אַהר'עלע אויס מיט אַ קול פון אַ ערפאַהרענעם מענשען.

די יודענע ווערט רויט און שמייכעלט מיט וועהטאָג:

— נאַרעלע, אַ טייטש־חומש איז אויך אַ ספר.

זי גלויבט אָבער ניט אין איהרע אייגענע ווערטער. איהר קול האַקט זיך איבער און קוים וואָס זי ענדיגט:

— געה, נעהם און טראָג אַרויס!...

אַהרן פאָלגט דער מאַמען, געהט אַריין אין פינסטערן חדר, נעהמט דעם טייטש־חומש און וויל שוין אַרויסגעהן, די מוטער בע־טראַכט זיך עפּעס און פערהאַלט איהם:

— מען דאַרף טאַקי ניט...

אַהר'עלע גיעט אַ קוק אויף דער מאַמען, און ער דערפיהלט, אַז די מאַמע איז עפּעס אומעטיג געוואָרען, ער קריעגט אויף איהר רחמנות און זאָגט גערירהרט:

— ניין! איך וועל איהם אויסלופטערען.

— נו, טראָג אַרויס, אַז דו ווילסט...—ענטפערט זי מיט אַ יִשוּב־הַדַעַת'דיגען טאָן.

זי געהט צו צום פענסטער און קוקט אַרויס אין הויף. זי הערט זיך צו מיט האַרץ־קלאַפּעניש.

— וואָס האָסטו ווייטער געבראַכט? — פרעגט דער טאַטע.

— דער מאַמעס טייטש־חומש! — שרייט אַהרן אויס מיט אַ גע־לעכטער.

— אַזוי! — לאַכט אויך יענער גוטמוטיג—איהרע ספרים וויל זי אויך לופטערען—נו, ניט קיין עוֹלָה—מְהֵיכָא־תֵּיתִי...

און די יודענע זעהט, ווי איהר מאַן האַלט דעם טייטש־חומש, גיט איהם אַ בלעטער און לעגט איהם מיט אַ שמייכעל אַוועק צווי־שען די גרויסע, דיקע ספרים.

— פרעג, וואָס האָב איך עס געדאַרפט? — האָט זי חֲרָטָה, קו־קענדיג, ווי דער ווינד קעהרט די בלעטער פון טייטש־חומש און עס פליהען דורך אַלע ווייַלע די „צאַצקעס": ווי „רחל פּאַשעט איהרע שאָף", ווי „מִרְיָם געהט אַרויס מיט'ן פויק" און נאָך אַזעלכע...

— אַ מאוס'ע זאַך פאַר איהם!... — טראַכט זי און האָט אמת'־דיג חרטה, וואָס זי האָט געטהאָן אַזאַ נאַרישקייט: לופטערען דעם ווייבערשען טייטש־חומש צווישען אַזוי פיעל מאַנסבילשע ספרים...

ש"ס — אלע גמרות, א גאנג גמרות.

משה טייטש.

פריהלינג.

כ׳קום צו אייך פון ברייטע פעלדער
מיט די פריינדליכסטע גערוסען:
די פערליעבטע זון פון פריהלינג
האט געשיקט אייך הייסע קוסען,

און דער וואלד — א סאסנע־ריח,
און די לאנקע — פרישע בלומען,
און דער פריהלינג האט פערבעטען:
איהר זאלט קומען, איהר זאלט קומען...

אי. טורגענעוו.

דאס פויגעלע.

איך בין געגאנגען פון דער יאגד. מיין הונד איז געלאפען פא־רענט נעבען מיר. אין דער אלעע פונ׳ם גארטען האט ער פלוצלונג אנגעהויבען געהן פאמעליך און שטיל זיך גע׳גנב׳עט ווייטער, ווי ער וואלט דערשפירט ערגיץ נאהענט א ווילדען פויגעל.

איך האב א קוק געטהאן אין דער לענג פון דער אלעע און האב דערזעהען א יונג פויגעלע מיט א געלען רעמעלע ארום דעם שנאבעל און מיט פוך אויף דעם קעפעל. דאס פויגעלע איז ארויס־געפאלען פונ׳ם נעסט (דער ווינד האט שטארק געשאקעלט די בע־ריאזעס פון דער אלעע) און איז געזעסען א שוואכס, א קליינינקס, מיט קוים־קוים שפראצענדיגע פליגעלעך.

מיין הונד איז געקומען אלעמאל נעהנטער. אין דער זעלביגער רגע האט פון א נאהענטען בוים זיך א ווארף געטהאן אנ׳אלטער פוי־געל מיט א שווארצער ברוסט און איז ווי א שטיין אראבגעפאלען פונקט פאר דער מארדע פונ׳ם הונד,—א צעשויבערטער, א ווילדער, מיט א פערצווייפעלטען פישטש האט ער צוויי מאל א שפרונג גע־טהאן אנקעגען דעם אפענעם מויל מיט די גרויסע אויסגעשטערע־טע צייהן.

ער האט זיך געווארפען רעטען, ער האט פערשטעלט דאס קינד מיט זיין אייגענעם גוף... אבער דאס קליינע גופ׳ל האט אינ־גאנצען געציטערט פאר שרעק, די שטים איז געווארען הייזעריג, ער איז אויסגעגאנגען מיט אלע כוחות, ער האט געאפפערט זיין לעבען!

ס'אַראַ גרויזאַמע בעשעפּעניש דער הונד האָט געמוזט אויסקומען אין זיינע אויגען! פונדעסטוועגען האָט ער ניט געקענט איינזיצען אויף דער הויכער, זיכערער צווייג... אַ קראַפט, וואָס איז שטאַרקער פון זיין ווילען, האָט איהם אַראָבגעוואָרפען פון דאָרטען.

מיין טרעזאָר האָט זיך אָבגעשטעלט, גערוקט זיך צוריק. ס'ווייזט אויס, ער האָט בעקומען אָבשיי פאַר דער גרויסער קראַפט.

איך האָב אַ רוף געטהאָן דעם פערשעמטען הונד—און בין אַוועק פון דאָרטען מיט אַ געפיהל פון טיעפער אַכטונג.

יאָ, לאַכט ניט. איך האָב געפיהלט טיעפע אַכטונג צו דעם קליינעם העלדישען פויגעלע, צו דעם גרויסען אַקט פון זיין ליעבע.

„די ליעבע, האָב איך געטראַכט, איז שטאַרקער, ווי דער טויט, שטאַרקער, ווי דער פּחד פאַר'ן טויט. נאָר אויף איהר, אויף דער ליעבע, האַלט זיך דאָס לעבען.

ל. שאַפּיראָ.

ביילקע און יאשקע.

געוועזן אַזאַ מענש—בלויז איינער—וואָס ביילקע האָט געפּרובט מיט איהם זיך צו בעפריינדען. דער מענש איז געוועזן דאָס זיעבעניעהריגע זוהנדעל פון פיליפּ קאַרפּענקאָ, וועלכער האָט געוואוינט געגענאיבער, אויף יענער זייט „שליאַך", אין איינעם פון די דאָרטיגע הייזלעך. געהאַט האָט יאַשקע אַ ניעדריגען שטערען, גראָהע אויגען, אַ ברייט קליינדיג פּנים און ברייטע „חאָזיאַיסקע" פּלודערען. געגאַנגען איז ער שטענדיג אָהן אַ היטעל, און זיינע ווייסע, פלאַקסענע האָר זענען איהם געוועזן אַראָבגעלאָזען אויף דעם פּנים ביז איבער די אויגען. דאָס מויל האָט ער געהאַלטען אָפען, און דער מינדסטער פינגער פון זיין רעכטער האַנד האָט געוועהנליך געשטעקט אין אייגעם פון זיינע נאָז-לעכער. בכלל האָט ער זיך געוואונדערט.

איז יאַשקע אַמאָל געשטאַנען נעבען פּלויט פון בית-עלמין, האָט פערקוקט אינוועניג אַריין, אויף די גרינע באַרלעך, וואָס זענען געוואַקסען אויף דער באָבע'ס בוים, און האָט זיך, ווי זיין שטייגער איז, געוואונדערט און געשלונגען דאָס שפּייעכץ: גראָד אַזעלכע באַרלעך זענען ביי זיין טאַטען אין גאָרטען נישט געוואַקסען. ביילקע איז געגאַנגען פאַרביי און האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען פּלויט פון דער אינוועניגסטער זייט. יאַשקע האָט זיך פערוואונדערט, ביילקע האָט זיך צעלאַכט.

— ווייסע האָר! — האָט זי לאַכענדיג געזאָגט, טייטענדיג אויף איהם מיט'ן פינגער.

— יאָך?... א) — האָט יאַשקע געפרעגט און זיך אומגעקוקט אַהינ־טער, זוכענדיג מיט די אויגען, אויף וואָס ווייזט זי אָן.

— בּיי דיר ווייסע, בּיי מיר שוואַרצע... — האָט בּיילקע געזאָגט, צוגעהענדיג נעהענטער צו'ם פּלויט, און האָט מיט דער האַנד צע־שויבּערט איהרע שוואַרצע לאָקען.

יאַשקע האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד און האָט אָנגעטאַפּט איהרע האָר, נישט וויסענדיג געווי, וואָס מ'וויל פון איהם. בּיילקע האָט זיך ווידער צעלאַכט, און ער האָט געשווינד צוריקגעחאַפּט זיין האַנד אין גרויסער פערלעגנהייט. די קינדער האָבען געקוקט אַ ווײַלע איינס אויפ'ם אַנדערע.

— דאַוואַי הרושקי! ב) — האָט יאַשקע פּלוצים אַרויסגערעדט — און האָט זיך פערוואונדערט.

פון'ם בּליק, וואָס ער האָט געוואָרפען אויפ'ן בּוים, האָט בּייל־קע פערשטאַנען, וואָס ער וויל, און איז אויגענבּליקליך אַרויף אויפ'ן בּוים. יאַשקע האָט זיך אַ סעקונדע געשלאָגען מיט דער דֵעָה, דער־נאָך איז ער אַריבּער איבּער'ן פּלויט און איז אויך אַרויף אויפ'ן בּוים.

אַזוי האָבען זיי געשלאָסען בּעקאַנטשאַפט.

דער זיידע האָט אַ שטיק צייט נישט געוואוסט פון דער דאָזי־גער קינדערשער פריינדשאַפט. ער איז איבּערראַשט געוואָרען, דער־זעהענדיג איינמאָל יאַשקע'ן מיט בּיילקע'ן אויפ'ן בּית־עולם. יאַשקע איז אַנטלאָפען. דער זיידע איז רויט געוואָרען.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שייגעץ?!

בּיילקע האָט געלאַסען געענטפערט:

— יאַשקע...

— יאַשקע?... וואָס יאַשקע?... וואָס הייסט יאַשקע? פע, מיט אַ שייגעץ גאָר!

בּיילקע האָט זיך פערוואונדערט.

— פאַרוואָס?...

— פאַרוואָס?... האָט דער זיידע איבּערגעפרעגט. — ווי דען?... בּיזט דאָך אַ יודיש קינד, ווי קומט ער צו דיר?...

— עס איז דאָך יאַשקע! — האָט בּיילקע זיך אַלץ מעהר גע־וואונדערט.

א) ווי? ב) גיעב בּארלעך.

— פערשטעהסטו מיך, דו ביזט אַ יודיש קינד, און ער איז אַ גוי,—פערשטעהסט, האַ?...

זי האָט גאָרנישט פערשטאַנען, און אַז יאַשקע איז אויף מאָרגען בגנבה צוגעקומען צו׳ם פלויט, האָט זי זיך מיט איהם געשפּיעלט ווי פריהער. און גיכער איז זי געווען דער מאַנספּערשוין, איידער ער: זי האָט געפיהרט דאָס רעדעל, האָט צוגעטראַכט נייע שטיק און האָט אַליין פערענטפערט וויכטיגע לעבענס־פראַגען. יאַשקע, דאַגעגען, איז געווען זעהר פויל, זעהר פלעגמאַטיש, ווייניג ריהרעוודיג און האָט ביילקע׳ן געפאָלגט אין אַלצדינג. דאָס גרעסטע פערגעניגען איז ביי איהם געווען—זיצען די פיס אונטער זיך און אַ פינגער אין דער נאָז און קוקען אָהן אַ שום געדאַנק, סְתָּם אין דער וועלט אַריין, קוקען אַזוי לאַנג, ווי נאָר מעגליך; און איינמאָל האָט געטראָפען, אַז ער האָט אַזוי זיצענדיג איינגעדרעמעלט און האָט זיך שטאַרק איבערגעשראָקען, ווען ביילקע האָט איהם אויפגעוועקט מיט איהר פרעהליכען געשריי.

יעדען טאָג פלעגט ער קומען רייסען באַרלעך, זיך שפּיעלען און שמועסען. מאָדנע געשפּרעכען און אויף אַ מאָדנער שפּראַך האָבען זיי געפיהרט.

— האָסט אַ סטאַרי דיד? א) — האָט ביילקע זיך אינטערעסירט.

יאַשקע, נישט אַרויסנעהמענדיג דעם פינגער פון דער נאָז, האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ פון לינקס צו רעכטס:

— ני. ביי מיר אַ טאַטקע און אַ מאַמקע, און אַ בראַטאָק, און צוויי סעסטריצעס... ב)

— אי הרושקי או טעבע אין סאָד יע? ג)

— יאָ, אי בילאַ מאַלינאַ, אי קאָראָוואַ... ד)

— קאָראָוואַ?...—האָט ביילקע אונזיכער איבערגעפרעגט, נישט וויסענדיג, וואָס פאַר אַ געוויקס דאָס איז.

— נו, דאַ ה), קאָראָוואַ... מו—או—או!...—האָט יאַשקע געגעבען צו פערשטעהן און האָט מיט די הענד געמאַכט אַ פּאָר הערנער איבער׳ן קאָפּ.

— אַ—האַ!...—האָט ביילקע פערטראַכט געזאָגט.

עס האָט געדויערט עטליכע וואָכען. די קינדער האָבען געלעבט אין אַ בעזונדער וועלטעל. אַ קליין בעשעפעניש׳על האָט דאָס וועלטעל

א) האסט אנ׳אלטען זיידען? ב) ניין, ביי מיר א טאטע און א מאמע, און א ברודערל, און צוויי שוועסטערלעך. ג) און בארלעך האסטו אין גארטען? ד) יא, און ווייסע מאלינעס, און א קוה. ה) נו, יא.

חָרוּב געמאַכט און האָט דערבײַ אויך זײַן אײגען לעבען פערלאָרען.

אַ זומער־פויגעלע איז פאַרבײַגעפלויגען צווישען די קינדער, בעת זײ בײדע זענען געזעסען אויפ'ן גראָז, און יאַשקע האָט עס געחאַפּט. ער האָט עס געהאַלטען פאַר אַ פליגעלע, און דאָס זומער־פויגעלע האָט זיך פערצווײפעלט געראַנגעלט, האָט געזשומעט און אָנגעמאַכט אַ ווינד צווישען יאַשקע'ס פינגער. יאַשקע האָט זיך שטאַרק געוואונ־דערט און האָט זיך צוגעקוקט מיט גרויסער נײַגעריגקײט. בײלקע איז פערציטערט געוואָרען

— לאָז אָב, לאָז אָב דאָס נשמה'לע! — האָט זי קוים אַרויס־געריידט מיט אַנגסט.

— שטשאָ? א) — האָט יאַשקע נישט פערשטאַנען און האָט אָב־געריסען בײַ'ם זומער־פויגעלע אַ פליגעלע...

בײלקע האָט איהם אָנגעחאַפּט פאַר דער האַנד. יאַשקע איז פלוצים אין כעס געוואָרען.

— פוסטי! ב) — האָט ער אויסגעשריען, רײַסענדיג בײַ איהר זײַן האַנד.

בײלקע האָט נישט אָבגעלאָזען.

— או, טש—טשאָרט!

ער האָט צעקוועטשט דאָס זומער־פויגעלע, האָט עס אַוועקגע־וואָרפען און אַ שטויס געטהאָן בײלקע'ן מיט דער בעפרײַטער האַנד.

אין אײן מאָמענט איז בײלקע אויפגעשפּרונגען פון אָרט. איהר געזיכט איז געוואָרען טויט בלאַס, די בלאָהע אויגעלעך — פינסטער און טיעף, און צווישען די האַלב־געעפענטע ליפּלעך האָבען געפינ־קעלט צווײ צײלען שאַרפע, ווײסע, צוזאַמענגעדריקטע צײהן. און באַלד האָבען זיך די צײהן טיעף אַײנגעשניטען יאַשקען אין האַנד.

יאַשקע האָט ברײט געעפענט די אויגען און דאָס מויל און האָט זיך צעשריגען, ווי אַ קאַלב בײַ דער שחיטה. אַז בײלקע האָט איהם אָבגעלאָזען, איז ער אַוועקגעלאָפען אַהײם מיט אַ דערשראָקען, הילפ־לאָז געוויין. זי האָט איהם נאָכגעקוקט מיט פינקעלדיגע אויגעלעך און פערביסענע ליפּלעך.

נאָך דער דאָזיגער מעשה איז בײלקע אַרומגעגאַנגען צעטומעלט עטליכע טעג נאָכאַנאַנד, און וואָס דער זײדע האָט זיך בײַ איהר נישט דערבעטען, האָט ער נישט געקאָנט דערגעהן, וואָס איהר איז. דער זײדע האָט זיך געשראָקען און אין דער שטיל האָט ער מתפּלל געווען

א) וואס? ב) לאז אב!

— רבונו של עולם! האָב רחמנות אויף מיין עלטער און אויף איהרע יונגע יאָהרען—הייל איהרע וואונדען!... אָ, טאָכטער מיינע, טאָכטער מיינע!...

אין אַ וואָך אַרום איז יאַשקע ווידער געקומען. ער האָט גאָר פערגעסען אָן דער גאַנצער מעשה, און זיין ברייט פנים האָט גע-שמייכעלט ווייך און גוטמוטיג, ווי שטענדיג. און אַז ביילקע האָט איהם קלאָר און דייטליך געגעבען צו פערשטעהן, אַז זי וויל מיט איהם מעהר קיין געשעפטען נישט האָבען, איז ער אַוועקגעגאַנגען זעהר טרויעריג. ער האָט לַחֲלוּטִין נישט פערשטאַנען, מיט וואָס ער האָט זיך דאָ אַזוי פערזינדיגט, און אומזיסט האָט זיין נישט-געוועהנ-טער קאָפּ געאַרבייט אויף דער רעטעניש, וואָס ביילקע האָט איהם פערגעבען.

שלאָך — אוועג. פלעגמאטיש — ניט ריהרעוודיג, קאלטבלוטיג, געלאסען.

ש. אַש.

עֶרֶב־שַׁבָּת.

דער הימעל ווערט איבער'ן שטעדטעל טונקעל. מען הויבט אָן קלאַפּען אין שול אַריין. אין טייל פענסטער ווייזען זיך שוין שבת-ליכטלעך. פאַר טייל הייזער ווייזען זיך שוין שבת'דיגע בעלי-בית'-טעם מיט זייערע טעכטערלעך. אָבגעוואַשען, אויסגעקעמט זיצען זיי פאַר דער טהיר.

און שטיל און רוהיג איז אין געסעל. דער שבת קומט אָן מיט רוהיגע טריט און פערשפּרייט מְנוּחָה. ווי אַליין פאַר זיך קלינגט דער קירכען-גלאָק, רופט מיט אַ פרום געבעט אין קירכע אַריין. פון דעם קליינעם בית-המדרש'ל פינקלען זיך אַרויס די שבת-ליכטלעך, און עס דאַכט זיך, אַז זיי האַלטען מִלְחָמָה—דער קירכען-גלאָק מיט די שבת-ליכטלעך: יעדעס ציהט צו זיך. דורך דעם שטילען שטעד-טעל געהען פרומע קריסטען, מענער מיט פרויען, געהען אין קירכע אַריין. און אָבגעוואַשענע יודען מיט ווייסע קראַגענס פון די העמדער איבער די שבת'דיגע קאַפּאָטעס פערבויגען, געהען אין בית-המדרש אַריין. חסידים אין אַטלאַס און אין זיידענס, אין שיך-און-זאָקען, גע-העען צום רבי'ן. און שטילער, רוהיגער, שבת'דיגער ווערט דאָס שטעדטיל, ווי עס וואָלטען זיך אַיינגעטיילט דאָס בית-המדרש'ל מיט דער קירכע, יעדע גענומען זיך דאָס איהריגע. פון די אָבגעוואַשענע פענסטער פינקלען די ליכטלעך און די לייכטערלעך אַרויס. מייד-

לעך הויבען זיך אָן צו ווייזען אין געסעל שפּאַצירענדיג, און דעם חַזָנ׳ס לְכָה־דוֹדִי זינגט אין געסעל, און דער קירכען־גלאָק קלינגט מיט. די קולות מישען זיך אוים און עס ווערט איין שטילע תּפלה צו איין גאָט...

יהואָש.

די ביהן.

פון איהר קלײנעם קעמערעל,
זומענדיג אַ זֶמֶר׳ל,
קומט אַרוים די גאָלדענע,
ריהרעוודיגע ביהן...

זעהט זי וואו אַ בייטעלע,
שפּירט זי וואו אַ קוויטעלע,—
שפּרייטענדיג די פליגעלעך
לאָזט זי זיך אַהין.

שמעקענדיג און זוכענדיג,
לעקענדיג און ניוכענדיג
אונטער יעדען גרעזעלע,
אונטער יעדען בלאַט,—

נעהמט זי נאָר, וואָס וויכטיג איז,
ריכטיג־זים און ציכטיג איז,
קלייבט זי נאָר, וואָס נוצליך איז,
מיידט זי אוים, וואָס ס׳שאַדט...

דאַן, ווען אָבגעפּטֶר׳ט זי
האָט דאָס קלייבען, פלאַטערט זי
מיט איהר גרויסען אוצֶר׳ל
אין איהר קליינעם הויז.

ווען זי האָט געפונען שוין
וואָס זי דאַרף אין זונענשיין,
אַרבייט זי אין פינסטערניש
זיסען האָניג אוים...

דער הירש און די בלעטער.

(פאבעל)

יעגער האָבען זיך געיאָגט נאָך אַ הירש. נעבען דעם פּאַרקאַן פון אַ גרויסען גאָרטען האָבען זיי איהם שיער ניט געהאַט געכאַפּט. נאָר דער הירש איז אַריבערגעשפּרונגען דעם פּאַרקאַן און האָט זיך בעהאַלטען צווישען די בוימער. די יעגער האָבען איהם געזוכט איבער'ן גאַנצען גאָרטען, נאָר זיי האָבען איהם ניט געקענט געפינען, וואָרום די בלעטער פון די בוימער האָבען איהם פערדעקט פון אַלע זייטען. האָבען זיי זיך מְיָאֵש געווען פון דעם הירש און האָבען שוין געוואָלט פערלאָזען דעם גאָרטען. דער הירש האָט דערזעהען, מען זוכט איהם שוין ניט מעהר, האָט ער גענומען עסען די בלעטער, וואָס האָבען איהם פערבאָרגען. די בלעטער האָבען געזיפצט, ווען דער הירש האָט זיי אָנגעריהרט מיט זיין מויל. פרעגען זיי די ווײַנטרויבען: וואָס זיפצט איהר? האָבען די בלעטער געענטפערט: מיר זיפצען ניט אַזוי אויף אונזער אייגענעם טויט, ווי אויפ'ן הירש'ס נאַרישקייט. דערמיט וואָס ער עסט אונז אויף, טהוט ער זיך אַליין די גרעסטע רעה. דער הירש האָט אָבער ניט געהערט, וואָס די בלעטער רעדען. ער האָט פערגעסען, אַז זיי האָבען איהם געראַטעוועט פונ'ם טויט—און האָט זיי אַלע כסדר געגעסען. די יעגער האָבען דערהערט אַ גערויש צווישען די בלעטער, זענען זיי צוגעגאַנגען, און דערזעהענדיג דעם הירש, האָבען זיי איהם דערשאָסען. פאַר'ן טויט האָט דער הירש צו זיך געזאָגט: איך בין אַליין שולדיג—איך האָב פאַר גוטס בעצאָהלט מיט שלעכטען.

(פון הלל הזקנ'ס משלים)

שלום-עליכם.

די ל״ג-בעומר-סעודה.

גאָט האָט אַרויסגעצויגען די זון פון איהר פוטער-פאַס און האָט אונז געשענקט אַ שענעם, אַ ליכטיגען, אַ פרעהליכען זומער-טאָג. דער הימעל איז לויטער בלאָה; די פויגעלעך זינגען; עס גליסט זיך אײַנדרויסען אויף דער לופט, עס ציהט אַהין ווייט-ווייט פון דער שטאָדט אַרויס, דאָרט וואו עס שפּראָצט אַ גרעזעלע און די בוימער זענען בעדעקט מיט גרינע בלעטעלעך, דאָרט וואו גאָט'ס פייגעלעך טאַנצען און שפּרינגען, פּישטשען און זינגען... אין יענעם פריהמאָרגען האָבען מיר זיך געכאַפּט, איך און מיין ברודער מאָטעל, אויפשטעהן

וואָס פריהער, אָבדאַוונען וואָס גיכער, נעהמען דעם אָנבייסען מיט זיך — און מאַרש צו ליפּא שָלום=אַייזיק׳ס! וואָס עפּיס צו ליפּא שלום=אַייזיק׳ס? ווייל ערשטענס איז ליפּא שלום=אַייזיק׳ס דער עלטסטער פון די תַּלְמִידִים, אַ בַּר=מִצְוָה=יונגעל און אַ חָתָן דערצו מיט אַ זייגער און מיט אַ זילבערנער קאַפּערטע, און צווייטענס איז דאָרט פאַרהאַן אַ הויף אַ גרויסער, וואָס דאָרט פלעגען מיר פערברענגען דעם אַנדערן האַלבען טאָג פרייטאָג, שפּרינגען אויף איין פוס, שפּיעלען אין „קוציבאַבע״ אין „עקעך און מֶקַח״, אָדער אין „קאַמערקאַמערהויז״; אָדער אין „בעהעלטערלעך״, אָדער אין „טרעפּענישען״...

אַז מיר זענען געקומען, איך און מיין ברודער מאָטעל, צו ליפּא שלום=אַייזיק׳ס, האָבען מיר שוין דאָרטען געטראָפען די גאַנצע חֶבְרָה — אַרום און אַרום זענען מיר געווען פיער און פערציג פאַרשוין תּלמידים פון צוויי חֲדָרִים: פון רֶב יודעל מַלְאַךְ־הַמָוֶת און פון רֶב אֶפְרַיִם תַּלְיָן.

— אָט זענען שוין די יוסעלעך מיט די מאָטעלעך אויך דאָ! ווייזט וואָס האָט איהר געבראַכט? — רופט זיך אָן ליפּא שלום=אַייזיק׳ס, און ער הויבט אָן צונויפנעהמען די מַתָּנות, וואָס יעדער האָט געבראַכט צו דער סעודה, און אויסרופען אויף אַ קול איטליכען צום גראָם.

— מענדעל, מע מעג עסען פון דיין פענדעל! אַנו, ווייז וואָס האָסט דו דאָרטען? צוויי אייער=בייגעל, אַ שטיק לעקעך, איין איי מיט זעקס גראָשען.

— איציק=שפּיציק — נאָדעל=טעשעל! געה אין קלייט חאַפּ אַ פלעשעל! עפּיס זעה איך ביי דיר קיין עין=הרע ניט אַ גאַנצער אוֹצָר: צוויי קיכלעך, דריי אייער, אַ שטיק דאַרע קישקע, עטליכע צוקערלעקעכלעך מיט מאַנדעל=בייגעלעך און האָזענע ניסלעך עפּיס גאָר אַ גוּזְמָא — אַהאַ, און נאָך צעהן גראָשען דערצו — מאָלאָדיעץ!...

— יענקעלע — ביינקעלע — פלעשעלע — בול=בול=בול! בעווייז זיך אַרויס מיט דיין גוטס: אַ בולקע אַ גאַנצע, אַ פערטעל עוף, אַ גלעזעל גענזען=שמאַלץ, וואָס איז דאָס? אַ פלעשעל מעד? — הערסט דו, ביזט דאָך עפּעס גאָר אַ מַזִיק, כ׳לעבען!...

— משה׳לע — שטייסעלע — קלאָפּ אין שול, אַלטע ווייבער שלאָפען! קום נאָר אַהער, האָסט געבראַכט בראָנפען? האָב איך דיך ליעב, וואָרום וואו האָט איהר געזעהען אַ סעודה אָהן בראָנפען?...

— אָבִי — פּאָטער, קַלְמָן — טאָטער, טאָטער — קלמן, שְׂנֵיאוּר — זַלְמָן! זלמן — שניאור, שלאָף אין שלייער! בעוויז, בעווייז, שעם זיך ניט, אַ האַלב איי סַךְ=הַכֹּל? אַ שטיקעל ברויט מיט האָניג? אויך אַ מַטְבֵּעַ!

גיב אַהער, ניש־קשה, עס מאַכט ניט אויס, דערויף איז דאָס ל״ג בעומר, אַ שותּפות׳דיגע סעודה!

— טאַפּעלע טוטאַריטוטו, *) ווייז וואָס האַלטסט דו דאָרטען? אַ טאָפּיטע מיט אַ שטיטעל בולטע מיט אַ טעפּעל טנאַבעל, וואָס האָט דיר די מאַמע אַזוי ווינציט דערעבען?...—ליפּאַ שלום־אייזיק׳ס מאַכט איהם נאָך, ווי ער רעדט מיט דער „טוף״, און חברה קאַטשען זיך פאַר געלעכטער, און קאַפּעל אַליין לאַכט אויך.

— יואַל׳יק—בייליק האָט דעם גרעסטען חלק! דו ביזט דאָך עפּיס אַ נגיד׳ס אַ יונגעל, ביי דיר קעהר אַוודאי זיין אַ גאַנצער אוצר פון בּיצים און פון שמאַלץ, פון וויין און פון בראָנפען און פון כל־טוב! אַ יאָ, איך האָב געטראָפען? צוויי בולקעס, אַ גאַנצע האַלבע געבראָטענע קאַטשקע, אַהאָ, אַ צעהנדליג אייער און טיי און צוקער, היינט ניסלעך, מיט באָקסערען, מיט ראָזינקעס, מיט מאַנדלען, און פאָמעראַנצען, און אַ לימענע אויך—ניט געדאַכט זאָלסט דו ווערען! קום אַהער, לאָמיך דיר האַטש זאָגען אַ דאַנק!

יואַל׳יק דעם נגיד׳ס געהט צו, די הענד אין די קעשענעס, מיט גרויס גדלות, און ליפּאַ שלום־אייזיק׳ס דערלאַנגט איהם אַ שנאַל אין נעזעל אַריין. צווישען עולם ווערט אַ געלעכטער.

— אַצונד, קינדער, זעצט זיך אויס אַלע אָט אָ דאָ, צווישען די קלעצער! — זאָגט ליפּאַ שלום־אייזיק׳ס,—לאָמיר זיך אַקאָרשט נעהמען צו דער סעודה! בראָקט און עסט און לאָז אייך וואויל בעקומען, ווי דער רבי זאָגט, אַז ער שמייסט אונז אָב... ווער האָט אַ גלעזעל? גיב אַהער, לאָמיר טרינקען לחיים! לחיים, מלך, אַז מע טרינקט איז מען פרעהליך! לחיים, נח, פון פלעשעל ציהט מען כּח! קום אַהער, ניסעל, נעהם בראָנפען אַביסעל! לחיים, שעפּסעל, מאַך אַ שנעפּסעל! לחיים, אברהם משה, דו האָסט דאָך ליעב אַ כּוסה אַ גרויסע! לחיים טאַפּעלע, דאָס זאָל דעבען דעזונד מיט דליט מיט אַלדעם דוטס, טרינט אויס דאָס דאַנצע דלעזעל, אַניט דים איך דיר אַריין אין דאָרדעל מיט דוואַלד, וועסט דו ערדער מאַכען!...

אַלע לאַכען, און קאַפּעל אַליין לאַכט אויך.

— קינדער! זאָגט, וואוהין געהען מיר היינטיגס יאָהר? — טהוט אַ פרעג ליפּאַ שלום־אייזיק׳ס נאָך דער סעודה.

עס ווערט אַ געשריי, אַ געפּילדער; איטליכער זאָגט זיין מיינונג, וואוהין מע זאָל געהן.

*) קאַפּיל קוקאַריקו—קען ניט אויסרעדען קיין „קוף״.

— אויף יענער זייט בית־עולם! — זאָגט מֶלך דער אַלמנה׳ס.

— אויף דער לעוואַדע! — מאַכט נָתן דעם שוחט׳ס.

— צו דער ציגעלני! — שרייט אויס אַברהם־משה דעם ווייגער׳ס אויף אַ הילכיק קול.

— צו דער ציגעלני! צו דער ציגעלני! — העלפֿען איהם אונ־טער עטליכע קולות מיט אַמאָל.

— דאָרט איז פֿאַראַן הינט, איהר האָט שוין פֿערגעסען? — רופֿט זיך אָן ניסעל, אַ יונגעל אַ בלייכס מיט אַן׳איבערגעשראָקענעם קוק.

— ווער האָרכט זיי? ווער האָט מורא פֿאַר הינט? — זאָגט יואל׳יק דעם נגיד׳ס מיט שטאַרקייט.

— דו אַליין האָסט מורא פֿאַר אַ הונט אֵימַת מָוֶת! — האַקט איהם איבער דָוִד׳ל צעהאַקטע ליפּ.

— נישט פֿאַר אַ הונט, אַפֿילו פֿאַר אַ קאַץ!... — חאַפּט אונטער שעפּסעל, אַ יונגעל מיט אַן׳אָבגעבריהטער באַק, און צווישען חברה ווערט אַ געלעכטער.

יואל׳יק דעם נגיד׳ס ווערט אָנגעצונדען, לְמַאי מע לאַכט פֿון איהם, געהט ער צו צו שעפּסלען מיט דער אָבגעבריהטער באַק און טראָגט איהם אונטער אַ פֿייג גלייך אונטער דער נאָז; חאַפּט ער אַ זעץ פֿון דוד׳ל צעהאַקטע ליפּ אין זייט אַריין; ענטפֿערט ער צוריק; הויבט ער אָן חאַפּען פּעטש פֿון אַלע זייטען... אין אַן׳אַנדער צייט וואָלט זיך קיינער ניט אַיינגעשטעלט אַרויסטרעטען פֿראַנק און פֿריי קעגען אַ נגיד׳ס אַ יונגעל, נאָר ל״ג בעומר מאַכט נישט אויס, ל״ג בעומר איז מען פֿריי...

— שאַ׳ט! — רופֿט זיך אָן ליפּא שלום־אייזיק׳ס: — גענוג אַייך קריגען זיך! ווייסט איהר, וואוהין מיר זאָלען געהן היינטיגען ל״ג בעומר?

— וואוהין? וואוהין?

— קיין גאַלאַגאַנאָווקע!

— קיין גאַלאַגאַנאָווקע! קיין גאַלאַגאַנאָווקע! — שרייען אַלע אין איין קול, און אַפֿילו קאָפּעל קוקאַריקו העלפֿט קווישען אויף זיין דין קול׳כעל: „דאַלאַדאַנאָווטע! דאַלאַדאַנאָווטע!“...

און ס׳איז געבליעבען, אַז מיר געהען קיין גאַלאַגאַנאָווקע.

קאַפּערטע — די דעקלעך פֿון אַ זייגער. לעוואַדע — אַ וועלדעל בייַ׳ם ברעג פֿון טייך.

ש. אַש.

פריהמארגען.

די גאַנצע וועלט האָט זיך געוועקט פון דעם ליעבען שלאָף. די גרעזלעך, נאָך פערטרונקען אין נאַכט־טהוי, האָבען זיך אָנגעהויבען צו ציהען געגען דער זון; בלומען האָבען אויפגעעפענט זייערע אויגעלעך, זייערע מיילעכלעך, און האָבען פון זיך אַרויסגעהויכט דעם בלומען־ריח, מיט וועלכען זיי האָבען זיך אַ גאַנצע נאַכט אָנגעטרונקען. אַלץ, אַלץ האָט זיך געוועקט, די וועלט האָט פון זיך אַראָבגעוואָרפען דעם נאַכט־שלייער, די נאַכט־קליידער, וואָס זי האָט מיט זיי אין דעם וואָלקען־טהוי געשלאָפען. אַלץ שמייכעלט, אָנגעטרונקען מיט ליעבע און לעבען.

הואש.

נאָכ'ן רעגען. ביינאַכט.

אויסגעפּוצט זיך נאָכ'ן רעגען
האָט דער הימעל שטילערהייט,
אָנגעטהאָן זיין זילבער־ציהרונג
און זיין בלאָהע יום־טוב־קלייד...

ריין געטובל'ט, פריש געצוואָגען
שלאָפט דער דונקעל־גרינער וואַלד.
דאָ און דאָרט אַ רעגען־טראָפּען,
ווי אַ דימענט, בליצט און שטראַהלט...

ס'שווייגט דער ווינד, די פויגלעך דרעמלען,
פונ'ם רעגענוועטער מיעד.
בלויז די גרילען אין דער פינסטער
קלאַפּען זייער זומער־ליעד...

ש. אַש.

יִצְחָק'ל און זיין מאַמע.

I.

אין ישיבה.

טויבע מיט יצחק'לען זענען פאַרטאָג אויפגעשטאַנען. יצחק'ל האָט געקושט די ברידערלעך אין שלאָף, די פערשלאָ־

פענע שוועסטערלעך האָט ער געזאָגט בלויז: „בלייבט געזונד", איין שוועסטערל, גאָלדע, האָט זיך אויפגעהאַפּט און אָנגעהויבן צו וויינען, אַז זי וויל אויך מיטגעהן בעגלייטען דעם ברודער. די מוטער האָט זי אין דער שטיל אַיינגענומען, און טראָגענדיג יצחק׳לם קעסטעל, זענען זיי ביידע פון דער שטוב אַרויס.

די גאַס איז נאָך געשלאָפען, די לאָדען זענען נאָך געווען פערמאַכט. פון אונטער דעם שפּיץ פון דער קירכע האָט דער מאָרגענשטערען אַרויסגעשיינט און קאַלט בעגילדעט די פריהמאָרגענדיגע ראָסע, וואָס איז געלעגען אויף די דעכער; איבער דעם שטעדטעל און גאַס האָט גערוהט אַ שטילקייט.

זיי האָבען זיך ביידע ביים שלאַבען אַנידערגעשטעלט און געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט.

און די מוטער האָט אַרויסגעקראַצט אַ פּאָר פערציגערס פון דער קעשענע און איהם אַיינגעבונדען אין העמד, אויפ׳ן האַרץ.

באַלד איז אַ פוהר דורכגעפאָהרען פול מיט פּאַרשוינען. טויבע האָט פאַר יצחק׳לען אויסגעדונגען אַנ׳אָרט פאַר פערציג גראָשען און האָט דאָס קעסטעל אויף דעם וואָגען אַרויפגעלעגט.

— פאָהר געזונטערהייט! פערגעס נישט אָן דער מאַמען! — האָט זי וויינענדיג אויסגערעדט.

יצחק׳ל האָט געשוויעגען.

זי האָט געוואָלט איהר קינד קושען, נאָר זי האָט געוואוסט, אַז דאָס פּאַסט נישט פאַר אַ דערוואַקסען יונגעל, און האָט זיך אַיינגעהאַלטען.

יצחק׳ל איז אַרויף אויף דער פוהר, די פּאַסאַזשירען האָבען פאַר איהם צווישען זיך אַנ׳אָרט געמאַכט.

— בלייב געזונד, מאַמע, — האָט ער געזאָגט, ווען די פוהר האָט זיך פון אָרט גערידהרט.

— פאָהר געזונטערהייט, מיין קינד! זיי און לערען דאָרט און פערגעס נישט אָן דער מאַמען, — האָט טויבע נאָך דער פוהר נאָכגעשריעגען.

די פוהר האָט זיך וואָס אַ מאָל דערווייטערט אַרויף אויף דעם באַרג, וואָס האָט זיך געזעהען פון דער ווייטענס.

טויבע איז געשטאַנען און אַלץ נאָכגעקוקט נאָך דער פוהר. ווען די פוהר איז פון דער ווייטען אין קאָרזש פערלוירען געוואָרען, האָט זיך טויבע אומגעדרעהט און צוריק אין דער שטאָדט אַריין.

זי האָט אָנגעלעגט דעם וועג, כּדי עס זאָל איהר אויסקומען פאַרבייגעהן דעם בית־עולם.

ניט קיין הויכער פּאַרקען פון ברעטער האָט דעם בית־עולם אַרומגערינגעלט, און די מצבות האָבען זיך אַרויסגעוויזען און געקוקט אין הימעל אַריין.

זי איז צוגעגאַנגען און אַרויפגעקלעטערט אַ ביסעל אויף דעם פּאַרקען און האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין פעלד אַריין, און זי האָט צווישען די מצבות עפּעס מיט די אויגען געזוכט, און אַז זי האָט דערזעהען אַ בעקאַנטע קליינע מצבה, האָט זי מיט דעם קאָפּ אַהין געשאָקעלט:

— ברוך, ברוך! דיין זוהן יצחק'ל איז אין דער ישיבה גע־פאָהרען תורה לערנען...

II.

יצחק'לס ערשטער בריעף.

אין צוויי וואָכען אַרום האָט זי פון יצחק'לען אַ בריוועלע ער־האַלטען. אַליין לעזען קען זי נישט, איז זי אַוועקגעגאַנגען מיט דעם בריוועל צו ר' יוחנן מלמד, אַז ער זאָל עס איהר איבערלייענען.

ר' יוחנן האָט די ברילען אָנגעטהאָן, גוט אָבגעהוסט און האָט אָנגעהויבען פון בריוועל אַרויסצולעזען:

„לְאִמִּי אֲהוּבָתִי הַצְּנוּעָה...

— וואָס איז דער טייטש? — האָט טויבע געפרעגט.

— אַ טיטעל איז דאָס צו דער מוטער, — זאָגט ר' יוחנן און לייענט ווייטער...

טויבע'ס געזיכט איז ליכטיגער געוואָרען. זי האָט גענומען איהר פאַרטוך צו די אויגען און אָנגעהויבען וויינען.

ר' יוחנן האָט דאָס בעמערקט און געלייענט ווייטער לָשון־קודֶש־ווערטער.

— וואָס איז דער טייטש? דער טייטש? פרעגט אַלץ די יודענע.

— גאָר נישט, נישט פאַר אייך, איהר וועט עס נישט פער־שטעהן, עס איז אַ פּשט'ל.

זי האָט געשוויגען, די לשון־קודש'דיגע ווערטער האָבען אויף איהר אַ שרעק געוואָרפען, און זי האָט מיט דרך־ארץ אויסגעהערט.

„איך גערים אמי אהובתי, מיט אַחותי, און שרה'ן און גאָלדען און יעקב'ן, לאָז ער זיך גוט לערנען, איך האָב אַלע טעג... און שלאָף ביי ר' חיים'ען"—האָט פלוצלינג ר' יוחנן געלעזען.

טויבע האָט זיך געלאָזט בעגנוגענען מיט די פאַר ווערטער —

זי האָט צוגענומען דעם בריעף, איהם געלעגט אין קעשענע אריין און געגאַנגען מיט גרוים פרייד אין מאַרק אַריין.

„אויף דער נאַכט",—האָט זי זיך געטראַכט,—וועל איך אַרונטער־געהן צום דַיָן, לאָז ער לעזען דאָס בריוועל".

אויף דער נאַכט, ווען זי איז אַהיים געקומען, האָט זי אויף גיך מיטאָג אָבגעקאָכט, געגעבען די קינדער עסען און געלאָפען צום דיין מיט'ן בריוועל.

זי איז אין שטוב אַריין. לאַנגע פּאָליצעס מיט ספרים בעדע־קען די ווענד, און אַ יוד מיט אַ ווייסער באָרד זיצט אויבען־אָן און קוקט אין אַ ספר אַריין.

— וואָס, אַ שאלה? — פרעגט דער דיין פון דער וויימען.

— ניין.

— וואָס דען?

— אַ בריוועל פון מיין יצחק'לען.

דער דין האָט זיך אויפגעהויבען, צוגעגאַנגען, זי אָנגעקוקט און האָט צוגענומען פון איהר דאָס בריוועל און אָנגעהויבען לייענען אין דער שטיל פאַר זיך.

— וואויל, אויסגעצייכענט, גוט... דער קליינער פערשטעהט...— רעדט דער דין צו זיך.

טויבע'ן גיעסען זיך טרעהרען פון די אויגען...

— וואָלט ער האָטש געלעבט! וואָלט ער האָטש געלעבט!

— שְׁחִיטַת חוּץ... רַמְבַּ"ם... תּוֹסְפוֹת איז גערעכט... — רעדט דער דין וויימער צו זיך.

„איהר יצחק'ל, טויבע דער מאַרק־יודענע'ס אַ יונגעל",—טראַכט זי מיט שטאָלץ.

— נאַ'ט אייך דאָס בריוועל, — זאָגט דער דין צום סוף, — איך האָב עס שוין דורכגעלעזען.

— נו וואָס? — פרעגט די יודענע.

— וואָס ווילט איהר דען?

— וואָס שטעהט אין בריוועל? — פרעגט די יודענע אין דער שטיל.

— עס איז נישט פאַר אייך, איהר וועט עס נישט פערשטעהן,— זאָגט דער דין מיט אַ שמייכעל.

III.

תּוֹרָה.

יצחק'ל שרייבט אַהיים בריוולעך. וואָס אַמאָל ווערען די יודישע ווערטער ווייניגער, די לשון־קודש־ווערטער מעהר, אַמאָל נאָר אַ גע־

רוס צו דער מאַמען—און זי קומט צו ר׳ יוחנן; ר׳ יוחנן לייענט איהר דורך די יודישע ווערטער, און זי לאָזט זיך דערמיט בעגנוגענען. „די לשון־קודש־ווערטער זענען פאַר דעם דין",—טראַכט זי זיך.

אַמאָל קריעגט זי אַ בריוועל פון יצחק׳לען.

זי געהט אַריין צו ר׳ יוחנן, ער זאָל עס דורכלייענען.

ר׳ יוחנן לייענט עס דורך.

— גאָר נישט דאָ צו אייך,—זאָגט ער.

— ווי הייסט?

— גאָר נישט,—ענטפערט ער אָב קורץ.

— לייענט זשע מיר האָטש דאָס, וואָס איז דאָ.

— עס איז דאָך לשון־קודש, תורה, איהר וועט דאָך נישט פער־שטעהן.

— וועל איך נישט פערשטעהן.

— געהט אייך געזונטערהייד, און פערדרעהט מיר נישט דעם קאָפּ.

טויבע איז אַרויס מיט דעם געדאַנק, אויף דער נאַכט צו געהן צום דין.

— רבי, זייט מוחל, פערטייטשט מיר דעם בריעף אויף יודיש,—זאָגט זי צו דעם דין, איהם דעם בריעף איבערגעבענדיג.

דער דין נעהמט דעם בריעף און לייענט איהם איבער.

— גאָר נישט דאָ פאַר אייך! — זאָגט ער איהר.

— רבי,—זאָגט טויבע פערשעמט,—פערטייטשט מיר, זייט מוחל, דאָס לשון־קודש׳דיגע.

— עס איז דאָך תורה, איהר וועט דאָך נישט פערשטעהן.

— נו, לייענט האָטש דעם בריעף אויף לשון־קודש, הויך, הויך, איך זאָל איהם הערען.

דער דין האָט עפּעס געקלערט און אָנגעהויבען לייענען הויך.

— שְׁחִיטַת חוּץ שֶׁנִּתְעָרְבָה בַּקֹּדֶשׁ... רַמְבַּ״ם בְּהִלְכוֹת... מ״א...

באַלד אָבער קוקט ער אויף דער יודענע און דערמאָנט זיך אָן עפּעס: ער זאָגט גאָר תורה פאַר אַ יודענע.

— נאַ׳ט אייך דעם בריעף, עס איז גאָר נישט דאָ פאַר אייך,— האָט ער געזאָגט רחמנות׳דיג און צוריק זיך געזעצט אויף זיין אָרט.

— עס איז דאָך מיין קינדס תורה, מיין יצחק׳לס בריעף, פאַר וואָס זאָל איך נישט הערען? לאָמיך נישט פערשטעהן, עס איז דאָך מיין קינד.

דערנאָך, ווען טויבע איז אַהיים געקומען, האָט זי זיך ביי׳ם טי־שעל אַנידערגעזעצט, אַראָבגענומען דאָס לעמפּעל פון טשוואָק און

בײַ דער שײַן פון דעם פערררויכערטען לעמפּעל האָט זי שטום אויף דעם בריוועל געקוקט.

זי האָט דעם בריעף געקושט, נאָר באַלד האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי איז מְטַמֵא דעם בריעף מיט איהרע ליפּען: זי איז אַ זינדיגע יודינע...

זי האָט זיך אויפגעהויבען, אַרויסגענומען פון ספרים=שאַפקעלע דעם מאַנ'ס סדור און צווישען די בלעטער אַרײַנגעלעגט דעם בריעף.

מיט ציטערדיגע ליפּען האָט זי געקושט די טאָוולען פון דעם סדור און איהם צוריק אַרײַנגעשטעלט אין ספרים=שאַפקעלע.

ש ל א ב ע ן — שלאגבוים, א באלקען, וועלכער פערצאמט דעם וועג. מיט א שלא-בען פערשטעלט מען געוועהנליך אזוינע וועגען, וואו מען נעהמט אנ'אבצאהל פאר דורכ-פאהרען. ק א ר ז ש — שטויב, פול. א מ י א ה ו ב ת י — מיין געליעבטע מוטער. א ח ו ת י — מיין שוועסטער. מ ט מ א ז י י ן — אומריין מאכען.

י. אַדלער.

צו אַ זילבער=וואָלקען.

זילבער=וואָלקען,
פּערעל=וואָלקען!
נישט געאײלט זיך,
נישט געלאָפען!
שטעל זיך אָב נור
אויף אַ רגע;
כ'וויל אַ טובֿה
בײַ דיר בעטען:

ווען דו וועסט נאָר
איבערשווימען
יענע הויכע
בלאָהע פעלזען,
וועלכע דרעמלען
אין די נעבלען;
און די פעלדער
מיט די יונגע
קאָרען=זאַנגען;
און די טײַכלעך
מיט די דראָבנע
זילבער=וועלען;
און דעם גרויסען
ים, דעם טיעפען,—
זאָלסטו קומען
אין מײַן שטעדטעל,
אין דעם שטילען,
אין דעם שענעם,
וואו די ווײַסע
קלײנע הײַזלעך
מיט די גראָהע
שינדעל=דעכער
שטעהען אין די
גרינע גערטלעך,
אויסגעצירט מיט
קאַרשען=בוימער,
עפּעל=בוימער,
באַרען=בוימער
און מיט הויכע,
און מיט שלאַנקע
טענען=בוימער.

דאָרטען, אין דעם
שטילען שטעדטעל,
אין אַ הייזעל,
האַלב צעבראָכען,
מיט פערקלעבטע
קליינע שויבלעך,
מיט אַ ברונען
אין דעם גערטעל
און אַ קאַשטאַן־
בוים ביים ברונען,
און אַ עפּעל־
בוים ביים פענסטער—

אַט, אין דיזען
אַלטען הייזעל
זיצט מיין אַלטע
טרייע מאַמע,
מיט פערוויינטע
קראַנקע אויגען
און מיט קנייטשען
אויף דעם פּנים,
און מיט בלאַסע,
טויטע ליפּען,
און אַ האַרץ מיט

טיעפע וואונדען—
אַן אַלמנה
אַ פערצאָגטע!
ווען דו ועסט, אָ,
זילבער־וואָלקען,
זעהן מיין ליעבע,
גוטע מאַמע,
גריס איהר האַרציג
אין מיין נאָמען.

און פערגעס נישט,
זילבער־וואָלקען,
איהר צו זאָגען:
אַז מיר בענקט זיך
נאָך דעם שטעטלען,
נאָך דעם ליעבען
קליינעם שטעדטעל,
וואו מיין וויעגעל
איז געשטאַנען,
וואו זי האָט מיך
איינגעשלעפערט
מיט אַ זיסען
קינדער־ליעדעל...

י. דינעזאָן.

אַ געשפּרעך.

שטיל און איינזאַם איז געווען דאָס פעלד אַרום און אַרום, און דאָס געזאַנג פון פויגעלע האָט זיך קלאָר געהערט. רחל׳ע איז גע־גאַנגען שפּאַציערען מיט איהר פאָטער. ביידע זענען געווען פער־טראַכט. זיי האָבען גאָר ניט בעמערקט, ווי זיי זענען צוגעקומען צום ברעג וועלדעל. דאָ האָט דער פאָטער אויפ׳ן טרוקענעם גראָז זיך אַראָבגעלאָזט, רחל׳ע האָט פערשפּרייט אַ טיכעל און זיך אויך געזעצט.

— הערסטו, מיין טאָכטער, דאָס פויגעלע זינגען?—האָט דער פאָטער געזאָגט—פּונקט אַזוי האָט מיט דרייסיג יאָהר צוריק דעם

פויגעלע'ס אַ עלטער־עלטער זיידע געזונגען, דעמאָלט בין איך נאָך אַ קליין יונגעל געווען און פלעג דאָ אויך שבת ביי־טאָג זיצען אונ־טער'ן בוים און האָרכען זיין געזאַנג,—אַלץ דאָס אייגענע ליעדעלע, אַלץ די זעלבע שטימע! גליקליכע בעשעפענישען זענען די פויגעלעך: זיי דאַרפען גאָר ניט זאָרגען פאַר זייערע נאָכקומענדיגע קינדער און דורות; זיי מעגען זיכער זיין, אַז יענע וועלען אויך ניט ערגער זינגען, איידער זיי אַליין. אָבער ווער קען אונז, מענשען, פערזיכערן, אַז אונזערע קינדער נאָך אונז וועלען אויך אַזוי שען דאָס לעבענס־ליעדעלע זינגען, ווי מיר, זייערע עלטערען?

— פאָטער,—האָט רחל'ע געענטפערט,—די פויגעלעך זינגען ווירק־ליך איצט פונקט אַזוי און מיט דער זעלבער שטימע, ווי עס האָ־בען זייערע עלטערען געזונגען מיט דרייסיג אָדער מיט פיעלע הונ־דערטער יאָהרען צוריק. אָבער איבעראַיאָהר און איבער הונדערט יאָהר וועלען זייערע קינדער אויך אַלץ דאָס זעלבע ליעדעלע זינגען און ניט בעסער אויף איין האָהר. ווי דאָס ערשטע, אַזוי וועט אויך דאָס לעצטע פויגעלע זינגען. מיר, מענשען, זינגען טאַקי אַמאָל ער־גער אין אונזער צייט, איידער עס האָבען געזונגען אונזערע עלטערען זייער לעבענס־ליעדעל אין זייער צייט, דערפאַר אָבער טרעפט, אַז פיעלע קינדער זינגען אויך בעסער, זיסער און אַנגענעהמער. ניט אמת, פאָטער, די פויגעלעך ווערען געבוירען מיט זייער ליעדעלע? זיי לערנען עס ניט און קענען ניט בעסער קענען, ווי זיי זענען פון נאַ־טור געבוירען? מיר ווערען געבוירען גאַנץ אונוויסענד און קאָנען גאָר ניט, אָבער אַז מיר לערנען, קאָנען מיר ערדייכען וואָס בעסער און וואָס ערהאַבענער איז!...

ער האָט איהר קאָפּ צוגעדריקט צו זיין ברוסט און איהר אַ קוש געטהאָן.

— יאָ, מיין קינד, דו ביזט מיין זינג־פויגעלע, אָבער איך ווינש דיר אַ שענער און ליעבער ליעדעלע צו זינגען אין דיין לעבען, איי־דער עס זינגען דיין פאָטער און דיין מוטער.

משה טייטש.

טילי־טילי!

טילי־טילי!—פונקט ווי גלעקלעך,
ווי די זילבער־העלע גלעקלעך,
קלינגט אין פעלד פון פריה ביז נאַכט:
עמיץ פרעהט זיך, עמיץ לאַכט.

טילי־טילי! — ביענען זשומען,
און זיי פראַװען האָניג־יום־טוב,
אָנגעזאַפּט מיט פריהלינגס־לוסט,
אויף דער לאָנקעס בלומען־ברוסט.

טילי־טילי! — פויגעל פליהען,
און זיי װינקען, און זיי רופען:
העכער, העכער—טי־לי־לי!
שפּרייט אויס פליגעל, מענש, און פליה!

משה טייטש.

דער פריהלינג.

פֿײנגעהילט אין תּכלת־מאַנטעל,
מיט אַ גאָלדענער עטרה,
שטעהט דער פריהלינג אין די פעלדער
און איז מקריב טױען קלאָרע.

און ער איז צו גאָט מתפּלל
אין די הויכע בוימער־שפּיצען
אויף דעם לשון פון די דונערס
און די יונגע שלאַנקע בליצען:

און ער װערט ערפילט מיט ליעבע,
דער געטרייער, גוטער פריהלינג,
און ער האַלזט מיט גרינע אָרעמס
ערד און הימעל, װי איין צװילינג.

און ער בענשט זיי און ער שענקט זיי
זיין אונצעהליגען פערמעגענס:
האָניג־טוי און גאָלדענע שטראַהלען
מיט מאַיאָװע שטילע רעגענס..

ש. אַש.

אין א זומער־טאג.

פרעגען װעט זיין!
דאַכט זיך, עס פרעהט מיך! אַליין בין איך אויפ'ן װעג, װי

דאָס גרעזעלע וועל איך זײַן, נישט האָבענדיג פֿאַר דעם רעגען זיך וואו צו בעשיצען.

אַ שטילע ליעבע אֵימָה הערשט איבער אַלעס. די גרעזער בויגען אײַן די קעפּ, רוימען אין דער שטיל איינס צום אַנדערען: „אַ רעגען וועט זײַן!" דער לאַנגער וועג, וואָס ציהט זיך דאָרט, דאַכט זיך, גרייט זיך אויך אָן צום רעגען: „וואָס קען איך טהאָן"—וואָלט ער זאָגען. פֿון ערגיץ ווייט קומט אַ פֿויגעל אָן צו פֿליהען און פֿליהט מיט רעש אַדורך, אָנזאָגענדיג: „אַ רעגען וועט זײַן!" און דאָרט אין פֿעלד שאָקעלט זיך דער בוים, די צווייגען רוישען מיט אימה...

איך געה אויף דעם וועג.

דאָרט ווייט דערהויבט אַ ווינד דעם שטויב, אַ געדיכטער קאָרזש ווערט. פֿון אונטער אַ טהאָל קומען צוויי פֿערד אַרויף. מען זעהט ווי זיי שטעקען די העלזער אויס, אַרויפשלעפּענדיג זיך בּאַרג אַרויף; דערנאָך ווייזט זיך אַ פֿויער מיט אַ בּייטש אין האַנד.

אָט ווייזט זיך אַ דעבעל.

דאָרט אין טהאָל שטעהט אַ הייזעל און עפּעס ווי פֿערשעמט בעהאַלט עס זיך אין די געדיכטע צווייגען און די פֿיעלע בלעטער פֿון די בוימער, וואָס שטעהען אַרום. און דאָס הייזעל, אײַנגעטונקט צווישען די גרינע בלעטער, זעהט אויס פֿון דער ווייט, ווי עס וואָלט פֿון דער הוילער ערד אַרויסגעוואַקסען.

אַ קליין שמאָל וועגעל פֿיהרט פֿון דעם וועג אַראָב און פֿערשלענגעלט זיך אויף די פֿעלדער. עס פֿיהרט צום הייזעל צו.

עס הויבט אָן לייכט צו טריעפּען... די ערד זאַפּט אײַן די טראָפּען.

עס טריעפּט, און די טראָפּען בלייבען הענגען אויפ'ן גראָז, ווי גוטע טרעהרען... און פֿערוואָלקענט איז דער הימעל נאָר פֿון איין זייט; אויף דער צווייטער זייט שמייכעלט די זון מיט אַ גוט געלעכטערעל. עס הייסט: זעהט, וואָס זײַן ליעבער נאָמען קען!

איך נעהם מיך אַראָב אָן אַ זייט צום בעהאַלטענעם הייזעל צו. עס לויפט אַ הונד און קומט מיר פֿריינדליך אַנטקעגען, לאָזט מיך דורך און בעגלייט מיך נאָך צוריק צו דער טהיר.

אַ פֿויעריש הייזעל. ניעדריג, אָבער זיכער, ליעגט דער באַלקען אויף פֿיער אָבגעווייסטע ווענד. הייליגע בילדער אַרום. אונטער איינעם, אין אַ ווינקעלע, לייכט אַ לעמפּעל אַ קליינס; דער שוואַכער שיין פֿון לעמפּעל צעפּליעסט זיך אַזוי ווייך אין דער טונקעלקייט פֿון שטוב, מישט זיך אויס מיט די לייכטע בעוועגליכע שאָטענס. ביי'ם

קוימען זיצט די פויערטע און צינדט אונטער צוויי העלצלעך. קליינע, קליינע יונגלעך מיט אָבגעברענטע פּנים'ער און פלאַכע העלע פלאַקסענע האָר רינגלען מיך אַרום און בעקוקען מיך פערוואונדערט; אין צווייטען עק ביי אַוויעגעל שטעהט נאָך איינס מיט אַגרויסען קאָפּ, וואָס וואַקעלט זיך אויף אַדינעם האַלז, און קוקט מיך אָן פון ווייטענס און שמייכעלט. ביי זיינע באָרוויסע פיס ליעגט אַשוואַרצער, קודלאַטער הונד און קוקט איהם אין פּנים אַריין, און וואַרט אויף אַבעפעהל.

— קען איך מיך פערהאַלטען דאָ, ביז דער רעגען וועט אַריבער?

די פויערטע ערלויבט עס מיר פריינדליך און דערלאַנגט מיר אַשטוהל צו זיצען.

פון דרויסען הערט זיך אַווייטער דונער. גלייך פוהרען וואָלטען דורכגעריבען אויף אַהאַרטען וועג.

און אין שטוב איז שטיל געוואָרען, און אין דער שטילקייט דערהער איך אַן'אַלטע שוואַכע שטימע:

— בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹהֵינוּ... אַבְּרָכָה איבער'ן דונער.

איך קוק מיך אום. אין ווינקעלע ביי'ם פענסטער זיצט אַיינגעהויקערט אַיוד איבער אַשניידערשער אַרבייט.

עס ווערט מיר היימליכער: עס פרעהט זיך צו טרעפען נאָך אַיודען אין אַגוי'אישער שטוב; מען שפּי"ט זיך עפּעס היימיש.

— שלום עליכם, פעטער!

— עליכם שלום אַיוד.

— אַודאי געקומען גערשטען קויפען! — טרעפט ער.

— ניין, איך געה נאָר פאַרביי.

— וואו אַהין?

— קיין שעמענעץ.

— אַזוי, קיין שעמענעץ! איך בין טאַקי אַשעמעניצער.

און דאָס האָב איך אַליין געוואוסט. מען דערקענט עס אָן איהם. צווישען די קנייטשען אויף זיין אַלטען פּנים ליעגט שעמענעץ אויסגעגאָסען און שמייכעלט!

— נאָך וויט קיין שעמענעץ? פרעג איך.

— אַוואָרסט דריי, דער וועג פיהרט גלייך צו.

איך דאַנק דער בעל־הבית'טע, געזעגען מיך, דער אַלטער האָט מיר לאַנג נאָכגעקוקט.

צוריק אויפ'ן וועג! דער הימעל איז קלאָר; די וואָלקען ציהען זיך ערגעץ אַוועק; די נאַסע פעלדער שמייכלען צום הימעל און דאַנקען פאַר דער שפּע.

און איבער דעם קלאָרען הימעל מיט בלאָהע פערטונקענע וואָלקען בויגט זיך אויס אַ גאָלדענער רעגען־בויגען מיט בלאָהע קאַנטען. „גאָט איז באַרמהערציג, ער האָט זיך דערמאָנט”,—זאָגט דער הימעל און טריקענט די ערד מיט ליכטיגער ליעבשאַפט, ווי אַ מאַמע ווישט אָב די בעקלעך פון אַ פערוויינט קינד.

ש. הורוויץ.

די נייטערקעס.

אין אַ קליינעם שטיבעלע,
ביי אַ לאַנגען טיש,
זיצען דאָרטען מיידעלעך,
דרעהען מיט די פיס.

דרעהען די מאַשינדעלעך
פון דער פריה ביז נאַכט,
און אַזוי ווערט טוצענווייז
העמדעלעך געמאַכט.

העמדעלעך, איהר ווייסינקע,
זאָגט, וואָס זענט איהר נאַס?
מיידעלעך, איהר שענינקע,
זאָגט, וואָס זענט איהר בלאַס?

העמדעלעך און מיידעלעך
רעדען נישט קיין וואָרט,
אויסער די מאַשינדעלעך
הודזשען אימער פאָרט.

דושנע איז אין שטיבעלע,
אונערטרעגליך היים;
פון די אָר'מע נייטערקעס
גיסט זיך טייכען שווייס.

* * *

און נית ווייט פון שטיבעלע,
אונטער'ן שטעדטעל באַלד,
לויפט אַ פרישעם וועסערעל,
שטעהט אַ גרינער וואַלד.

און אין גרינעם וועלדעלע
שפּיעלט דער שענער מאַי,
בלאָזט אַ פרישעם ווינטעלע,
פליהט אַרומ'עט פריי.

דאָרטען בליהען בלימעלעך,
בלומען אַלערליי,
פליגעלעך פיעל גאָלדענע
שושקען זיך מיט זיי.

אין די צווייגען פויגעלעך
זינגען צוקער־זיס,
און דאָס פרישע וועסערעל
פלעסקעט אונטער: ביס!

און דאָס קיהלע ווינטעלע
לויפט זיך פריי אַרום,

שפּיעלט זיך מיט'ן וועסערל,
שפּיעלט מיט יעדער בלום,

שטיפט מיט אַלע פויגעלעך,
פליגעלעך אין גראָז:
דעם אַ גלעט דאָס קעפּעלע
דעם גיט עס אַ בלאָז.

* * *

פלוצלונג ווערט דעם ווינטעלע
אומעטיג אין וואַלד
און אַהין צום שטיבעלע
לויפט עס אונטער באַלד,

גנב'עט זיך אין לעכעלע
שנעל אַריין פון לאָד,
רוימט אַיין יעדער מיידעלע
שטילערהייד אַ סוד:

מיידעלע דו בלייכינקע,
מיידעלע דו מיין!
טאָג און נאַכט דו האָרעוועסט,
האָרעוועסט אין פּיין;

טאָג און נאַכט אין קלעמעניש—
ווי ווערט דיר ניט מיאוס?
לאָז צורוה די הענטעלעך,
לאָז צורוה די פיס.

וואַרף אַוועק די העמדעלעך,
געה פון דער מאַשין!
דאָרט אין גרינעם וועלדעלע
קום מיט מיר אַהין...

דאָרט אין גרינעם וועלדעלע
בליהט דער שענער מאַי,
שפּיעלט און לאַכט די זונעלע
ליעבליך און געטריי.

דאָרטען וועט דיין אויגעלע
שטראַהלען מיט אַ גלאַנץ,
דיינע מאַטע פיסעלעך
הויבען זיך צום טאַנץ.

קום זשע, פיינע מיידעלע,
קום מיט מיר ביינאַנד,
אין מיין שענעם קעניגרייך,
אין מיין שענעם לאַנד...

* * *

„ווינטעלע דו ליעבינקער,
ווינטעלע דו קלעק! —
ענטפערען די מיידעלעך: —
געה פון אונז אַוועק!

לאָזען די מאַשינדעלעך
טאָרען מיר נישט, ניין,
און מיט דיר אין וועלדעלע
קאָנען מיר נישט געהן.

ניט פאַר אונז, אוי, נייטערקעס,
בליהט דער שענער מאַי,
נאָר אין אונזער לעצטער שעה
ווערען מיר ערשט פריי.

זעהסט דאָרט—אויפ'ן פּאָליצקע
ליעג פאַר אונז אַ באַרג,
און די בעל הבית'טעטשקע
שטעהט איבער'ן קאַרק.

געה זשע דיר אין וועלדעלע,
געה פון אונז אַוועק,
ווינטעלע דו ליעבינקער,
ווינטעלע דו קלעק׳.

און פערקלעמט און צאַרענדיג
לויפט אַרויס געשווינד
דורכ׳ן לאָך פון לעדעלע
זיפצענדיג דער ווינד.

דושנער ווערט אין שטיבעלע,
שטיל, מען הערט קיין וואָרט:
אויסער די מאַשינדעלעך
הודזשען אימער פאָרט...

יהואָש.

דער בלומענשטאָק.

עס חשכ׳ן אין פייכטער ערד
די וואָרצלען שטומערהייט,
זיי ווייסען ניט, ווען מאָרגען קומט,
ניט ווען דער טאָג פערגעהט.

זיי אַרבייטען סיי טאָג, סיי נאַכט,
און פלייסיג ווערט געשאַפט:
דער בלומענשטאָק—דער קען זיך ניט
בעגעהן אָהן וואָרצעל-זאַפט.

און אויבען וויעגט דער יַחְסָן זיך
און לופט און ליכט געניסט:
אַ גאַנצע מַחֲנֶה שקלאַפט פאַר איהם
אין פינסטערניש און מיסט.

יעקב שטיינבערג.

הערשעלע פאָהרט אַוועק.

הערשעלע איז אַלט פופצעהן יאָהר און ער פאָהרט זיך לערנען. ער האָט פערקויפט דאָס נייע קאַפּאָטקעלע מיט׳ן מאַנטעל, וואָס מען האָט איהם נישט לאַנג געמאַכט, און האָט צונויפגעשלאָגען אויף הוצאות.

פאַרנאַכט איז דאָס געווען, אַז הערשעלע האָט זיך אַרויסגעגנב׳עט פון שטוב, אַזומער פאַרנאַכט. די שאָטענס האָבען אָנגעהויבען ווערען לענגער, בשעת הערשעלע איז געגאַנגען צו פוס מיט אַ קליין פעקעלע זאַכען דורך די גוי׳אישע גאַסען, וואָס פיהרען צום באַהן.

„לאָמיך שוין נאָר זיצען אין וואַגאָן״,—האָט זיך הערשעלע געחזר׳ט.

אָט איז שוין הערשעלע אויף דער סטאַנציע. ער קוקט זיך אַרום: פעלדער ציהען זיך פון ביידע זייטען, וויט-וויט; די אייזער-נע פּאַסען פונ׳ם באַהן גלאַנצען; די זון פערגעהט. הערשעלע קוקט זיך איין אַמאָל אין דער זייט, אַמאָל אין דער אַנדערער זייט, טאָ-מער ווייזט זיך אַרויך, נאָר עס געדויערט לאַנג, לאַנג. ס׳איז שטיל, קיהל. הערשעלע זעצט זיך אַוועק אין אַ ווינקעל און טראַכט וועגען דעם נייעם לעבען, וואָס ער הויבט איצט אָן, און טראַכטענדיג טאַפּט ער אָן אין איין טאַש דאָס ביסעל געלד אויף אַ בילעט און אין דעם צווייטען טאַש עפּעס אַ האַרטע זאַך. „אַז איך וועל עס פערקויפען,— טראַכט הערשעלע,—וועט מען מיר אַודאי געבען דערפאַר דריי קערב-לעך, וועל איך שוין האָבען אַ צייט צו לעבען״.

הערשעלע נעהמט אַרויס די האַרטע זאַך, גיט אויף איהר אַ קוק און לעגט זי צוריק אַריין אין טאַש. אַ שטראַהל פון דער פערגע-הענדיגער זון גיט זיך אַ שפּיגעל אָב אין אַ זילבערנעם בעכער. דאָס האָט הערשעלע דעם בעכער אַרויסגע׳גנב׳עט פאַר׳ן פאָהרען פונ׳ם שראַנק.

נאָר אָט שטעלט זיך אָב פאַר דער סטאַנציע אַ שורה רויטע וואַגאָנעס: דאָס איז דער צוג פון דעם פיערטען קלאַס, וואָס הער-שעלע פאָהרט מיט איהם.

אין וואַגאָן, וואוהין ער געהט אַריין, איז שוין טונקעל. אויף די בענק און אויף דער ערד ליעגען צולעגט קריסטען, קיין יודען זעהט מען נישט. עס געדויערט לאַנג, לאַנג, ביז די וואַגאָנעס געבען אַ צי-טער און לאָזען זיך געהן.

אָט זעגען שוין ווידער פון אַלע זייטען ברייטע גרינע פעלדער. הערשעל׳ען, וועלכער זיצט אויף דער שוועל פון דער אָפענער טהיר, בלאָזט אין פּנים אַריין אַ קיהל אָוועגד-ווינטעל, אַ מְחָיֶה! וואָס אַ מי-נוט ווערט די מיאוס׳ע, פער׳חושכ׳טע היים ווייטער און ווייטער, וואָס אַ מינוט ווערט העלער די שיין פון דער לְבָנָה, און די אוקריינער נאַכט ווערט שענער און שענער. גאָלדענע פונקען פליהען אָהן אויפ-הער צו׳ם טונקעלען הימעל... הערשעלע פערקוקט זיך אויף דער נאַכט.

נעבען איהם, איף דער שוועל פון דער טהיר, די פיס אַרויס-געלאָזט אין דרויסען, זיצט אַ יונגער גוי און זינגט. די שטאַרקע פערהליכע שטימע גיסט זיך איבער די פעלדער און בלייבט הינ-טער׳ן צוג, ווי די גאָלדענע פונקען. הערשעלע הערט זיך איין און

האָט הנאה. ער פּיהלט, אַז פון היינט אָן איז גלייך ווי ער האָט עפּעס אַ חלק אין די וויטע פעלדער און אין דעם פרעהליכען געזאַנג.

אַז דער גוי הערט אויף זינגען, פרעגט איהם הערשעלע:

— איהר קענט נאָך ליעדער?

הערשעלע רעדט שלעכט די פרעמדע שפּראַך, פונדעסטוועגען פערשטעהט איהם דער יונגער גוי און ענטפערט:

— איך קען.

— און אָט דאָס ליעד, אַ שטייגער, קענט איהר? — פרעגט הער־שעלע און לייענט פאַר דעם גוי צוויי שורות.

„Выхожу одинъ я на дорогу,

Сквозь туманъ кремнистый путь блеститъ".

הערשעלע וואָלט געוואָלט אָבזינגען די צוויי שורות פון דעם ליעד, וואָס ער האָט אַזוי ליעב, נאָר ער קאָן נישט.

דער גוי שווייגט.

— איהר ווייסט, וועמעס ליעד דאָס איז? — פרעגט הערשעלע.

— ניין, — זאָגט דער גוי.

— דאָס איז דאָך לערמאָנטאָוו׳ס! — זאָגט הערשעלע, — איהר האָט געהערט פון איהם?

— ניין, — זאָגט וויטער דער גוי.

הערשעלע חדוש׳ט זיך, וואָס דער גוי ווייסט נישט לערמאָנ־טאָוו׳ס נאָמען. ער וואָלט גערעדט וויטער, איז איהם אָבער שווער צו רעדען אויף דער פרעמדער שפּראַך, נאָר דאָרט וועט ער זיך שוין אויסלערנען.

הערשעלע שווייגט און קוקט ווידער אויף דער נאַכט.

אין וואַגאָן זינגט מען אויך. דעם פּחד פאַר גוים, וואָס הער־שעלע איז אויפגעוואַקסען מיט איהם, פיהלט ער איצט נישט: זיי זינגען אַלע אַזוי שען און טרויעריג. הערשעלע איז אויך אַביסעל טרויעריג, אָבער ס׳איז איהם גוט. ער איז פול מיט סודות, ווי די נאַכט וואָס אַרום איהם; אין איהם זענען דאָ אַזוי פיעל האָפנונגען, וויפיעל עס פליהען איצט גאָלדענע פונקען צום הימעל; ער פיהלט זיך שטאַרק און גרייט צו אָנהויבען מיט אייגענע כוחות דאָס נייע לעבען.

אין וואַגאָן זינגט מען אין חאָר אַ טרויעריג געזאַנג. הערשעלע הערט זיך איין און דערמאָנט זיך אָן דער היים, אָן זיין אַוועקפאָה־רען. עס שטעלט זיך איהם פאָר, ווי מען וועט געוואָהר ווערען פון זיין אַנטלויפען, ווי מען וועט געוואָהר ווערען, אַז ער האָט אַרויס־געגנב׳עט דעם בעכער, די מאַמע וועט, אַ שטייגער, זאָגען:

— וואָס דען, אַז מען לאָזט אַ יונגעל ווערען אויסגעלאָזט, ווערט ער אַ גנב אויך. ווער ווייסט, אויף וויפיעל ער האָט מיך נאָך בעגנב'עט אַ חוץ דעם בעכער...

און הערשעלע האָט חרטה, וואָס ער האָט גענומען דעם בעכער.

— אַז מען לאָזט זיך אַוועק אויף דער וועלט, דאַרף מען זיך שוין אײַנגאַנצען פערלאָזען אויף אייגענעם כח!

אַזוי טראַכט הערשעלע.

פלוצלונג שטעלט ער זיך אויף, נעהמט אַרויס דעם בעכער פון טאַש און גיט איהם אַ שלײַדער. דער בעכער גיט אַ גלאַנץ אַנטקעגען דער לבנה און ווערט פערפאַלען צווישען די זאַנגען.

דער עפּעל-בוים און דער רויזען-שטרויך.

אַ רויזען-שטרויך איז געוואַקסען ניט ווייט פון אַן עפּעל-בוים.

דער רויזען-שטרויך איז געוועזן זעהר שטאָלץ, וואָס מענשען ליבען איהם, און האָט איינמאָל אַזוי געזאָגט: „ווער קען זיך מיט מיר פערגלייכען? מיינע בלומען זענען אַ פערגעניגען פאַר'ן אויג און האָבען אַ פּרעכטיגען ריח. אמת, דער עפּעל-בוים איז גרעסער פאַר מיר, אָבער פון איהם האָט קיינער ניט קיין הנאה". דער עפּעל-בוים האָט זיך אָבגערופען: „אמת, דיינע בלומען זענען טאַקי שען און האָבען אַ געשמאַקען ריח, דערפאַר האָב איך אַ בעסער האַרץ, איידער דו". פרעגט איהם דער רויזען-שטרויך: „זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס טהוסטו עפּיס פאַר אַזוינע גרויסע חסדים, וואָס דו בערימסט זיך מיט דיין גוט האַרץ?" ענטפערט דער עפּעל-בוים: „ווען דו גיסט דעם מענשען דיינע בלומען, מוזטו איהם פריהער אַ שטאָך טהאָן מיט דיינע דערנער, אָבער איך גיב מיינע פּירות אַפילו אַזוינעם, וואָס וואַרפט אויף מיר שטיינער".

(פון הלל הזקן'ס משלים).

ז. שניאור

נַחוּם.

איצט זעהט ער שוין אויס אַביסעל מעשה-יוד און רעדט שוין אַזוי, אַז די קליין-שטעדטעלדיגע יודען פערשטעהען איהם. איצט איז ער שוין אַריינגעקראָכען מיט זיין גרויסען גוף אין אַ סורדוט און שמעקט שוין טאַבאַק פון זיין פאַרצייטיג פושקעלע מיט אַ קרעכצעל, ווי עס געהער צו זיין. אָבער בְּעֵת ער האָט זיך בעוויזען אין שטעדטעל, איז ער געוועזן אַ גוי, אַן עכטער פויער, מיט אַ פערברענט

פּנים, מיט אַ גראָהליך־דראַטענער באָרד, מיט אַ פּאָר הענד ברייטע און האַרטע, ווי פּאָדעשווע־לעדער. אָנגעטהאָן איז ער דאַן געווען אין אַ פערשמאָלצען טולופּעל, איבערגעבונדען מיט אַ רימען, אין ברייטע הויזען, פערדרוקטע אין לאַנגע חאָליעווס, און האָט גערעדט פון בויך אַרויס מיט אַנ'אומגעלומפּערטען רוסיש־יודישען לשון, פאַר וועלכען קליין־שטעדטעלדיגע יודען האָבען זיך אין די אויגען געשראָקען, און אונטער די אויגען — געלאַכט.

נייגיעריגע בעלי־בתּים האָט זיך דערנאָך איינגעגעבען צו דערוויסען, אַז ער איז איינער פון דעם ביסעל איבערגעבליבענע ניקאָלייעווער סאָלדאַטען, אַז נאָך סעוואַסטאָפּאָלער קריעג האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ „חאַראָשע זשאָנקע" און געהאַנדעלט מיט פעל. קיין „רעביאַטקעס" זענען נישט געווען. איז די „חאַראָשאַ זשאָנקאַ" קראַנק געוואָרען, פערקרענקט זיין גאַנצע „טאָרגאָווליע" און געשטאָרבען. איז ער, „נאַחים" — נחום הייסט דאָס — געקומען אַהער אין שטעדטעל, און ער רעכענט, אַז „האָספּאָד באָך" וועט איהם „פּאָמילעווען"...

און גאָט האָט איהם טאַקי „פּאָמילעוועט", און ער איז אָנגעקומען פאַר אַנ'אונטער־שמש אין קהל־שטיבעל.

שטענדיג אַפילו איז זיך דאָס קהל־שטיבעל בעגאַנגען אָהן אַנ'אונטער־שמש. נאָר, ערשטענס, איז שוין דער עלטער־שמש געווען קראַנק און האָט נישט געקאָנט אַרבייטען און, צווייטענס, האָט זיך נחום געווענדט צום גבאי פון קהל־שטיבעל בלשון „וואַשע בלאַהאָראָדיע, גאָספּאָדין גבאי" — און דאָס איז דעם גבאי זעהר געפעלען געוואָרען.

ווי נאָר נחום איז אָנגעקומען פאַר אַנ'אונטער־שמש, האָט דאָס קהל־שטיבעל גענומען אויסזעהן שענער, ציכטיגער. בעלי־בתּים פון מזרח, אַריינקומענדיג אין שטיבעל, פּלעגען זיך איבערקוקען, ווי גרויסע מבינים, און הרחבה'דיג אַרויסגעלאָזען:

— גאַ — אַנץ פיין...

און דער אַלטער שמש, וואָס איז געווען קראַנק אויף די פיס און האָט זיך שטענדיג געוואַרעמט נעבען אויווען, פלעגט טאָג־טעגליך מיט קנאה אין האַרצען צוזעהן, וואָס פאַר אַנ'אייזערנע קראַפט עס ליעגט אָט אין דעם „אַלטען יון", מיט וואָס פאַר אַ פלינקייט ער ראַמט די פּאָדלאָגע, ווי עס ציטערען די בענק, בשעת ער ווישט זיי. און דער אַלטער שמש פלעגט אָבזיפצען מיט זיין אומעטיגען זיפצעלע:

— הו — אוי, עי — ע...

נחום פֿלעגט אויף איהם דאַן אַ הויב טהון זיינע פֿינסטערע אויגען און פֿלעגט אַ ברום טהאָן:

— „ניטשאַוואָ“...

און פֿאַר דעם דאָזיגען ברום איז איהם דער אַלטער שמש געווען אַ שונא אין האַרצען און פֿלעגט טייטשען דאָס „ניטשאַוואָ“ מיט אַלערליי פּרושים...

מעהר פֿון אַלץ האָט נחום ליעב געהאַט צו פּוצען דעם שווערען מעשענעם הענג־לייכטער, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ קייט צווישען בימה און אָרון־קודש.

איהם איז ניט אַזוי אָנגעגאַנגען די ריינקייט פֿון הענג־לייכטער, ווי אַן אַנדער זאַך. עפּעס האָט איהם געצויגען צום געפּאָלירטען מעש. ער האָט געהאַט פֿערגניגען צוצוהערען זיך, ווי עס קלינגען די שווערע צעשרויפֿטע טיילען פֿונ׳ם הענג־לייכטער. ער פֿלעגט נעהמען יעדען אָבגעפּאָלירטען טייל אין האַנד אַריין, שפּיגלען זיך דערמיט אַ היבשע ווײַלע און בעקוקען.

— וואָס צאַצקעסטו זיך אַזוי? — פֿרעגט איהם דער אַלטער שמש מיט אַ שמייכעלע. — צאַצקעט זיך!

— גלאַנצט „וסיאָ ראַוונאָ“ ווי אַ האַרמאַט, „יעי באָהו“!

— איך האָב קיינמאָל קיין האַרמאַט ניט געזעהן, האַרמאַט!

— ווייל דו ביזט אַ גערגעלע, גאָספּאָדין שמש! איך, בראַט טי מאָי, האָב זיך זיי אָנגעזעהן! איך, בראַט טי מאָי, האָב געראַבאָטעוועט אין אַרטילעריע...

און נחום האָט איהם מיט גדלות גענומען דערצעהלען אויף זיין לשון, מאַכענדיג מיט אַ פֿודיגען רעהר אין איין האַנד ווי מיט אַ שטעקעלע, אַז אַמאָל, בשעת סעוואַסטאָפּאָלער קריעג, איז ביי „יעהאָ בלאַהאָראָדיע מאַקאַר טרימבוהאַ“ אַראָבגעפֿאַלען דער קאַרטוז פֿונ׳ם קאָפּ און גענומען קייקלען זיך אַראָב באַטאַרעיע, איז „יעהאָ בלאַהאָראָדיע“ געבליבען שטעהן מיט אַ נאַקעטען קאָפּ, האָט עס ער, נחום, ניט געקאָנט צוזעהן און האָט זיך אַלאָז געטהאָן אַראָב באַרג נאָכ׳ן קאַרטוז. איבער זיין קאָפּ האָט געהאָגעלט מיט קוילען, נאָר ער האָט זיך געטראַכט: „ניטשאַוואָ“, דערחאַפּט דעם קאַרטוז, געבראַכט און איבערגעגעבען „יעהאָ בלאַהאָראָדיע“ אין די הענד אַריין. האָט איהם דערפֿאַר „יעהאָ בלאַהאָראָדיע“ אַרומגענומען פֿאַר אַלעמען אין די אויגען, מכבד געווען מיט אַ קלאַפּ אין פּלייצע אַריין און אויסגעשריען:

— וואָט אָן־טאָ, נאַחימקאַ, מאָלאָדיעץ!

דערבײַ האָט נחום אַרײַנגעשפּאַרט זײַן ברײטע האַנד אין בוזעם־קעשענע פון טולופּעל, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן אַ פאַרבונדען טיכעל, און פון טיכעל אַ טײסטער, און פון טײסטער אַ טײסטערעל, און פון טײסטערעל אַ פּאַפּירעל, און פון פּאַפּירעל האָט ער סוף כּל סוף אַרויסגעגראַבעלט אַן׳אָבגעריבענעם בראָנזענעם מעדאַל און געהאַלטען איהם פאַר דעם שמש׳ס אויגען, אָנגעוויזען איהם, ער זאָל לײענען:

— זאַ—חראַב—ראָסט.

געהאַסט האָט נחום פון טיעפען האַרצען די הײנטיגע „סאָלדאַטשיקעס", װעלכע פלעגען זיך בעװײזען אין שטעדטעל פון צײט צו צײט. װאו נאָר ער האָט געקאָנט, האָט ער מיט פאַרבאָרגענער קנאָה אָבגעלאַכט פון זײערע שטיװעלעך, פון זײערע מונדירעלעך. אַז אַ יונג סאָלדאַטעל פלעגט אַרײַנקומען אין שטיבעל, פלעגט איהם נחום קײן סִדור׳ל צום דאַװנען ניט געבען. עס האָט ניט געהאָלפען קײן שום שְׁתַּדְלָנות. „גענוג,—פלעגט ער אַ ברום טהאָן מיט שנאָה,— װאָס זײ עסען אומזיסטע ברויט מיט קאַשע, נאָך סדורים גיב זײ". און גאָס, אַז ער פלעגט זיך מיט זײ בעגעגענען, פלעגט ער זיך אָבקעהרען אָן אַ זײַט און װאָרטשען. נאָר אַמאָל האָט ער אָנגעטראָפען אין גאַס אַ סאָלדאַטעל מיט אַן׳אָפּענגעקנעפּעלטען מונדיר, איז ער צו איהם האַסטיג צוגעגאַנגען און אָבגעשטעלט:

— סטאָי!

יענער איז פערװאונדערט געבליבען שטעהען, דאַן האָט נחום אַרויסגענומען זײַן אַלט פּושקעלע, האָט מיט האַרץ אַ שמעק געטהאָן טאַבאַק, אָנגעקוקט דאָס סאָלדאַטעל פון די שפּיצען שטיװעל ביז׳ן היטעל און שטרענג אַ זאָג געטהאָן:

— סאָלדאַטישקע! פערקנעפּעל דײַן מונדירעל און... מאַרש!

מען דערצעהלט, אַז דער סאָלדאַטעל האָט זיך דערשראָקען און געפאָלגט.

לְסוף איז דער אַלטער שמש געשטאָרבען, און נחום איז געװאָרען אי אויבער־אי אונטער־שמש.

פון יענער צײט אָן האָט נחום אײַנגעפיהרט אין קהל־שטיבעל אַ שטרענגע דיסציפּלין. ער האָט נישט געלאָזען רײדען בשעת קריאַת־התורה, ניט אומשפּאַצירען אַרום בימה, װען מען דאַװענט, ניט שפּײען אינמיטען שוהל און נאָך און נאָך אַזױנע זאַכען, װאָס קלײן־

שטערטעלדיגע יודען טהוען, פיהלענדיג זיך אין בית־מדרש, ווי בײ זיך אין דער היים.

ווי אַ שומר איז נחום בשעת׳ן דאַווענען געשטאַנען אויף דער בימה און פון קיינעם אַנ׳אויג ניט אַראָבגענומען. אַז מען האָט אויך וואָס ניט איז עובר געווען, פלעגט ער ניט שאַנעווען אַפילו די מזרח־לייט, און באַלד פלעגט זיין גערזונטע שטים מתרה זיין:

ר׳ איצע!...

אָדער:

— ר׳ האַצקעל!...

און אַז דאָס האָט ניט געהאָלפען, פלעגט נחום בייז ווערען און אַבזאָגען פון דער הויך בימה זיין איינציג שטיקעל מוסר, פון וועלכען ער אַליין האָט שטאַרק געהאַלטען.

— אין קאַזאַרמע—פלעגט ער הויך אויפ׳ן קול אויסרופען,— אין קאַזאַרמע, צעהן טיסיאַטש ראַז להבדיל, אַז עס קומט אַריין אַנ׳אָפיציר—דאַזשע אַנ׳אָפיציר!—שטעהען אַלע אַט אַזוי! (דערביי פלעגט ער זיך אויסגלייכען און צולעגען די האַנד צום יאַרמולקע). און אַ יוד האַלט זיך פאַר׳ן מלך־מלכי־המלכים, ווי אַ היינטיגער סאָל־דאַטעל אין אַטפוסק. אַנ׳עבירה!

און געה טענה זיך מיט איהם אוים.

די ערשטע צייט האָבען בעלי־בתים געלאַכט, דערנאָך געקרימט זיך. איידימלעך אויף קעסט האָבען זיך געקלאָגט פאַר זייערע שווע־רען, געסטראַשעט, אַז זיי וועלען אויפהערען געהן אין שטיבעל. נאָר בּיסלעכווייז האָבען אַלע ניט ווילענדיג גענומען פאָלגען. און אַז נחום האָט געגעבען אַ פאַטש: „שאַ!” איז געווען „שאַ”.

צוויי הינד.

עס האָבען אויף דער זון אַמאָל געוואַרעמט זיך
פונקט נעבען קיך
צוויי הינד—פאָלקאַן און זיין „זעמליאַק” באַרבאָס.
אודאי וואָלט דער בעל־הבית
געוואָלט, אַז ס׳זאָלען בעסער זיינע כלבים
זיין הויף גוט היטען פון גנבים,
נאָר זיי זענען געווען שוין זאַט,
און גלאַט
געהן בילען אין דער וועלט אַריין

איז פּאַר אַ הונד אַנ׳אײדעלען ניט פײן,
דעריבער זענען זײ געזעסען זיך גאַר שטיל,
געשמועסט מיט געפיהל.
— גוואַלד,—זאָגט פאַלקאַן,—וואָס איז נאָך אַזוי שען,
ווי צוויי חברים אמת׳ע צו זעהן!
מַה טוֹב וּמַה נָעִים—ווי גוט עס איז, ווי זיס—
דעם פּסוק ווײסט דו דאָך געוויס...
מען איז מיט אַלץ צופריעדען,
מען לעבט אין פריעדען,
מען קוקט זיך "תמיד" אין די אויגען
און מען איז גרייט צו פליהען, ווי אַ פייל פון בויגען,
עק וועלט,
אַז דו בעמערקסט, דעם חבר עפּעס פעהלט...
מען טהוט זיך שטענדיג קליגען
פערשאַפען איהם אַ פערגעניגען...
אָך, כ׳לעבען,
ס׳וואָלט גוט געווען, מיר ביידע זאָלען אַזוי לעבען:
אין ליעבע און אין שָלום,
ס׳איז יעדע רֶגַע, ווי אַ זיסער חָלום...
— הער, ווייסטו וואָס?
שרייט אוים באַרבאָס —
כ׳בין מוּכָן וּמְזוּמָן
צו הילף דיר קומען,
און טאַקי, לאָמיר שמועסען צוריק:
וואָס קומט אַרוים פון קריעג?
טאָג איין טאָג אוים זיך רייסען,
בייסען...
די גאַנצע וועלט זאָגט, אַז אין גרונד
איז נאָר אַ הונד
טריי מיט אַנ׳אמת:
מען טהוט זיך מיט אונז בענשען —
ביי אונז איז אָבער, ווי ביי מענשען,
ניטאָ אויף אַחדות קיין שום רֶמֶז...
טאָ לאָמיר לעבען, אַלעמען לְהַכְעִים,
אין שָלום און אין נַחַת...
זאָל אונזער אַחדות זיין אַ חֹק ולא יַעֲבוֹר...

— נו, גיב־זשע מיר דיין לאַפּע, ליעבער חבֵר!...
— מיין קרוין, מיין גאָלד,
ווי כ'האָב דיך האָלט! —
— מיין גְדולָה! — מיין גַן־עֵדֶן!...
ס'ועט קיינער אונז ניט שיידען.
— מיין אוצַר! — מיין נֶחָמָה! —
— מיין דימענט! — מיין נְשָמָה! —
צום אומגליק וואַרפט מען מיט אַמאָל אַרויס
אַ פעטען ביינדעל פון אַ הויז,
און מיינע הינד —
עהע! זיי לויפען שוין געשווינד...
ס'וויל יעדער פריהער דאָס געשענק דערטאַפּען,
פאַר זיך דעם ביין פּערחאַפּען...
ס'ווערט אַ געפּילדער
וואָס ווייטער מיאוס'ער און ווילדער.
די פריינד פערגעסען באַלד אָן אַלץ:
עס גריזשעט איינער שוין ביי'ם אַנדערען דעם האַלז...
נאָך אַ מינוט —
עס גיסט זיך בלוט...
מיט וואַסער האָט מען ביידען
מיט צרות קוים געקאָנט צעשיידען. —

ס'איז אויך צווישען מענשען מִי יוֹדֵעַ
וואָס פאַר אַ ליעבע.
נאָר ווי עס קומט צו דער מַטְבֵעַ,
איז גלייך אוים שָלום־חִבָה...

פריי בעארבייט—ריוועסמאַן נאָך קרילאָוו.

חק ולא יעבור — א געזעץ, וואס מען טרעט עס ניט איבער. מי יודע — זער ווייסט. חבה — ליעבשאפט.

משה טייטש.

דער זומער.

דער זומער איז געגאַנגען זיין אויסגעטראָטענעם וועג. דאָס קאָרען האָט זיך מיט אַמאָל אַשטאַרקען הויב געטהאָן, האָט אָנגעהויבען בליהען און אָנגיסען זיך; דער האָבער האָט פאַנאַנדערגעלאָזט

זיינע געגריייזעלטע לאָקען און האָט זיי געהוידעט אויפ'ן ווינדטעל; דער גערשטען איז געוואָרען עלטער און ערנסטער, האָט זיך שטרענג גענומען קוקען אויף דער אַרומיגער תבואה־מִשְׁפָּחָה, אַזוי ווי ער וואָלט זאָגען:

„אַזוי, אַזוי, נאָר נישט געשפּיעלט זיך, נאָר נישט געשטיפּט, מיט'ן ווינד נישט געפּלאַפּעלט, מיט די ביענען זיך נים גע'סוד'עט"... אָבער די מילך־ווייסע גריקע האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט און האָט אַ גאַנצען טאָג נאָר פערפיהרט מיט איהר האָניג די ביענען, וואָס האָבּען אויפ'ן גריקע־פעלד זייערע קאַרעהאָדען געפיהרט. די טעג זענען געוואָרען לאַנג, ווי נאָר מעגליך, די זון הייס, ווי נאָר מעגליך, און זי האָט מיט איהרע שטראַהלען־ליפּען אַזוי שטאַרק גע־זויגען דאָס וואַסער אין לאָנקע, אַז עס האָט ביסלעכווייז גענומען אויסגעהן, אויסגעהן—ביז עס איז אַ האַלבּם געוואָרען.

ש. פרוג.

אזומער־נאכט.

די נאַכט איז שטיל, די נאַכט איז פינסטער;
מיט שוואַרצע שאָטענס איז בעדעקט
דער שטילער טייך; די גערטנער שלאָפען;
עס וועהט מיט פרישען גראָז; עס שמעקט
פון וואַלד מיט שוואָמען און מיט בלומען;
די לופט איז ריין און פריש און קיהל.
אַלץ שלאָפט און רוהט אין שטילען פריעדען,—
נאָר פון דער אַלטער וואַסער־מיהל
הער איך צוויי ליעבע, זיסע שטימען:
צוויי יונגע טויבען וואוינען דאָרט.
זיי וואָרקען, האַלזען זיך... ווי רוהיג
איז אויף זייער שטילען אָרט!...
איך געה אַהין, אַנ'אַלטע ווערבע
שטעהט אויפ'ן שטילען גרינעם ברעג.
זי איז מיין פריינד, זי איז מיין חבר
אין מיינע טרויעריגע טעג.
מיר זענען ליעב די אַלטע צווייגען,
וואָס הענגען אומעטיג אַראָב,
גליייך ווי פאַרצייטען ביי אַנ'אָבֵל
די האָר פון טרויעריגען קאָפּ.

זי איז מיר ליעב, די אַלטע ווערבע!
אָפט זיץ איך איינזאַם אונטער איהר,
און זי בעדעקט מיך מיט די צווייגען,
גיסט אויס אַ זיסע רוה אויף מיר.

ד. פינסקי.

באַשֶׁע-לֵאָה.

ווער קאָן נאָך ווי באַשע-לאָה אויסרופען אַלע סחורות, וועלכע ליעגען אין איהר קוישעל?

זי שרייט נישט גלאַט אַזוי, אָהן סדר, אָהן טַעַם, אַבּי געשריען. זי מאַכט עס מעשה-חון, זי זינגט. „זי טאָקט אָב"—זאָגען אַלע. ביי איהר קומט עס אַרויס מיט אַלערליי טענער, אַז די דיענסט-מיידלעך דערמאָנען זיך דעם קאַדריל, וועלכען זיי האָבען שבת געטאַנצט ביי באַשע-לאָה'ן אין שטוב.

„אַ סחורה אַ ביסעל!"—מאַכען אויף איהר די איבעריגע וויבער מיט די קעפּ, ווען זי זינגט אָב.—„אַ שטוקע, פערשטומט זאָל זי ווערען!"

נאָר די קְלָלָה איז נישט ערנסט. פערקעהרט. אַלע וויבער ליעבען זי און גרויסען זיך מיט איהר שטימע און מיט איהר קאָנען „אָבטאָקען מעשה-חון".

באַשע-לאָה איז אַ יונג וויבעל פון אַ יאָהר צוויי און דרייסיג און פון מיטעלען וואוקס. זי געהט אין אַ פערלאַטעט קליידעל און יאַקעל, נור ריין אַרום זיך, און דער קאָליר געהט איהר צום געזיכט. אַמאָל איז זי גאָר אַ שענהייט געוועזען. היינט איז די הויט אויפ'ן געזיכט אַביסעל צו דיק; פון די חֵן-גריבעלעך אויף די באַקען זענען קנייטשען געוואָרען. נאָר איהרע אויגען פינקלען נאָך און אויף די ליפּען שפּיעלט נאָך דער אַלטער לוסטיגער שמייכעל. בלינצעלט זי אַמאָל מיט די אויגען, בעקומט איהר געזיכט אַזאַ פרעה-ליכען אויסדרוק, אַז איהרע חבר'טעס דערמאָנען זיך די מיידעל'שע יאָהרען און באַשע-לאָה'ס אַמאָליגע „קונצען".

„אָ, יאָ! דאָס איז אַ פייער געוועזען, אַ פייער..."—זאָגט מען און מען מאַכט אויף איהר מיט די קעפּ.

„און וואָס איז זי יעצט?"—רופט זיך אָב איין טרעגעריִן.

„באַשע-לאָה'קע!" — ענטפערט אַ צווייטע, און אַלעמען ווערט קלאָר, אַז באַשע לאָה איז נאָך די אַלטע וואָס אַמאָל. —

באַשע-לאָה'ן האַלט מען פאַר אַ בְּרִיָּה נִפְלָאָה. מען זעהט זי

קיינמאָל נישט רוהיג זיצען. שטענדיג איז אין גאַנג, שטענדיג זוכט זי עפּעס, איהרע אויגען וואַרפט זי אויף אַלע זייטען.

„דאָס איז אַ בראַנד!" — זאָגט אויף איהר דער גאַנצער מאַרק. נור זעהען דאַרף מען זי ערשט אַ שבת, אַ יום־טוב.

באַלד נאָך מיטאָג ראַמט זי אויף דאָס צימער, וואַשט און פּוצט אויס די קינדערלעך, טהוט זיך אַליין איבער און זעצט זיך וואַרטען אויף געסט. איהרע געסט זענען איהרע קונים פון אַ גאַנץ וואָך: די דיענסט־מיידלעך פון נאָהענטע און ווייטע גאַסען. עס קומען אויך עטליכע „קאַוואַליערען"—און עס ווערט געטאַנצט. אין דעם קליי־נעם און נידריגען שטיבעל ווערט צו ענג, אָבער דאָס מאַכט נישט אויס. מען צעזעצט זיך אין בעט, אויפ'ן טיש, אויפ'ן פענסטער און וואו נאָר מען קאָן, אבי מאַכען גראַמער אינמיטען.

באַשע־לאָה איז די פיהרערקע און זינגערקע אין די טענץ. זי איז שטענדיג אַ „הער" און פיהרט איהר דאַמע, „ווי אַ וואַהרער קאַ־וואַליער". איהר דרעה, איהר קעהר, איהר קלאַפּ מיט'ן פוס איז „אויף די קעפּ צו שטעלען זיך!"

איהר מאַן, דער פאַרבער, וועלכער האַלט נישט, ווי ער זאָגט, פון טאַנצען, ציהט זיך אויס אויפ'ן אויווען, האַלט נעבען זיך דעם קליינעם זוהן און, אונטערשפּאַרענדיג מיט איין האַנד דעם קאָפּ, לאָזט ער קיין אויג נישט אראָב פון זיין „אַלטעטשקער". ער קוועלט פון איהר, ער קלייבט נחת.

און באַשע־לאָה ווערט אַלץ פרעהליכער, לוסטיגער, אויפגע־רעגטער. זי קאָן שוין עפּעס נישט איינזיצען אויף איין אָרט, זי שפּרינגט אַרום, מאַכט מיט די הענד, בלינצעלט מיט די פינקעלדי־גע אויגען, שלאָגט און ראַנגעלט זיך מיט אַ יעדעם — — דאַמאָלס שטעהען צו איהר צו די געסט, זי זאָל טאַנצען דעם „ציגיינער".

פאַרנאַכט, ווען עס הויבט שוין אָן צו ווערען פינסטער, הערען אויף די טענץ. עס ווערט שטיל. די געסט פערנעהמען ערטער— מען גרייט זיך צו צו עפּעס. באַשע־לאָה וועט געבען קאָנצערט.

זי זינגט געוועהנליך טרויעריגע זאַכען. „אַ פרעהליכס", — זאָגט זי, — „געהט עפּעס נישט ביי מיר". איהר געזיכט ווערט אַלץ ערנ־סטער, טרויעריגער, טיעפזיניגער; דער שמייכעל פערשווינדט פון די ליפּען; די באַקען פּייערן, און די אויגען לייכטען אַזוי מילד, אַזוי ווייך...

זי פערגעסט אָן אַלץ און אַלעמען. זי קאָן שוין נישט איינ־שטעהן אויף איין אָרט און הויבט אָן אומצוגעהן איבער'ן צימער ווי פער'חלום'ט. און דאָס געזאַנג ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער,

און שטאַרקער הויבט זיך און פּאַלט איהר ברוסט, געשווינדער קלאַפּט דאָס האַרץ. עפּעס איז איהר אַזוי שווער, און עס ווילט זיך איהר וואָס העכער און שטאַרקער זינגען, און עס דוכט זיך איהר, אַז עפּעס ווערט זי אויסזינגען, אַז עפּעס ווערט איהר דערנאָך ווערען אַזוי גרינג, אַזוי מְחַיֶה׳דיג...

אַלע אָרום זענען ווי פערכִּשוּף׳ט, ווי פערשטיינערט. מען גיט זיך נישט קיין ריהר, מען לאָזט נישט קיין פּאַרע פון מויל.

ביי די טהירען און טויערען פון די איינגעבויגענע הייזלעך זי־צען די אָרימע ווייבער, אַראָבגעלאָזען די קעפּ, און זינגען זיך צו שטילערהייט באַשע־לאָה׳ן, און עס ווערט זיי אַזוי אומעטיג און אַזוי גוט, און זיי האָבען נישט קיין חשק און נישט קיין כּח אויפצוהויבען זיך פון אָרט, אָבצורייסען זיך פון באַשע־לאָה׳ס געזאַנג.

נאָר אָט האָט באַשע־לאָה געענדיגט.

די געסט אָטעמען אָב. עס ווערט אַ געדרודעריי, אַ שרייעריי: מען לויבט די זינגערין.

דאָס קליינע טעכטערל לויפט צו צו באַשע־לאָה׳ן, כאַפּט זי אָרום אַרום האַלז און דריקט זי צו זיך שטאַרק, שטאַרק.

„אוי, מאַמעניו, האָב איך דיך ליעב!״—זאָגט זי אַרויס מיט היץ.

און דער פאַרבער קריכט אַראָב פון אויווען און פרעגט גע־ריהרט:

„נו, וואָס זאָגט איהר צו מיין אַלטעטשקער, האַ?״

באַשע־לאָה שמייכעלט שוין ווידער.

בריה נפלאה — אַ קונציגע בריה, אַ זעהר פעהיגע.

ש. אַש.

וואַנדערער.

אַ פּאַרטיע ליטוואַקעס. יונג און אַלט ליעגען זיי אויפ׳ן פעלד. פון דער וויטען זעהען זיך נאָר די בלעכענע טשייניקעס אָנגעבונדען אויף דעם געפּעק. עס ליעגט אַ יודענע, אָנגעלעהנט דעם קאָפּ אויף אַ קעסטעלע, איבערגעבענדיג אַ כַּפָּרָה די נאַקעטע ברוסט דעם נאַקע־טען קינד נעבען איהר, און ציהט איהר קאָפּ צום הימעל אַרויף. די פערמאַכטע אויגען בעטען שוין נישט, עס הייסט, ווי זיי וואָלטען צום בּוֹרֵא־עוֹלָם זאָגען: ווילסט אַזוי, טאָ זאָל זיין אַזוי...

עס זיצען די פּאָטערס אויף די געפּעק־זאַכען, טייל די קעפּ אויף ד הענד אָנגעלעהנט, און קלערען, טייל גאָר, אַזוי ווי עס וואָלט

זייער עסק נישט זיין, זיצען און שווייגען, וואַרטענדיג אויף עפּעס. ביי'ם טאַטען אויף דער ערד זיצט די מאַמע און צעטיילט די קליינע קינדערלעך ברויט מיט אוגערקעס; דער פאָטער בויגט דעם קאָפּ פון די עסענדיגע קינדער אַוועק און קוקט אין הימעל אַריין. און דאָרט, ביי'ם ברעג וואַסער, שטעהט די עלטערע טאָכטער און קוקט אויף די פליסענדיגע וועלען, פון די אויגען רינען שטילע טרעהרען, און עס דאַכט זיך, אַז די ליפּען ריהרען זיך.

און שטיל איז אין דער פאַרטיע. עס פּרובט צו רעדען אַ יונגער מאַן עפּעס מיט אַנ'אַלטען—דער לעצטער שווייגט. דער יונגער מאַן רעדט ווייטער, דער לעצטער שווייגט אַלץ.

עס לאָזט זיך אַ יונגעלע, אַ ליטוואַקעל אַ קליינס, פון דער פאַרטיע אַרויס און גנב'ט זיך צו צו די שטאָדט-יונגלעך, וואָס באַדעווען אין די לאַנגע קאַפּאָטקעלעך דאָרט אין דער גרויסע לאָדקע, וואָס איז ביי'ם ברעג וואַסער. עס געהט דאָס ליטוואַקעל, געהט און קוקט זיך אום, לאָזט זיך און האַפּט זיך צוריק. און אָט האָט עס שוין אויך אַ פוס אין דער לאָדקע אַריינגעשטעקט. נאָר דאָרט אין דער פאַרטיע שטעהט אַ הויכע יודענע און ווינקט מיט שרעק אויף דעם יונגעלע, מאַכט מיט'ן פינגער: שלמה'קע! און דאָס ליטוואַקעל געהט ברוגז'דיג צו דער פאַרטיע צוריק, זעצט זיך צווישען די יודען און קוקט מיט בענקשאַפט אויף די שפּיעלענדיגע יונגעלעך, און שווייגט אויך.

באדעוועז — פארען זיך, האבען צו טהאן.

יונה ראָזענפעלד.

אַ גנב.

I. יאָסעלע אַרבייט.

— הונד'ס קאָפּ! קעצענער מוח! — שרייט מאיר דער סטאָליער אויף זיין לערן-יונגעל, וואָס שטעהט אויף די קניע און קלייעט אונטער אַנ'אַלטער עטאַזשערקע אַניי פיסעל: — ניט אַזוי!

יאָסעל, דאָס לערן-יונגעל, בלייבט אַ מינוט שטעהן מיט'ן פענזלעק אין האַנד און קוקט זיך איין אויף דעם אָרט, וואו ער דאַרף קלייען. די אויערען זענען ביי איהם אָנגעשפּיצט צו הערען, וואָס דער בעל-הבית וועט איהם ווייטער זאָגען; די געדאַנקען זענען ביי איהם פאַרנומען: אָט האַפּט ער אַ סטוסאַק אין פּלייצע, און דאָרטען, וואו ער האַפּט איהם עפּטער, פיהלט ער, ווי עס הויבט איהם

אָן עפּעס וועה צו טהאָן. ער האָט שוין אַפּילו אַפּאָר מאָל פערזשמורעט די אויגען—איהם האָט זיך געדאַכט, אַז עס פליהט שוין דעם בעל־הבית׳ס פויסט, און אָט־אָט...

— ווייסטער קאַליקע! — שרייט ווידער מאיר: — דו שמירסט אויס אינגאַנצען די טאַזשערקע מיט קליי! נעהם ניט אַזוי פיעל!... ס׳וועט זיין לויז. אַ שמאַטקעלע נעהם!

יאָסעל וואַרפט אַריין דעם פּענזלעק אין פּענדעל קליי, רייסט אָב פון זיין צעריסענעם רעקעל אַ שטיקעל אונטערשלאַק און וויקעלט אַרום דעם צאַפּען.

שרייט שוין מאיר, אַז עס איז צו פיעל. רייסט ער אָב אַ שטיקעל, שמירט קרעכצענדיג ווידער אָן מיט קליי און לאָזט אַריין אין לאָך. דערנאָך שטעלט ער זיך אויף און קלאַפּט אויבען צו מיט אַ האַמער.

— וויש אָב גיכער! — שרייט מאיר, אָנווייזענדיג אַראָב מיט׳ן פינגער, וואו עס האָט אַרויסגעשפּריצט קליי.

יאָסעל פאַלט כּורעים אוןווישט אָב דאָס פּיסעל מיט דער פּאָלע פון׳ם רעקעל.

— אַזוי, — זאָגט מאיר, — מאָלאָדיעץ! — און גיט איהם אַ פּאַטש איבער דער פּלייצע.

די צווייט ווייכע ווערטער און דער פּאַטש איבער דער פּלייצע האָבען יאָסלען צעטומעלט; דער גאַנצער וואָרשטאַט האָט זיך איהם אַוועג געגעבען. אַ פּאָר מינוט איז ער ווי אויף׳ן עולם־התּהו געשטאַנען, ער האָט גאָר ניט געוואוסט, וואָס מיט איהם טהוט זיך. זעלטען זעלטען הערט ער פון דעם בעל־הבית אַ ווייך וואָרט, און דעמאָלט, ווען ער הערט עס, וואָלט ער פאַר׳ן בעל־הבית ער ווייסט אַליין ניט וואָס געטהאָן, ער וואָלט אין פייער אַריין געלאָפען, און איהם מוטשעט דאָס געוויסען, פאַר וואָס קען ער ניט אַרבייטען, פאַר וואָס קאָן ער דעם בעל־הבית ניט צופריעדען שטעלען. ער ווערט אויף זיך שטאַרק בייז: פאַר וואָס דאַרף זיך דער בעל־הבית מיט איהם אָבעסען דאָס האַרץ? און איהם דוכט זיך, אַז ער האָט טאַקע אַ פערשטאָפּטען קאָפּ, אַז ער פערשטעהט גאָר ניט, אַז ער וועט קיינמאָל־קיינמאָל זיך ניט אויסלערנען די אַרבייט: ער וועט בלייבען אַ קאַליקע, אַ ווייסטער קאַליקע...

— נו, וואָס שטעהסטו, וואָס? דערהערט ער דעם בעל־הבית׳ס קול.

ער האָט זיך אַוואָרף געטהאָן צום וואַרשטאַט און געחאַפּט הובלעווען אַ ברעטעל.

הובלעווענדיג חאַפּט ער אַלע מאָל אַקוק צו די אַרבייטער; קענטיג איז, אַז ער איז זיי מְקַנֵא, וואָס זיי זענען שוין „אַרבייטער". יענע מוטשען זיך גאָר ניט אַזוי ווי ער—טראַכט ער... ס'אַר אַלאַנגע סטרוזשקעס ביי זיי פליהט אַרויס! איז ער זיי מקנא... ביי איהם וויל גאָר דער הובעל ניט נעהמען... ער בעטראַכט דעם הובעל פון אַלע זייטען, שלעפּט אינוועניג די פער'עַקְשֶנ'טע סטרוזשקעס, דער-נאָך טאַפּט ער די שאַרף פונ'ם הובעל און פערקלעהרט זיך טיעף: טעמפּ?... שאַרף... טעמפּ... ער פיהרט מיט'ן פינגער הין און צוריק. ער ווייסט ניט, אָן וואָס דערקענט מען, צו איז דער הו-בעל שאַרף אָדער טעמפּ, און דאָס טאַפּען געפעלט איהם שטאַרק,— דאָס איז שוין מעשה-אַרבייטער. און איהם פערגלוסט זיך צו-געהן צום שאַרף-שטיין און איהם אויסשאַרפען... וואָס, ער קאָן ניט?... אַ מְצִיאָה!... מיט איין האַנד דרעהט מען און מיט דער צווייטער שאַרפט מען...

— אויף וואָס האָסטו זיך דאָרטען פערטראַכט?—דערהערט ער ווידער דעם בעל-הבית'ס קול.

ער דערשרעקט זיך, הויבט אָן גיך צו אַרבייטען און פערגעסט שוין גאָר צו טראַכטען, צי איז שאַרף דער הובעל אָדער ניט. ער פיהלט דעם בעל-הבית'ס אויגען אויף דער פּלייצע, וויל ער, אַז יע-נער זאָל זיין צופריעדען מיט איהם.

— ער האָט זיך שוין צעיאָגט, דער מַמְזֵר! שרייט מאיר פער-דראָסיג אויס.

II. יאָסעלע שפּיעלט זיך מיט'ן קינד.

ווען ער לעגט אַוועק די אַרבייט, שפּיעלט ער זיך מיט'ן בעל-הבית'ס דריי-יאָהריגען יונגעל; חוץ וואָס מען צווינגט דאָס איהם צו טהאָן, האָט ער דערצו שטאַרק אַליין חשק. דאָ האָט ער די מעג-ליכקייט צו שפּיעלען: ער הויקעט ווי אַהינדטעל, מיאַאוקעט ווי אַקאַץ, מעקעט ווי אַקעלבעלע, מורוקעט ווי אַקוה און ווי אַהוהן, אַז זי וויל זיך לעגען. און ווען דעם קינד ווערט דאָס צוגעגעסען, שפּרינגט ער אַרויס און הויבט אָן טאַנצען אויף אַלע פיער, פער-שפּרינגט ערגיץ און בעהאַלט זיך און לאָזט פון דאָרטען אַרויס משונה'דיגע קולות. דאָס קינד זוכט איהם, און מיט אַמאָל שפּרינגט ער אַרויס, דאָס קינד לאָזט אַרויס אַגעשריי פון שרעק מיט פרייד

צוזאַמען. ער האַפּט דאָס קינד אויף די הענד, זעצט דאָס בײַ זיך אַנידער אויף די קניע, און דאָ הויבט זיך בײַ אידם אָן אַ נייס: „זאָג, ווי אַזוי הייסט דער טאַטע?"—און איידער נאָך דאָס קינד ענטפערט איהם, פערהאַפּט ער אויף פריהער: „זאָג—מאיר!" ער האָט זעהר ליעב צו זאָגען דעם בעל־הבית׳ס נאָמען: דער נאָמען איז בײַ איהם ווי אַ מין הייליגקייט, דערפאַר וואָס ער רופט איהם קיינמאָל בײַ׳ם נאָמען ניט, נאָר „בעל־הבית".

— און ווי אַזוי הייסט די מאַמע? — פרעגט ער ווייטער.

— די מאַמע? — פרעגט דאָס קינד פערקלעהרט.

דאָ האַפּט ער זיך שוין ניט אַזוי גיך און לאָזט אַביסעל דאָס קינד קלעהרען: האָטש די בעל־הבית׳טע רופט ער אויך קיינמאָל בײַ׳ם נאָמען ניט, זי שטעהט אָבער בײַ איהם אַ סך נידעריגער פון׳ם בעל־הבית.

— זאָג — רחל! דער טאַטע—מאיר, די מאַמע—רחל, דער טאַ־טע—מאיר...

אָט אַזוי קאָן ער אָבזיצען אַ שטיק צייט, ביז דאָס קינד ווערט מיד איהם נאָכצוזאָגען. דאַן ווערט אויף עטליכע מינוט שטיל; ביידע, יאָסעל מיט׳ן קינד, פערטראַכטען זיך טרויעריג. דאָס קינד הויבט אָן ציהען אין שטוב אַריין, יאָסעלען גיט אַ קלאַפּ דאָס האַרץ: ער האָט מורא בלייבען אַליין אין דעם האַלב־פינסטערען וואַרשטאַט. אַז ער בלייבט אַליין—טראַכט זיך בײַ איהם, און תמיד קומט איהם אין די געדאַנקען זיין געשטאָרבענע מוטער...

— יענקעלע, ווילסט, איך וועל דיר מאַכען אַ פערדעלע?

— אַ פערדעלע?

— יאָ, אַ פערדעלע, איך מאַכען אַ שען פערדעלע!

— נו, מאַך שוין,—זאָגט דאָס קינד טרויעריג און נעהמט דאָך ניט אַראָב די אויגעלעך פון דער טהיר, וואָס פיהרט אין שטוב אַריין.

— איך מאַכען אַ שען פערדעלע,—שרייט אויס יאָסקע נאָך אַ מאָל און הויבט אָן זוכען אַ ברעטעל: אַ שענס, ס׳וועט האָבען אַ ווי־דעלע.

— פיסעלעך?

— פיסעלעך אויך. וואָס דען?

ער האַפּט אַ שטיקעל ברעטעל און הויבט אָן שניצען. דאָס קינד קוקט איהם אין די הענד אַריין.

— אַ שען פערדעלע וועט יענקעלע האָבען.

— מיר מאַכען אַ קיהעלע אויך?

— וואָס דען?! וואָס דען?!... אַודאי... יענקעלע איז אַ שען יונגעלע, איך האָב איהם ליעב!...

אַ פּאָר מינוט איז שטיל.

— אַך, ווען יענקעלע האָבען אַ פערדעלע!

— נו גיב מיר שוין פערדעלע!

— אַ דו. אַזוי גיך?

דאָס קינד הויבט אָן מאַכען פּיסקעס און לאָזט זיך אין שטוב.

— יענקעלע, וואוהין־זשע געהסטו?

דאָס קינד ענטפערט נישט און קייקעלט זיך אַריין אין שטוב, פאַלענדיג איבער שטיקלעך האָלץ.

— איך האָב דיך שוין פיינד,—בורטשעט אין זיך יאָסעל, איהם בייז נאָכקוקענדיג: אַ פייג האָסטו ביי מיר, ניט קיין פערדעלע—אויס!...

III. יאָסעלע אַליין אין וואַרשטאַט.

שבת געהט יאָסעל אַוועק נאָך וואַרמעס און קומט, ווען מען האָט שוין אָנגעצונדען פייער. אין וואַרשטאַט איז פינסטער (שבת צו־נאַכט צינדט מען קיינמאָל קיין פייער ניט אָן). דעמאָלט איז איהם שטאַרק אומעטיג אויפ'ן האַרצען, און ווען ער האָלט ניט וויי־נען פאַר קיין מיאוס'ע זאַך, וואָלט ער תמיד שבת צו־נאַכט געוויינט, אַזוי איז איהם אויפ'ן הערצעל שווער... און דערצו נאָך דאַרף ער זיך געפינען איינער אַליין אין דער פינסטער. ער קוקט אין דער פינסטערניש, און די פינסטערניש אין איהם, און די שוואַרצע וואַר־שטאַטען שטעהען ווי פערזונקען אין שווערע געדאַנקען, און ערגיץ דאָרטען פון אַן'עק וואַרשטאַט הערט זיך אַ גוואַלד פון אַ פליעג: זי בלייבט שטיל און הויבט אָן ווידער שרייען. יאָסעל ווייסט דוקא, אַז דאָס שרייט אַ פליעג: אַ שפּין האָט זי מסתמא געפּאַקט ערגיץ און דערצעהלט איהר איצט די מעשה. ער האָט דאָס אַפילו אַמאָל ליעב צו טהאָן—חאַפּען אַ פליעג און אַריינוואַרפען זי אין שפּינוועבס און זיך אַוועקשטעלען קוקען ווי די שפּין מאָטעט איהר אַרום די פיסלעך און די פליגעלעך און זי שרייט—גאָט זאָל אָבהיטען. איצט איז איהם דאָס געשריי פון דער פליעג אַזוי שרעקליך, אַז ער צי־טערט אַזש. ווען ער האָט ערגיץ צו געהן, וואָלט ער פון דאַנען אַוועקגעגאַנגען; נאָר ער קלעהרט ניט וועגען דעם, וואוהין ווען ער געהן. ער ווייסט, אַז ער איז אַן'עלענדער... שקראָבעט ער זיך שוין צו צום פענסטער און קוקט אין דרויסען אַרוים, איז אָבער איצט

אין דרויסען אַזוי פינסטער, אַז עס פאַלט אָן אַ פּחד. אַט גיט אַ בליק, און די גאַנצע פינסטערקייט גיט זיך עפּעס אַזוי ווי אַ טרייסעל הין און צוריק און בלייבט צוריק ליגען ווי אַ גרויסע שוואַרצע שטיק קוישעל. קיין הייזער זעהט מען ניט, נאַר פענסטער. און ס׳דאַכט זיך, אַז די פענסטער זענען איינגעמויערט אין דער פינסטערניש און האַל־טען זיך אין איהר. און אַט האָט זיך אַ ווינד אויפגעהויבען — אַ סווישטשעריי אין פענסטער, אַ קלאַפּעריי פון לאָדענס. איין פענ־סטער נאָכ׳ן צווייטען ווערען פערשוואונדען, ווי דער ווינד וואָלט געריסען שטיקער פינסטערניש און אין די פענסטער אַריינגעוואָרפען.

— יאָסעל! פערמאַך די לאָדען! הערט זיך פון ערגיץ דעם בעל־הבית׳ס קול.

IV. יאָסעל שטעהט אויף פאַר טאָג. דער טעות. יאָסעל׳ס פּסק.

יאָסעל איז אַנ׳עלענדער. זיין נְשָׁמָה דאַרשט נאָך אַ ווייך וואָרט. ער איז אַזוי גליקליך, הען דער בעל־הבית וואַרפט אויף איהם אַ פריינדליכען קוק, ווען ער זאָגט איהם: „מאָלאָדיעץ“. דעמאָלט ווערט יאָסלען וואַרעמער און ליכטיגער אויף דער נשמה.

כְּדֵי צו פערדיענען דעם בעל־הבית׳ס אַ גוט וואָרט, האָט ער איינמאָל בעשלאָסען אויפצושטעהן גאַנץ פריה — פריהער נאָך ווי דער בעל־הבית אַליין, און זיך נעהמען צו דער אַרבייט.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ קוק צום פענסטער געוואָר־פען... פינסטער... דערפרעהט ער זיך שטאַרק. ער טהוט זיך אויף גיך אָן און לאָזט זיך געהן אין קיך נאָכ׳ן לעמפּעל, מיט אויסגע־שטרעקטע הענד פון פאָרענט. אַט טאַפּט ער עפּיס אָן... וואָס איז דאָס? די שאַפע... ער געהט ווייטער... אַט טאַפּט ער אָן עפּיס שטעכעדיגס... אַ זעג... און דאָס?... עס פאַלט עפּיס, עס הערט זיך נאָך אַ שטאַרקערער קלאַפּ, און פּלוצים, ווי פון דער נאַכט אַרויס, דערהערט ער אַ בייז קול: „וואָס טהוסטו דאָרט!?“

ער בלייבט פערגליווערט, ענטפערט אין אַ מינוט אַרום: „איך... איך...“

— וואָס „איך“, „איך“? הונד׳ס קאָפּ דו! וואָס דרעהסטו זיך אַרום!!?

— איך האָב געוואָלט... איך וויל!..

— אין דער ערד מיט׳ן קאָפּ! פאַר וואָס שלאָפסטו ניט?!

ער וויל זאָגען, אַז ער איז אויפגעשטאַנען צו דער אַרבייט. נאָר

עפּיס שעמט ער זיך... ער שטעהט, האָט שוין מורא אַטריט צו טהאָן... דער קאָפּ זיינער איז אויסגעדרעהט אַהין פון וואַנען דאָס קול געהט. ער וואַרט, דער בעל־הבית זאָל איהם ווידער פרעגען: איצט וואָלט ער שוין געזאָגט, אַז ער איז אויפגעשטאַנען צו דער אַרבייט, ער הערט שוין אָבער גאָר ניט, און די שטילקייט ווערט נאָך געדיכטער און דריקענדער ווי פריהער, און דאָס האַרץ זיינס ווערט אויך בעדריקט, ווי פאַר וויינען... ער דערפיהלט זיך אַזוי' עלענד... דאָס האַרץ קלאַפּט... ער האָט מורא... די שאַפע אָהן טהירלעך איז אָנגעשטאָפּט מיט נאַכט אינווייניג... די קאַמער... אַגרויסער לאָך, ווי אַמויל פון דער נאַכט... און דאָרטען וואָס איז?... אַזוי ווי אַקאָפּ... עפּיס שעלעשטשעט הינטער איהם... עמיצער סאַפּעט... אין דער פּלייצע קיצעלט... אַרום האַלז אויך — פונקט ווי עמיצער וואָלט איהם מיט אַקאַלט בענדעלע אַרומגעהמען... די האָהר אויפ׳ן קאָפּ קיצלען... ער גיט זיך אַטרייסעל, עס הויבט איהם אָן שווינדלען פאַר די אויגען... עפּעס איז דורכגעלאָפען... אָט איז דאָס... עמיצער זיצט... אַפּאָר לאַנגע פיס... הענד... אַקאָפּ... אַפּאָר גרויסע אויגען...

ער וויל אַגעשריי טהאָן און פעה־האַפּט זיך. ער מאַכט זיך האַרץ און לאָזט זיך ווייטער געהן.

— וואָס פאַר אַרוחות טראָגען איהם דאָרטען אַרום?!!

— געה נאָר, טהו אַקוק,—הערט ער דער בעל־הבית׳טעס קול.

עס עפענט זיך איין טהיר, די צווייטע, און אָט בעוויזט זיך אין דער פינסטערניש עפּעס אַווייסע שטיק...

— ווער איז דאָרט?

יאָסעל האָט מורא צו ענטפערן.

— יאָסעל!?

— איך,—רעדט ער קוים אַרויס.

— וואו ביסטו דאָרט ערגיץ?

— אָט בין איך,—ענטפערט ער שטיל.

— וואָס טהוסטו דאָרט?

חאָטש ער האָט שוין איצט אָנגעוואָרען אינגאַנצען דעם חשק צו דער אַרבייט, דאָך ענטפערט ער:

— איך בין אויפגעשטאַנען צו דער אַרבייט.

— וואָס, צו דער אַרבייט?! — האָט מאיר אויסגעשריען: צו דער אַרבייט איצט?... דו מַמְזֵר דו! דריי אַזייגער צו דער אַרבייט? דו גַנָב דו! אַהערצו געה!!

— וואָס, צו דער אַרבייט איז ער אויפגעשטאַנען? פרעגט די בעל־הבית'טע פערוואונדערט.

— אַזאַ גנב! צו דער אַרבייט, זאָגט ער, איז ער אויפגעשטאַנען. אַזאַ מין הונד'ס קאָפּ! וואָס זאָגסטו, ער וויל פערדרעהען... אַהערצו גערה!

— דער הובעל וואָס פעלט, — רעדט ווידער די בעל־הבית'טע פון שלאָף־צימער אַרויס: — מוז אויך זיין זיין אַרבייט.

— צו ער איז אַ גנב? נו, נו! איך ווייס שוין פון לאַנג! אַ... אַזאַ מין... נו, גערה האַלט אַזעלכעס אין שטוב, לאָז אַזעלכעס איבער אין אַ ווערקשטוב. ער קאָן אַרויסטראָגען וואָס ס'איז דאָ; מען דאַרף אַ סך? ער לעגט אַריין אַ שטיקעל געצייג אין קעשענע און טראָגט דאָס אַרויס... מ'דאַרף זיך אומקוקען. כ'ווייס? — אפשר פעהלט שוין עפּיס... ער שטעהט נאָך, דער ממזר, ער וואַרט, איך זאָל צו איהם צוגעהן. וואָס שטעהסטו דאָרט? אַ הערצו גערה!

— לאָז איהם דאָרט אָב, וועסט איהם אינדערפריה אויך טרעפען!

— אַהערצו גערה!

— ער וועט איבער נאַכט ניט אַנטלויפען!

— ניין, אַז ער איז אַן עַקְשָׁן — בין איך נאָך אַ גרעסערער!

אַ פּאָר מינוט שטיל. עס הערט זיך נור יאָסעל'ס איינגעהאַלטען געוויין.

— מאיר, פאָלג מיך, גערה שלאָפען!

ווידער שטיל.

מאיר בערעכענט ענדליך, אַז ביי־נאַכט איז טאַקי ניט כדאַי צו מאַכען געשעפטען, און לאָזט זיך מיט כּעַס צוריק אין שלאָף־צימער, וואַרפט זיך אַריין אין בעט מיט דעם געדאַנק, אַז מאָרגען וועט ער זיך שוין מיט איהם אָברעכענען...

יאָסעל איז געבליבען זיצען ביי'ם קאַמאַד און געוואַרט אויף זיין פּסק־דין...

מענדעלע מוכר ספרים.

דער וואלד.

אַ וואַלד. בוימער־סאָסנעס געוויקסיגע ציהען זיך ווי אַ סטרונקע גלייך, הויך אין הימעל אַריין, אונטען גלאַט־נאַקעט און אויף די קעפּ גרינע היטלען־קאַפּעלושען אַ־ים, צווישען וועלכע עס ברעכען זיך

דורך שטראַהלען ליכטיגע פון דער זון און בעלעגען דאָס רייגע סאַמעטענע גראָז זיי בײַ די פיס מיט העלע פאַסען גינגאָלדענע. פאַר דעם וואַלד שטעהען קליינע־געדיכטע וועלדלעך, פון נידעריגע, יונג־פרישע זאַפטיגע בוימלעך כּל־המינים, צעוואָרפען דאָ, דאָרט, אויף אַהיבשען, פרייען מיט גרעזעלעך און שמעקענדיגע קרייטעכ־צער בעוואַקסענעם פלאַץ. פאָרענט־צו ציהען זיך פון איהם, פונ׳ם פלאַץ, אַוועק פעלדער תּבואה העט לאַנג, נישט צו פערנעהמען מיט׳ן אויג, און איהם בײַ דער זייט לאָזט זיך די גאַנצע געגענד אַלץ נידעריגער־נידעריגער אַראָב אין אַטהאָל, וואו עס שפּרודעלט, ריזעלט אַ ריין־קלאָר וואַסערעל לעבעדיג־שפּילענדיג ווי אַ קינד, דאָס בעהאַל־טענדיג זיך ערגיץ צווישען געדיכט פערצווייגטע ווערבעס דאָרט, דאָס אַווייז־געבענדיג זיך ווידער לופענדיג־שפּרינגענדיג באַרג־אַראָב פון שטיינדלעך אויף שטיינדלעך, האַלטענדיג אין איין מאַכען בול־בול־בול! אַמאָל קומט אָן עפּיס אַפויגעל, שטעלט זיך אויף אַ צווייגעל, טהוט באַלד טאַקי אַבוק מיט׳ן קעפּעל, אַ טרייסעל מיט׳ן ווײַדעלע, אַמאַך מיט די פליגעלעך און—זיי געזונד! אַוועק, אַוועק... אָדער אויף יענער זייט טהאָל אַנטקעגען לאָזט זיך אַמאָל אַראָב אַבושעל, טהוט זיך אַשטעל אויף די לאַנגע, רויטע פיס, אויסשטרע־קענדיג אין דער הויך דעם לאַנגען זילבער־ווייסען האַלז מיט דעם רויטען פּיסק, שטעהט אַזוי אַ ווײַלע קיין ריהר זיך נישט צו טהאָן. פּלוצלונג קליפּ־קלאַפּ, קלאַפּ־קליפּ מיט דעם שנאָבעל און—מאַרש, מאַרש איבער דעם זומפּ. צייטענווייז פערטראָגט זיך אַ ווידער־קול ערגיץ אין דעם וואַלד, אַ געקלאַפּערײַ פון פּוהרלעך אויף דעם וועג דאָרט.

ה. ד. נאָמבערג.

מען וועקט.

דער קליינער ווײַזער פון שטאָדט־זייגער רוקט זיך אָב פון דער 4 און געהט נעהנטער צו דער 5. פון די טרעפּ פון אַגעוועלב הויבט זיך אויף דער מאַרק־וועכטער, געניצט אָב מיט אַ ברייט אָפען מויל און געהט אַהיים שלאָפען. די רוהיגע לופט צערודערט אַ שרײַענדי־גער „קוקעריקו“.

עס דאַכט זיך: די נאַכט האָט איינגאַנצען אַ ציטער געגעבען; זי שרעקט זיך פאַר איהר סוף.

— קלומ... קלומ...—עס האָט 5 געשלאָגען.

און אין דער זעלבער סעקונדע דערהערט זיך אַ לאַנג אויסגעצויגען פייפען פון דער פאַבריק. דאָס פייפען ציהט זיך דורך דער לופט, בעוועגט זי אין דער לענג און אין דער ברייט, דרינגט אַריין דורך די פענסטער אין די שטיבער און וועקט:

— פסססס... שטעהט אויף, מענשען! שטעהט אויף צו דער אַרבייט!

אין עטליכע סעקונדען אַרום הויבט זיך דאָס יונגוואַרג אָן צו הויבען אויף די בעטען, דרעהען זיך נאָך עטליכע מאָל איבער פון איין זייט אויף דער אַנדערע, גענעצען און שטעהען אויף.

אַ יונגע מוטער, וואָס האָט ערשט די אויגען געעפענט, האַפּט איהר קינד אָנזויגען, שטופּט מיט געוואַלד דעם קינד די ברוסט אין מויל אַריין: דאָס קינד ברויך דאָס זויגען גענוג צו האָבען ביז 12. ווען זי קומט אַהיים אויף מיטאָג. דאָס יונגוואַרג וואַשט זיך אַיילענדיג, לעגט אין די טאַשען דאָס ברויט, וואָס ליעגט אָנגעגרייט אויף די טישען פון נעכטען.

די לופט אינדרויסען איז ווידער שטיל; נאָר דער קירכען־גלאָק הויבט זי יעצט אָן צו בעוועגען.

גלייך און געלאַסען קלינגט ער: באַלד רופט זיך אָן אַ צווייטער, וואָס קלינגט נידריגער פאַר'ן ערשטען, נאָר גיכער, און די שטימען פעראייניגען זיך אין אַ טרויעריגען חאָר.

און דאָס קלינגען טראָגט זיך אין דער לופט, גנב'עט זיך דורך די פענסטער אין די שטיבער אַריין און וועקט:

— קלום־קלום־קלום... קלום־קלום־קלום... שטעהט אויף, שטעהט אויף, מענשען, גאָט צו דיענען!

עס רודערט זיך אויף די אויוענס, די אַלטע קראַצען זיך, גענעצען און שטעהען אויף.

אויף דער גאַס הויבט זיך אָן צו רירהען, עס דערזעהען זיך מענשליכע פיגורען: אַלטע און יונגע, מענער און ווייבער אַיילען אין צוויי זייטען: די יונגע אין דער פאַבריק, און די אַלטע אין דער קירכע.

עס עפענען זיך די יודישע געוועלבער, דער שמש שלאָגט מיט'ן האַמער און וועקט דעם עולם דאַווענען. יודען מיט טַלית און תְּפִילִין אונטער'ן אָרעם אַיילען אין בֵּית־הַמִּדְרָשׁ אַריין.

נאָך אין אַ צייט אַרום האָט דער שטאָדט־זייגער אויסגעקלונגען 7 און האָט פערצעהלט, אַז באַלד וועט די זון זיך בעווייזען.

און פון אונטער די נידעריגע הייזער איז אַרויס די זון, רויט

און פריש, און האָט צעשיקט אין אַלע זייטען ליכטיגע, דערקוויקענ־דיגע שטראַהלען, און די שטראַהלען האָבען דורכגעוועבט מיט מאָר־גען־ליכט די לופט, און דורך די שויבען אין די שטיבער אַריינגע־שלאָגען און געוועקט:

— שטעהט אויף, מענשען, שטעהט אויף צו דינען זיך זעלבסט! הייליג איז דער מענש!

נאָר די שטראַהלען האָבען שוין קיינעם אין בעט נישט געטראָ־פען: מענשען דיענען שוין לאַנג—ווער ביי לייטען, ווער ביי גאָט.

די זון האָט אַ בייזען בליק געוואָרפען אויף דער ערד און זיך בעהאַלטען אונטער אַ שווערען וואָלקען...

ש. אַש.

די שׂרֵפָה אין שטעדטעל.

עס האָט זיך פּלוצלונג קלינגען געהערט.

און דאָס קלינגען האָט מיט אֵימָה פון גאַנץ ווייט אָבגעקלונגען, ווי אַ מאַמע וואָלט זיך אין דער פינסטערער נאַכט געקלאָגט: גע־וואַלד, מען האָט מיר שלעכטס געטהון! געוואַלד, מען האָט מיר שלעכטס געטהון!

דער הימעל צום שטעדטעל איז מיט אַמאָל ליכטיג געוואָרען, ווי אַ רויט־ברענענדיגע, ליכטיגע חמאָרע פון אַ ליכטיגען ים איז גע־קומען צו ציהען פון אַ פרעמדער וועלט און האָט זיך פערבלאָנדזעט אינ'ם פינסטערן נאַכט־ים אַריין, און האָט אַ האַלבען הימעל בעלויכ־טען. צי האָט נישט אַ מעכטיגע האַנד אַ שטיק נאַכט פון דער הויך אַראָבגעוואָרפען, און דער וועלט דעם אָפענעם הימעל געוויזען? צי האָט זיך אפשר דאָך די זון איין מאָל אין לעבען טועה געוועזן, און אָנשטאָט אין אַ פרעמדער לאַנד צו געהן, איז זי פאַר דער צייט צוריק געקומען? און אונטען אויף דר'ערד פלאַקערט זיך, איין וואָלקען פייער קוילערט זיך אין צווייטען אַריין און זיי פלאַמען זיך איינאיי־נעם און שטייגען אין הימעל אַריין, און צינדען אַ שטיק הימעל אונ־טער. ערד, לופט און הימעל קושען זיך צוזאַמען אין איין פלאַם פייער. עס האָט פון דער וועלט דעם נאַכט־שלייער אַראָבגעריסען און צוריק טאָג געמאַכט... פון דערווייטען הערען זיך וויינענדיגע קולות, און דער שטאָדט־גלאָק קלינגט און קלינגט מיט אַ געוואַלד, ווי אַ מאַמע וואָלט זיך געקלאָגט: געוואַלד, איהר האָט מיר שלעכטס געטהון! געוואַלד, איהר האָט מיר שלעכטס געטהון!

האַלב־נאַקעטע ווייבער, נאַקעטע קינדער, האַפּענדיג דאָס ביסעל אָרעמקייט, פּעק בעטגעוואַנד, ווער אַ קישען, ווער אַן־עמער מיט שטוב־זאַכען, מיט אֵימָה'דיגע געוואַלדען, מיט פאַנאַנדערגעלאָזענע האָהר, לויפען פון פייער, גאַס אויס, גאַס איין. קליינע קינדער, האַלטענדיג זיך אָן די מאַמעס שירצען, גרעסערע העלפענדיג דער מאַמען די פעקלעך טראָגען, לויפען אין דער שוואַרצער וועלט אַריין, מיט געוואַלדען, מיט געוויין. און דאָס פייער לויפט זיי נאָך, אַרויסשטעקענדיג נאָך זיי זיינע צונגען. מאַמעס טראָגען וויגענדיגע קינדער אין די קישענס, ברידער — קליינע שוועסטערלעך, שוועסטער — קליינע ברידערלעך. מען לויפט מיט זיי אין פרעמדע שטיבער, זיי אַוועקצולעגען אין פרעמדע בעטען, צו פרעמדע קינדער. דאָס פייער יאָגט די מענשען פון די הייזער, טרייבט זיי אַרום ווי ווילדע רוחות און טראָגט זיך פון דאַך צו דאַך. דאָס פייער איז ווי אַן־אונגעהויערע ווילדע חַיָה מיט ברייטע, ווייטע ברענענדיגע לאַפּעס, איז געקומען צולויפען פון וויסטע מִדְבָּרִיּוֹת און האָט זיך איבער'ן שטעדטעל געלעגט, צו פערניכטען אַלץ, אַלץ... יודען, גויים שלעפּען עמערלעך וואַסער, געהען מיט אַ געוואַלד און גיסען דאָס וואַסער אין פייער אַריין; דאָס פייער טרינקט עס אויס מיט אַ לעבערדיגען קנאַק און טהוט זיך ווייטער דאָס זייניגע. טייל מענשען, נישט וויסענדיג וואָס צו טהאָן, האַפּען פענסטער, טהירען און לויפען דערמיט אין דער וועלט אַריין. ווילדע מאַמעס לויפען אין פייער מיט צעוואָרפענע האָהר, פערוואָרפענע קליידער; זיי לויפען און שרייען: „מיינע קינדער! מיינע קינדער!" ווילדע, פערלאָזטע, נאַקעטע קינדער לויפען איבער דער גאַס, שלעפּענדיג פעקלעך, און שרייען: „מאַמע! מאַמע!" און די אַלע קולות ווערען פערטרונקען אינאיינעם אינ'ם קנאַק פונ'ם פייער, און דאָס פייער שיקט זיינע צונגען פון דאַך צו דאַך און לאָזט איבער נאָך זיך איין חוּרְבָּה נאָך דער אַנדערער. אין די חורבות בלייבען שטעהן הויכע, שוואַרצע קוימענס, עֵדוּת אויף דעם אומגליק, וואָס דאָס פייער האָט אָנגעמאַכט. טייל בעלי־בתים, האַפּענדיג ווער אַ האַק, ווער אַ לאָפּעטע, האַקען די ווענד, רייסען די דעכער פון זייערע אייגענע הייזער. זיי האַקען אָהן רחמנות, ווי עס וואָלט אין זיי אַריינגעקומען אַ ווילדער גייסט צו מאַכען אַ תֵּל פון אַלץ, אַלץ חרוב צו מאַכען.

איינער ברעכט מיט בלויזע הענד די שויבען און לויפט דערנאָך מיט צעבלוטיגטע הענד איבער דער גאַס. דאָס פייער אָבער ווערט נישט שטילער. די בייזע, פייערדיגע לאַפּעס ציהט עס פון

דאַך צו דאַך, און מיט אַ בייזען קנאַק, ווי ס'וואָלט געוואָלט פערשטו־
מען דאָס געוויין פון די קינדער, פון די מאַמעס, פונ'ם עולם, ברעכט
עס איין שטוב נאָך דער אַנדערער. די אַלע קולות נעהמען זיך צו־
נויף צוזאַמען און הויבען זיך אויף ביז'ן הימעל אַריין... און דער
שטאָרט־גלאָק האָט אַלץ נאָכאַנאַנד געקלונגען און געקלונגען, ווי ער
וואָלט געוואָלט בייִ'ם פייער רחמנות דערוועקען, וואַרפען זיך צו
זיינע פיס אָדער קלאָגען זיך פאַר דער געהיימער קראַפט אויף דעם
חורבן, וואָס דאָס פייער האָט אָנגעמאַכט.

באַלד איז געוואָרען אַ געשריי: די שוהל ברענט, די שוהל.

ש. גאָרעליק.

אָלול.

איך האָב ליעב מעהר פון אַלע חֳדָשִים אָט דעם חודש אֶלוּל,
איך האָב זיי ליעב, אָט די איינפאַכע, דוכט זיך, וואָכעדיגע טעג
מעהר, איידער די יום־טובים; אין די אלול־טעג איז דאָ אַזוי פיעל
שענעס, אַזאַ שטילקייט אַרום, אַזאַ צוגרייטען זיך צו עפּיס וויכטי־
געס, ערנסטעס, וואָס דאַרף אָט, אָט קומען,— עפּיס, וואָס איז שוין
אַזוי נאָהנט, וואָס וואַרט.

אין מיינע געדאַנקען קעהר איך זיך אום צו די קינדהייטס־
יאָהרען, ווען דאָס ערשטע אָטעמען פון הערבסט האָב איך געהערט
אין די אלול־טעג.

...עפּיס מאָדנע איז דאַן, גאָר ניט ווי אַלע מאָל. די קראָמען
זענען ווי פריהער, דוכט זיך, אָפען, יודען געהען צום מאַרק, פאָה־
רען אויף יָרידען, האַנדלען און וואַנדלען, נאָר ווען איהר וועט זיך
גוט צוקוקען, וועט איהר דערפיהלען, אַז די טריט זענען לאַנגזאַמער,
די שטים איז געלאַסענער, אַזוי ווי מען וואָלט מורא האָבען עמיצען
צו בעליידיגען, און דער „עמיצער“ איז אַזאַ, וואָס מען זעהט איהם
ניט, נאָר מען פיהלט איהם: עס שוועבט אַרום צווישען די יודישע
הייזער דאָרט אין די אַלטע יודישע שטעדטלעך אַ גייסט אַזאַ, וואָס
מאַכט זיי ערנסטער, שטילער, לאַנגזאַמער אין די פערטראַכטע
אלול־טעג.

עס הענגט אין יענע טעג, ווי אַ וואָלקענדעל, אַזאַ לייכטע זאָרג,
אָבער פאָרט אַ זאָרג, עס הערען זיך אָפט זיפצען, און דער יוד זאָגט
אַזוי ווי צו זיך: שוין אלול, שוין באַלד, חֲצִי־אֱלוּל...

מיין קליינינקער, יונגער מוֹחַ האָט נאָך דאַן ניט פערשטאַנען,

וואָס דאָס איז. נאָר איך ווער אונרוהיג, און די אונרוהיגקייט ווערט גרעסער, ווען פון דערבייעדיגען געסעל, וואו דער מִנְיָן איז, דערהערט זיך דאָס קול פון׳ם שופָר.

דער פאָטער קומט פון שוהל, דאָס מאָל געדויערט ביי איהם לענגער צונויפלעגען דעם טַלִית, ער געהט אַרום איבער׳ן גרויסען, אַלטען זאַל, ברומט שטיל אַ חסיד׳ישען ניגון און, צוגעהענדיג צום פענסטער, נעהמט ער פאַנאַנדער די גאַרדינען, גיט אַ זיפץ, און איך הער, ווי ער זאָגט:

— אָה׳אָ! שוין אלול, שוין באַלד חצי־אלול...

דערנאָך קומט אָן די צייט פון סְליחות, און די פֶּנִים׳ער ווערען נאָך מעהר פער׳חלומ׳ט, פערטרויערט. איך שטעה־אויף פאַרטאָג, דער זיידע פיהרט מיך פאַר׳ן האַנד איבער די פינסטערע דאָרף־גאַסען; די לופט איז קאַלט און פייכט, ערגיץ־וואו סקריפּען רעדער, עס עפענט זיך אַ טהיר פון וואַנען, און ס׳געהט אַרוים אַ פערשלאָפענער פויער מיט אַן׳עמער; איבער דעם וועג, וואָס פיהרט צום מאַרק, ציהט זיך אַ גאַנצע רייהע פוהרען. דער זיידע געהט שטיל, פערזונקען אין אַן׳אַנדער וועלט; ער צעהוסט זיך מיט אַמאָל און דאַן לאָזט ער אָב מיין האַנד, שפּאַרט זיך אָן אָן דערבייאיגען פּאַרקען. איך שטעה, ציטער פון קעלט, נאָר מיר איז גוט, איך בין אַזוי דאַנקבאַר דעם זיידען, וואָס ער האָט מיך אויפגעוועקט און גענומען צו סליחות.

און אין דעם ברייטען צימער מיט אַ ערדענעם ברוק, וואו עס געפינט זיך דער מנין, ברענען שוין ליכט און דורך די קליינע צוויי פענסטער זעה איך אַ עֵדָה יודען אין וואָכעדיגע קליידער, נאָר מיט יום־טוב׳דיגע נשמות. אין שטילען טרויער שיקען זיי די תפילות צו גאָט, און מיר דוכט, אַז דער אַלטער יודישער גאָט האָט ליעב אָט די פאַרטאָגיגע תפילות, מעהר ליעב, איידער די תפילות פון ראש הַשָנָה, יום כִּפּוּר, ווען יודען שרייען אַזוי, ניט אָבלאָזענדיג, ביז ער וועט ניט מְכַפֵּר זיין, ווען יודען זענען פעסט איבערצייגט, אַז די זינד וועלען פערגעבען ווערען.

אין די פאַרטאָגעדיגע סליחות איז ניטאָ קיין געשריי, נאָר אַ שטיל, ווייך געבעט, אַ עלעגיע: „העלף אונז, גאָט, פערלאָז אונז ניט, גאָט".

און נאָך דעם דאַווענען וועט מען זיך ווידער פאַנאַנדערגעהן איבער די קראָמען, איבער׳ן מאַרק. נאָר אַנדערש וועלען אַלע אויסזעהען און איין קרעמער וועט זאָגען דעם צווייטען:

— אַזוי איז דאָס, אלול, שוין, ברוך־השם, סוף אלול.

און עס פֿאַנגט זיך אָן דער הערבסט מיט זיין אומעט, מיט זיין פּאָעזיע, מיט די גאָלדענע בלעטער, מיט די פֿערוואָלקענטע הימלען און לאַנגע אָבענדען.

מ ש ה   ט י י ט ש.

אַ בֵּ י ת ע ו ל ָ ם.

בוימער, מַצֵבות... מַצֵבות און בוימער...
און סאַמע ביי׳ם פֿאַרקאַן דאָס הייזעל פֿון שומֵר.

און אויבען אין קעפּ פֿון אַקאַציען גרינע—
דאָרט האָבען די פֿויגעל אַ פֿרייע מְדִינָה.

זיי זעהען פֿון אויבען ניט זעלטען בִּגְנֵבָה—
עס קומט וואָס אַמאָל צו אַ נייע מַצֵבָה.

עס קומען אָפֿט מענשען און זוכען דאָרט וועמען:
די טייערע שאָטענס, די האַרציגע נעמען.

און סאַמע ביי׳ם פֿאַרקאַן הויבט אויך זיך אַ ברעטעל:
עס ליעגט דאָרט בעהאַלטען דער חוטא פֿון שטעדטעל.

ש. אַ ש.

איבער דער גרעניץ.

נאַכט איז געוואָרען, און שטיל איז אַרום. דאָס וואַסער האָט זיך אין אַ טוי־נעבעל איינגעהילט און שלאָפֿט. אויף אַ טראַטווע ער־גיץ ברענט זיך אַ פֿייערעל, אַ ברילִיאַנט איז אין דער פֿינסטערער נאַכט איינגעפֿאַסט, און דאָס פֿינקעלט אַזוי פֿון דער וויטען... די שטאָדט־בעלי־בתים האָבען זיך אין זייערע הייזלעך בעהאַלטען, און יעדער שיצט זיך אונטער זיין דעכעל, וואָס דער עלטער־זיידע האָט איהם איבערגעלאָזט.

נאָר די לבנה קוקט אַראָב אויף דר׳ערד און בלאָנדזשעט אַרום איינע אַליין אויף דער וועלט. אויף דעם שלאָפֿענדיגען וואַסער פֿאַלט אַ קאַלטער שטראַהל און בעלויכט די רוהיגע, שלאָפֿענדע חוואַליעס. אַלץ טוליעט זיך, הילט זיך אונטער די פֿליגלען פֿון דער נאַכט, בעטענדיג אין דער שטיל מיט פֿאָרכט: גאָט, זיי דערבאַרעמדיג איבער אונז!

אונטען אויפ׳ן פעלד איז דאָס וואַסער פערגליווערט אין איין שטיק, ביי׳ם ברעג ליעגט ווער... צו זענען עס מענשען, אָדער טויטע שאָטען פון דער נאַכט?... פנים׳ער קוקען אין דער לבנה אַריין, בע-טענדיג עפּעס.

און שטיל איז אַרום.

פון דער ווייטען הערט זיך, ווי עס רודערט זיך עפּעס אין וואַסער... באַלד בעוועגט זיך אַ שאָטען אין דער לופט, אָט הערט זיך, ווי עס שווימט: לאָקך... לאָקך... דאָס וואַסער קושט אין דער שטיל דעם ברעג... דאָס וואַסער קלאַפּט אויף דעם ברעג... דאָס וואַסער שלאָגט דעם ברעג... עס איז ווער צום ברעג צוגעפאָהרען.

אַ שאָטען איז אויף דעם ברעג אַרויף...

— ש—שאַ, ש-טיל זייט!

עס רודערט זיך אויפ׳ן פעלד. טריט קנייטשען און בויגען ווייך דאָס טהוי-בעדעקטע גראָז.

— יודען!

— וואו זענט איהר? זענט איהר אַלע צוזאַמען?...

— קומט!

— ש... שטיל.

עס רודערט זיך אויפ׳ן פעלד, פייכט גראָז קנייטשט זיך אונ-טער די טריט.

— ליזע, האַלסט אַברהמ׳לען?

מען פליסטערט אין דער שטיל.

— ברוכ׳ל, וואו ביסט דו?

— ביי׳ם טאַטען.

מען געהט.

— יודען, האַלט אייך אָן ביי די הענד, — קאָמאַנדעוועט ווער אין דער שטיל. מען געהט.

— ש-ש-ש-ש-אַ.

— שטיל זייט נאָר.

— שווייגט, האָרכט!...

עס הערט זיך אַ רודערען צווישען צווייגען פון דער ווייטען.

— מען האָרכט, דאַכט זיך?

— יאָ.

— האָרכט נאָר—

— מען געהט.

— מען יאָגט נאָך...

— שטיל וייט—ש־ש־ש־ש...

— לֿעגט אײַך פֿאַמעליך אויף דר'ערד אַנידער.

— בעהאַלט דאָס פּנים אין די גרעזער.

— האַלט אײַן דעם אָטעם.

שטיל איז אַרום.

— די לבנה איז בעוואָלקענט, זיי וועלען אונז נישט זעהען.

— גוט.

— זי וועט אַזוי פֿלינק פֿון די וואָלקען נישט אַרויסקומען.

— גוט.

— אָ, גאַנצע מַחֲנות שוואַרצע וואָלקען ציהען זיך איבער איהר!

— געלויבט צו גאָט.

עס הערט זיך אַ פּישטשען פֿון אַ קינד.

— האַלט דעם קינד דאָס מויל צו, זאָל עס ניט שרייען.

— געדענקט אין גאָט, וואָס טהוט איהר?!

דאָס קינד הערט אויף צו פּישצען.

עס הערען זיך טריט פֿון פֿערד.

— מיר זענען פֿערלוירען!

— האָט קיין מורא.

— ליעגט אויף דר'ערד, רודערט אײַך נאָר ניט.

— בעט גאָט אין האַרץ.

— רִבּוֹ—נֶה—שֶׁ—לֿ עוֹלָם!

ש־ש־טיל.

— מאַמע, וואו ביסט דו?

— דאָ, דאָ!...

— שווייגט!

— מאַמע, איך האָב מורא.

— זיי שטיל, איך בעט דיך.

— מאַמע, פֿערדעק מיך מיט'ן מוך.

— שטיל וועט איהר זיין!...

— מאַמע...

— וואַרפֿט איהם אין וואַסער!...

די טריט פֿון די פֿערד הערען זיך שוין נעהענטער.

— ש־ש־ש־טיל.

די פֿערד האָבען זיך אָבגעשטעלט.

שטיל איז אַרום.

— שעוועליטסאַ? ניעט?*)
שטיל איז, מען האָרכט.
— ניע סלישנאָ**)
עס הערט זיך אַגאַלאָפּ, מען רייט געשווינד.
די טריט פון די פערד הערען זיך שוין פון דער וויטען.
באַלד פערשטומען זיי אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.
— געלויבט הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ!
מען שוויגט.
— וואָס פאַר אַ גוטען גאָט מיר האָבּען!
— הויבּט אייך אויף פאַמעליך...
— האַלט אייך אָן בּיי די הענד.
— קומט, יודען.
עס הערען זיך טריט פון מענשען.
אָט איז די לאָדקע, לעגט אַריין דאָס געפּעק.
דאָס וואַסער קלאַפּט אויף דעם בּרעג.
— וואו איז אַבּרהמ׳על?
— דאָ, דאָ.
— שטייגט איין, פלינקער.
— דאָס לעצטע מאָל זעה איך דיך, מיין לעצטער טריט אויף דיין ערד!...
— וועסט שפּעטער זאָגען קִינות.
— דעם טאַטען מיט דער מאַמען דאָ אין קֶבֶר איבּערגעלאָזט און דו טראָג זיך די בּיינער אַנדערש וואו...
— מאַך דיך נישט צום נאַר.
— היידאַ... פלינקער, קיין צייט נישטאָ.
— פערטיג?
— שטופּ אָב.
— פאַמעליך, אין דער שטיל.
עס רודערט זיך, דאָס וואַסער קלאַפּט אויף דעם בּרעג, עס הערט זיך חוואַליעס יאָגען, מען שיפט זיך: לאָקך... לאָקך... מען פּאַטשט דאָס וואַסער...
די לבנה שווימט רוהיג פון די וואָלקען אַרויס. זי שמייכעלט עס פאַלט אַ קאַלטער שטראַהל אויף די חוואַליעס.

*) עס ריהרט זיך? נייז?
**) מ׳הערט ניט.

אמאָל איז געווען אַ מֶלֶך...

(פאָלקס-ליעד).

אַמאָל איז געווען אַ מַעֲשֶׂה,
די מעשה איז גאָר נים פרעהליך;
די מעשה הויבט זיך אָנ׳עט
מיט אַ יודישען מלך.

ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד!
כ׳האָב אָנגעוואָרען אַזאַ ליעבע,
ווער איז מיר און ווינד!

אַמאָל איז געווען אַ מלך,
דער מלך האָט געהאַט אַ מלכה,
די מלכה האָט געהאַט אַ וויינגאָרטען,—
ליולינקע, מיין קינד!

ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד!
כ׳האָב אָנגעוואָרען אַזאַ ליעבע,
ווער איז מיר און ווינד!

דער וויינגאָרטען האָט געהאַט אַ בוים,
דער בוים האָט געהאַט אַ צווייג,
דער צווייג האָט געהאַט אַ נעסטעלע,—
ליולינקע, מיין קינד!

ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד!
כ׳האָב אָנגעוואָרען אַזאַ ליעבע.
ווער איז מיר און ווינד!

דאָס נעסט האָט געהאַט אַ פייגעלע,
דאָס פייגעלע האָט געהאַט אַ פליגעלע,
דאָס פליגעלע האָט געהאַט אַ פעדערל,—
ליולינקע, מיין קינד!

ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד!

כ'האָב אָנגעוואָרען אַזאַ ליעבע,
וועה איז מיר און ווינד!

דער מלך איז אָבגעשטאָרבען,
די מלכה—געוואָרען פערדאָרבען,
דער צווייג איז אָבגעבראָכען,
דאָס פייגעלע אַנטלאָפען...

ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד!
כ'האָב אָנגעוואָרען אַזאַ ליעבע,
וועה איז מיר און ווינד!

וואו נעהמט מען אַזאַ לייטער
פון טויזענטער מיילען?
וואו נעהמט מען אַזאַ מענשען,
וואָס זאָל קענען די שטערן צעהלען?

ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד!
וואו נעהמט מען אַזאַ דאָקטאָר,
צו היילען מיר מיין וואונד?

ליפמאן=לעווין.

ר' יודא.

ר' יודא האָט ליעב קינדער, און קינדער האָבען איהם ליעב. בְּעִיקָר, לעבט ער נור מיט זיי, צוליעב זיי. די גרויסע שאַצען איהם ניט, ווייל זיי פערשטעהען איהם ניט, אָבער די קינדער מיט זייערע קלאָרע אויגעלעך קוקען אויף איהם גאָר אַנדערש. זיי פיהלען זיין ליעבשאַפט צו זיי.

ר' יודאָ קלויבט ניט אוים צווישען קינדער — אַלע זענען ביי איהם גלייך, אפילו יענע, וועמעס עלטערען ס'זענען איהם רודף און שפּאָטען פון איהם... אין בית=המדרש איז ער אויף זיי מַשְׁגִיחַ, ער איז זייער בעשיצער פון שמש.

ער פערשפּיליעט אַ קנעפּעל און פעררוכט אויפ'ן קינד דעם קראַגען פון דעם אויבער=העמדעל, עס זאָל בעסער ליעגען,—ער האָט הנאָה, קוקענדיג, ווי דער ברייטער מאַטראָזען=קראַגען לאָזט זיך אַראָב אויף די פּלייצעס ביי אַ ווילד=פרעמדען קינד...

ר׳ יודאַ האָט ליעב קינדער—און אֶלול און תּשרי געהערען אינגאַנ=
צען צו איהם מיט די קינדער... ער אַליין איז אַ בעל=תּוקע און קאָן
מאָדנע שענע קונצען מאַכען אין זיינע תּקיעות. נאָכ׳ן דאַוונען געהט
מען אַוועק אין חדר=שני — ר׳ יודאָ און די קינדער אַרום איהם, און
ער לערענט זיי תּקיעות מיט דעם אַלטען שופר, וואָס איז שוין עט=
וואָס אָנגעשפּאָלטען אין אַ זייט. ר׳ יודאַ לערנט זיי, אַז דעם שופר
דאַרף מען צולעגען צום ווינקעל פון רעכטען זייט מויל, די ליפּען
זאָלען זיין צוגעמאַכט, נאָר פון רעכטען ווינקעל מויל זאָלען זיי דעם
אָטעם בלאָזען, מיט צוויי פינגער פון דער לינקער האַנד צודעקען
די ליפּען, מיט דער רעכטער האַנד צוהאַלטען דעם שופר.

— אַוודאי דעם נייען שופר גענומען? — קומט אַריין דער שמש
מיט אַ בייזער.

— דעם אַלטען.—

— איהר מאַכט זיך נאַריש,—ערלויבט זיך דער שמש צו מעיז=
פּנים זיין אַזאַ בעל=הבית, ווי ר׳ יודאַ, — צוזאַמענגענומען אַ חדר=שני
מיט שקצים און גיט זיי זיך שפּיעלען מיט אַ שופר... זיי קוקען אויף
דעם, ווי אויף אַ שפּיעל, און ער אויך מיט זיי—דער אַלטער...

— נאַרעלע,—מאַכט ר׳ יודא געלאַסען,—פאַר וואָס ניט מיט זיי?
ווער ווייס, וואָס פון קינדער קאָן אויסוואַקסען? היינט איז ער
אַ קינד, און מאָרגען—אַ גרויסער! אַז מען זאָל איהם קליינערהייט ניט
לערנען, וועט ער גרויסערהייט ניט קענען... טאָמער וועלען זיי קאַליע
מאַכען אַ נייעם שופר אפילו, איז אויך קיין שאָדען ניט,—דערפאַר
וועלען זיי געדענקען גרויסערהייט, אַז אין בית=המדרש איז דאָ
אַ שופר, מיט מעשיות, מיט זאַכען... זאָלען זיי וויסען.

— מסתמא...—זאָגט אַרום דער שמש מיט צווייפעל, ער נעהמט
די לולקע אין מויל און געהט אַוועק.

די קינדער רייסען ר׳ יודאַ׳ן ביי די פאָלעס. — „גיט מיר איין
מאָל!"—„גיט מיר אַ פּרווו טהאָן!"...

ר׳ יודאַ שמייכעלט און וויל אַלעמען צופריעדענשטעלען. פּלוצ=
לונג הערט זיך אַ קלאַפּ. דער שמש קומט אַריין, די קינדער זענען
בלאַס און דערשראָקען.

— אָט זעהט איהר, — מאַכט דער שמש מיט אַ פאָרוואורף, —
אַלץ זענט איהר שולדיג: שקצים בלייבען שקצים—מען האָט זיך
געשטופּט און געהרג׳עט, ביז מען האָט אַ שויב צעבראָכען... וואָס
זאָל מען איצט טהאָן?—

— אַ גלעזער וועט אַריינשטעלען אַ נייע שויב, — פערענטפערט

ר׳ יודאַ—זיי וועלן אַלע ליידען און געבען צו קאָפּיקעס, און איך גיב אויך אַ קאָפּיקע אויף דעם—קיין בייז ניט... מַה רַעַש? ניש׳קָשֶׁה אַפילו, אַז דער בית־המדרש זאָל ליידען דעם היזק פון קינדער, זיי וועלן דאָך דאָ אַמאָל בעלי־בתים זיין...

דער שמש געהט אַוועק מיט אַ כּעס: וואָס זאָל ער רעדען? ער ווייסט, אַז ער קאָן ר׳ יודאָ׳ן זידלען, שרייען אויף איהם, וואָס קיין בעל־הבית וועט עס ניט ערלויבען, אָבער אויספיהרען קאָן מען מיט איהם ניט,—האָט ער זיך איינגעשפּאַרט, איז פּערפאַלען. ר׳ יודאָ טהוט זיך תּמיד זיינס.

דערפאַר אָבער, אַז עס קומט די ערשטע נאַכט ראש־השנה, פאַר מעריב אין בית־המדרש, געפינט ר׳ יודאָ דעם גאַנצען טיש אַרומגעזעצט מיט קינדער, אויסגעוואַשענע, אין נייע מַלְבּוּשִׁים׳לעך, מיט די תְּהִלִּים׳לעך אין די הענד—זיי וואַרטען שוין אויף איהם, אַז ער זאָל אָנהויבען אַ קאַפּיטעל און זיי וועלען נאָכזאָגען.

— אָט,—קלערט ער,—אַז מען דאַרף זיי, זענען זיי דאָ... אַ קינד אַז מען איז איהם מְקָרֵב, היניעט עס אַרום דיר, ער געהט דיר נאָך, ווי אַ ציפּלאָניקעל נאָך דער הוהן...

ר׳ יודאָ שמאָלצירט.

און אויף מאָרגען, אַז די „גרויסע" זענען שטאַרק פערנומען מיט די אַלטע תּפילות און מיט די סקאַרבאָווע נגונים, ר׳ יודאָ אַליין, וואָס ער איז דער בעל־שחרית, איז הייזעריג,—ניטאָ מיט וואָס צו זאָגען, דאַמאָלס קומען אויך די קינדער צו הילף: אַ יונגעלע פון דער וויטענס האַפּט אונטער און טהוט אַ ציה מיט אַ דין הילכעדיג קול׳־כעל: „טי—רי—באַם—באַם! טי—רי—באַ"... אזש דאָס האַרץ לעבט אָב...

„מען מוז האָבען די קינדער אַרום זיך, — טראַכט ווידער ר׳ יודאָ,—די לבנה דאַרף האָבען שטערען אַרום זיך, און אַ בית־המדרש—קינדער"...

און דערפאַר צוריק איז ר׳ יודאָ ווידער מְהַנֶּה די קינדער.

יום־כּפּור נאָך נעילה. די יונגע לייט זענען אויף דער גאַס אַרויס, מען קוקט אויפ׳ן בלאַסען הימעל און מען וואַרט אויף אַ שטערען. די אַלטע זעצען זיך ערשט צו אויף די בענקלעך אין בית־המדרש, מיעדע און בלאַסע; ר׳ יודאָ אַליין האַלט אויך די אויגען צוגעמאַכט, און דער קאָפּ וועגט זיך אַראָב אויף זיין ווייסען קיטעל. שטויב און שאָטען פּילען אָן דעם בית־המדרש — —

נאָר ר׳ יודאָ הויבט אויף באַלד דעם קאָפּ און זאָגט אַרויס מיט אַ פרישער גבורה:

— צאַן־קָדָשִׁים!

— מע־ע־ע... קלינגען אָב פון אַלע ווינקעלעך קינדערשע שטי־מעלעך. ר׳ יודאָ שמייכעלט און חזר׳ט איבער:

— צאַן־קדשים!

— מע־ע־ע...

די קינדער זענען זיך שוין צונויפגעלאָפען צו ר׳ יודאָ׳ן מיט לעבעדיגע אויגעלעך, מיט אָפענע מײַלעכלעך.

— צאַן־קדשים! — שרייט אוים ר׳ יודאָ נאָך אַמאָל.

— מע־ע־ע... ענטפערען זיי אַלע שוין דאָ אַרום איהם — און עס געהט אַ וועק אַ פרעהליכקייט.

תְּחִלַּת הויבט מען אָן אַ פּרום ליעדעל, ר׳ יודאָ זינגט פאָר און די קינדער ענטפערן מיט אַ פּיסקעל; אַ יונגעלע טהוט אַ פייף צום טאַקט, און דער רַב קעהרט זיך אום מיט אַ בְּרוֹגֶז׳ן פָּנִים און שרייט אָן, אַז מען טאָר דאָס ניט אין אַ בית־המדרש, נור ר׳ יודאָ אַליין איז דאָס אויך מוֹחֵל: מען זינגט דאָך עס...

נאָכדעם זינגט מען אַן׳אַנדער נגון פון די תפלות, ביז מען קומט צו אַ פָּשוּט׳ן אַלוסטיגען: „טאַי־ראַי, ראַי־ראַי־ראָם!“ — און דער בית־המדרש ווערט פול מיט הילכעדיגע יונגע שטימעלעך, מי׳ט שמחה און געזאַנג. די יונגע לייט קומען אויך אַריין צוריק אין בית־המדרש, די אַלטע עפענען די אויגען, און די מיעדיגקייט פון די לאַנגע תפלות און הונגער פערשווינדט.

הדר־שני — אַ שטיבעל נעבען בית־מדרש. מעיז־פנים זיין — זיך שטעלען אַנטקעגען, רעדען אַנטקעגען. מהנה זיין — פערגעניגען אָנטהאָן. צאן קדשים — הייליגע שעפעלעך.

ד. פרישמאַן.

געגעסען.

א מעשה.

אַ מעשה פון דריי, וואָס האָבען געגעסען.

ניט אין אַן׳איינפאַכען געוועהנליכען טאָג האָבען זיי געגעסען, נאָר אום יום־כפור; ניט בעהאַלטענערהייט, וואו קיינער זעהט ניט, נאָר עפענטליך, אין דער גרויסער שוהל, פאַר דעם גאַנצען עולם; און ניט עפּעס פּראָסטע גאַסען־מענשען זענען עס געוועזען, וואָס קיי־נער קען זיי ניט אַ׳ן קיינער ווייס זיי ניט, נאָר די גרעסטע חשובים, די אָנגעזעהענסטע, די גרעסטע לייט פון שטאָדט: דער רב און די ביידע דַיָּנִים —

עס זענען דענסטמאָל געווען ביטערע, פינסטערע טעג. אַנ׳אומ־גליק איז פון הימעל געקומען—צום ערשטען מאָל איז עס געקומען—און גערופען האָט מען עס מיט דעם נאָמען: חאָלערא!...

פון וויטע לענדער, פון אַזיען, איז זי אָנגעקומען, צו אונז, צו אונזער קליין שטעדטעל איז זי דערגאַנגען. אין דער גאַס האָט זי געאַרבייט אומדערבאַרעמליך און אין די הייזער האָט זי געשטיקט אָהן אַיין אויפהער. ווער קען צעהלען די טויטע, וועלכע זענען גע־פאַלען יענע טעג? ווער קען זיי אָנרופען ביי די נעמען, און ווער וויים דעם חשבון פון די פרישע בערגלעך, פון די נייע קברים?...

איבערהויפט האָט די מַגֵפָה מעשים געאַרבייט אין דער יודי־שער גאַס. ווי די פליגען זענען דאָרט געפאַלען יונג און אַלט, קליין און גרויס. עס איז נישט געווען קיין הויז, וואו עס זאָל נישט זיין חאַטש עטליכע טויטע.

און אַזוי איז אַוועק דער זומער, און דערנאָך זענען געקומען די היילינע טעג, און נאָך זיי דער הייליגסטער טאָג פון אַלע, דער יום־כפור.

אין דער נאַכט פון יום־כפור האָט קיינער נישט פערלאָזט די שוהל—און פאָרט האָבען אינדערפריה עטליכע געפעהלט: זיי זענען געשטאָרבען אין דעם מנין. צוויי זענען דענסטמאָל ביי־נאַכט פלוצ־לונג אנידערגעפאַלען אין שוהל, צווישען דעם גאַנצען עולם, נאָך איינגעהילט אין די טליתים מיט די קיטלען, אַזוי אַז זיי האָט שוין כמעט גאָר נישט געפעהלט אום אַריבערצופאָהרען פונ׳ם לעבען אין דעם טויט אַריין...

און אוים דער יודישער גאַס קומען אָן נאַכריכטען אין שוהל אַריין,—נאַכריכטען ווי נאָך קיינמאָל נישט צופאָר און קיינמאָל נישט דערנאָך. אָבער אין דער שוהל הערט קיינער נישט און פרעגט קיי־נער נישט און קיינער איז נישט נייגיעריג: יעדער איינציגער האָט מורא צו הערען, יעדער איינציגער האָט מורא צו וויסען, וואָס עס טהוט זיך ביי איהם אין דער היים...

און אָט איז שוין יום־כפור נאָך מוסף.

אויף דעם באַלעמער שטעהט דער רב מיט ביידע דַיָנים. דעם רב׳ס ברענענדיגע שוואַרצע אויגען לייכטען און גלאַנצען אַרוים פון דעם ווייסען בלאַסען פנים, וואָס איז איינגערינגעלט אין די ווייסע האָר מיט דער ווייסער באָרד. מוסף איז שוין לאַנג אָבגעדאַווענט, און דער עולם שטעהט און שווייגט און וואַרט אויף דעם, וואָס דער

געטליכער מאַן וועט רעדען. קיינער וואַגט זיך נישט אַפילו דעם אָטעם הויך צו ציהען.

און דער רב רעדט...

ווי אַ רייסענדיגער קרעכץ צוקט עס דורך דעם גאַנצען עולם, פון דעם באַלעמער ביז צו די פּיער ווינקעלעך — און נאָך דעם קרעכץ הערען זיך ווערטער:

„עַל דַעַת הַמָקוֹם וְעַל דַעַת הַקָהָל — מיט גאָט'ס דעה און מיט קהל'ס דעה זענען מיר מַתִּיר צו עסען און צו טרינקען היינט!"

אַ פֿירכטערליכע שטילקייט, אַ טויט-שטילקייט הערשט אין דער גאַנצער שוהל. עס ריהרט זיך קיינער נישט, עס ציהט קיינער נישט קיין אָטעם.

אין ווינקעל פון דער שוהל שטעה איך נאָך אויף מיין אָרט און איך הער דייטליך, ווי מיין האַרץ קלאַפּט אין מיר: איינס, איינס און צוויי, — און פּלוצלונג פאַלט אויף מיר אַן אַ פינסטערע, שרעקליכע מורא.

אויף די וואַנד שווימען די שאָטענס אַהין און אַהער — און איך זעה צווישען די שאָטענס די טויטע, וואָס זענען נעכטען, און די וואָס זענען אייערנעכטען און די וואָס זענען פאַר-אייער-נעכטען געשטאָרבען: אַ גרויסע שרעקליכע מחנה, אַ גרויסע שרעקליכע עדה...

און פּלוצלונג פערשטעה איך קלאָר און דייטליך, וואָס דער רב פערלאַנגט דאָ פון אונז. דער רב פערלאַנגט פון אונז, אַז מיר זאָלען עסען היינט; דער רב פערלאַנגט, אַז יודען זאָלען עסען אום יום-כפור און זאָלען נישט פאַסטען — וועגען דער מַגֵפָה... וועגען דער מגפה...

און איך שטעה און הויב פּלוצלונג אָן הויך און שטאַרק צו וויינען.

און וואונדערליך איז עס! נישט איך אַליין שטעה דאָ אין דער שוהל און וויין, נאָר פּיעלע, פּיעלע שטעהען און וויינען הויך און שטאַרק. אויך די דריי דאָרט אויף דעם באַלעמער שטעהען און וויינען, און דער העכסטער פון זיי שטעהט און וויינט ווי אַ קליין קינד.

און ווי אַ קליין קינד בעט ער זיך, און זיינע ווערטער זענען אַזוי ווייך, אַזוי ווייך. טייל מאָל'ס נאָר קומען טרעהרען און שטיקען איהם די ווערטער אין האַלז. — „עסען! גערט עסען! די צייט איז אַזעלכע! עס מאַכט זיך אַ מאָל אַ צייט, אַז עס איז פראָסט אַ מצוה אַ זאַך פון דער תורה מבטל צו זיין! לעבען זאָל מען דורך זיי, דורך די מצות, אָבער נישט שטאַרבען דורך זיי!"

אָבער אין שוהל ריהרט זיך נישט קיינער פונ'ם אָרט.

און פלוצלונג איז דאָס פנים פון דעם רב נאָך בלייכער געוואָרען, ווי פריהער. מיעף זינקט זיין קאָפּ אַראָב אויף זיין ברוסט אַ מינוט לאַנג — און אַ קרעכץ, אַ מיעפער, האַרץ־צערייסענדער קרעכץ הערט זיך פון איין עק שוהל ביז צום אַנדערן עק, און נאָך דעם קרעכץ הערט זיך ווי אַ מורמלען: „גאָט'ס ווילען איז עס" — זאָגט ער מיט אַ טרוקענער שטימע, און עס האָט אַ פּנים, ווי ער וואָלט רעדען צו זיך גאָר אַליין — „צוויי און אַכציג יאָהר בין איך אַלט און בין קיינמאָל נאָך נישט דערצו געבראַכט געוואָרען. ווי עס ווייזט זיך אויס, איז עס גאָט'ס ווילען אַזוי, איך זאָל נישט שטאַרבען פריהער, ביז איך וועל נישט אויך אַזעלכעס מקיים זיין!"

און שטיל איז געווען אַ מינוט לאַנג, שטיל ווי אויף אַ בית־עלמין.

און פלוצלונג הערט זיך די שטימע פונ'ם רב, ווי ער רופט: „שַמָש!"

און דער שמש געהט אַרויף, און דער רב רוימט איהם אַיין עפּעס אין אויער. דערנאָך רעדט ער שטילערהייט עפּעס איבער אויך מיט די דַיָנִים, די דינים שאָקלען איהם צו מיט די קעפּ, ווי זיי וואָלטען איהם מסכים זיין צו עפּעס. דערווייל איז דער שמש צוריקגעקומען פונ'ם רב'ס וואוינונג און האָט מיטגעבראַכט אַ פלעשעל וויין און גלעזלעך מיט אַ פּאָר שטיקלעך לעקעך.

און די דריי האָבען געגעסען.

„איהר האָט עס דוקא פון מיר געוואָלט — און איך האָב עס געטהאָן" — זאָגט דער רב יעצט, און זיין שטימע איז קלאָר און פעסט און ציטערט נישט מעהר ביים רעדען — „גאָט'ס נאָמען זאָל זיין געבענשט!"

און פיעלע פונ'ם עולם עסען איצט, עסען און וויינען...

י. ל. פרץ.

די שוואַלבען אים הערבסט.

ענדע זומער!...

דער „ציריק־ציריק" הערט זיך טרויעריג און באַנג.

דאָס הייסט אויף מענשליכען לשון: עס ווערט וואָס אַ ווייל קיהלער...

קיהלער ווערען די טעג, לענגער די אונרוהיגע נעכט, די קאַלטע...

און דער הימעל ווערט וואָס אַמאָל מעהר גראָהליך ווי בלאָה־

ליד; און די זון איז קיין עכטע זון נישט: מעהר שפּיגעל ווי זון...

און פערגליווערטע שטיקער ציהען, מאַרמאָר־שטיקער, און אפשר גאָר ווייסע בערען... זיי שוויגען אונטער'ן הימעל, און זיי זוכען זיך, און בעהעפטען זיך איינער צום צווייטען און פערשטעלען וואָס אַמאָל מעהר הימעל און ליכט...

און עס ווערט שוין אַ דערשראָקען גערופערײ: ציריק־ציריק! ציריק־ציריק!

דאָס הייסט: די פּרנסה און די לופט ווערט קנאַפּער, וואָס אַמאָל קנאַפּער... די בלעטער קריגען גאָלדענע רעמלעך, נאָר זיי ווערען שוואַכער; זיי קאָנען שוין די לייכטסטע שוואַלב אויף זיך נישט דערהאַלטען... און דינע צווייגעלעך דאַרען און פּלאַצען און ברעכען זיך...

און עס טראָגט זיך דאָס גערופערײ פון צווייג צו צווייג, פון בוים צו בוים, פון איין עק וואַלד צום צווייטען: מען דאַרף זיך אַן עצה האַלטען... הויבט אייך אויף:

און עס ווערט אַ גערויש פון הונדערטער און טויזענטער ציטער־פליגעלעך; פון צווייגען און בוימער הויבט זיך דאָס גערויש... און די אספה פון שוואַלבען שווימט שוין אין דער הויך... און הויבט זיך אַלץ העכער און העכער — מען זעהט זיי שוין נישט, נאָר טויזענטער געלע פלעקען שווימען אונטער'ן גראָהען הימעל...

און פון דער הויך זעהט זיך אַ ווייטע, ווייטע וועלט.

און נאָך אַ ווײַלע לאָזט זיך די מחנה אַראָב מיט אַ פרעהליך גערופערײ: ציריק־ציריק!

דאָס הייסט: מען דאַרף אַוועק, אַוועק פון דאַנען! ווייט, ווייט אַוועק!

מען מוז אַבטרעטען דער קעלט, אַבטרעטען דעם שנײ; מיר דאַרפען וואַרעמקייט און ליכט!

אספה — פערזאַמלונג.

שלום־עליכם.

די פאָהן.

א. ווער איז קאָפּעל קוקאַריקו.

קינדער! איך וועל אייך דערצעהלען אַ מעשה מיט אַ פאָהן, ווי אַזוי איך, אַן אָרעמאַנ'ס אַ יונגעל, האָב בעקומען אויף שׂמחת־תּורה אַ פאָהן, ווי שווער זי איז מיר אָנגעקומען און ווי גרינג איך האָב זי פערלוירען.

אַז איך בין געווען אַ קליין יונגעלע, אַזוי ווי איהר, האָט מען מיך גערופען „טאָפּעלע טוטאַריטוטו", דאָס הייסט „קאָפּעל קוקאַריקו". ווייסט איהר פאַר וואָס? ווייל ערשטענס האָב איך געהאַט אַ דין קוויטשיג קול׳כל, ווי אַ יונג האָהנעכעל, וואָס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבען צו קרייען, און צווייטענס האָב איך ניט געקאָנט אויסריידען קיין „קוף" און קיין „כּף" און קיין „גימל", און ווי אויף צו לְהַכְעִיס האָט מיין טאַטע בעדאַרפט הייסען קַלְמָן, מיין מאַמע גיטעל קלמנ׳ס, איך קאָפּעל גיטעל קלמנ׳ס און דער רֶבִּי גֵרְשׁוֹן גאָרגעל דַרְדְקִי פון גאַלאַגאַנעווקע.

— יונגעל! ווי אַזוי רופט מען דיך?

— מיך? טאָפּעל דיטעל טאַלמנ׳ס...

— העכער אַביסעל!

— טאָפּעל דיטעל טלמנ׳ס...

— נאָך העכער!

איך שריי הויך, אויף אַ קול:

— טאָ-פּעל! די-טעל טלמנ׳ס!

— און ביי וועמען לערנסט דו?

— ביי וועמען לערען איך? ביי דרשון דאָרדעל דרדטי פון דאַלאַדאַנעווטע!...

דער עולם לאַכט.

דער עולם לאַכט—און איך וויין.

איך וויין נישט פון דעם, וואָס מע לאַכט פון מיר, נאָר דערפאַר, וואָס מע שלאָגט מיך. איטליכער, ווער עס האָט גאָט אין האַרצען, דער שלאָגט מיך: דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטער, דער רֶבִּי, די תַּלְמִידִים. מע לערענט מיך, איך זאָל רעדען „ווי אַ מענש"...

דער רבי האָט מיר איינמאָל אַריינגעזעצט אַ „שפּרייזהעלצעל" און האָט געהייסען די תלמידים, זיי זאָלען מיר שפּייען אין מויל אַריין:

— טאָמער וועט דאָס זיין אַ רפואה... האָט זיך אַריינגעמישט רב זיאַמע דער סטאָליער, וואָס איז געזעסען מיט׳ן רבי׳ן אונטער איין דאַך.

— וואָס מוטשעט איהר אַ קינד, נעבעך, אומזיסט-אומנישט? אָט לאָזט מיך אויף איין מינוט, וועט איהר זעהען, אַז ביי מיר וועט ער רעדען „ווי אַ מענש"...

אַזוי זאָגט רב זיאַמע דער סטאָליער, רופט מיך צו, נעהמט מיך אָן פאַר׳ן בערדעלע און מאַכט צו מיר אַזוי:

— קוק אויף מיר, יונגעלע, און זאָג מיר נאָך וואָרט ביי וואָרט: „אֶץ קוֹצֶץ—בֶּן קוֹצֶץ—קְצוּצֵי—לְקַצֵץ...“

איך קוק אויף איהם און זאָג איהם נאָך וואָרט ביי וואָרט: „אֶת טוֹצֶץ—בֶּן טוֹצֶץ—טְצוּצֵי—לְטַמֵץ...“

— נישט אַזוי,—מאַכט רב זיאַמע,—דו קוק מיר גלייך אין מויל אַריין און זאָג מיט מיר אינאיינעם: יוֹמָם הַשֶׁמֶשׁ לֹא יַכֶּכָּה וְיָרֵחַ בַּלָּיְלָה...“

איך קוק איהם גלייך אין מויל אַריין און זאָג מיט איהם אינאיינעם: „יוֹמָם הַשֶׁמֶשׁ לֹא יַטֶטָה וְיָרֵחַ בַּלָּיְלָה...“

— ניין, נאַרעלע,—זאָגט צו מיר דער רב זיאַמע,—דו זאָג ניט „יַטֶטָה“, זאָג בעסער „יַכֶּכָּה! יַכֶּכָּה! יַכֶּכָּה!“

— יַטֶטָה! יַטֶטָה! יַטֶטָה!...

רב זיאַמע טהוט אַ מאַך מיט דער האַנד:

— ווייסט איהר וואָס איך בין דערגאַנגען? אַרויסגעוואָרפען די טִרְחָה! איהם וועט שוין קיין טאַטער אויך ניט העלפען. אַן'אייביגער קאַליקע!

ב. קאַפעלע קוקאַריקו וויל האָבען אַפאָהן. וואו נעהמט ער געלט?

האָבען אויף שִׂמְחַת-תּוֹרָה אַ פאָהן, טאַקי וואָס אַ פאָהן הייסט, אַ פאָהן מיט אַ שטעקעל, פון אויבען אַן'עפעל, אינ'ם עפעל אַ ליכטעל—דאָס האָט ביי מיר דעמאָלט אויסגעוויזען אַזאַ גליק, אַזאַ גליק, וואָס איך האָב גאָר מורא געהאַט אפילו טראַכטען פון דעם. קאַרגע גוטע זאַכען איז פאַרהאַן אויף דער וועלט? למאַי ס'איז פאַרהאַן אַזעלכע יונגלעך אין חֵדֶר, וואָס פערמאָגען געלד אויף צו קויפען אַ מעסערעל, אַ ביימעלע, אַ שטעקעלע? למאַי ס'איז פאַרהאַן יונגלעך אַזעלכע, וואָס עסען אַלע טאָג קאָנפעקטען, קנאַקען ניסלעך; פון ביי־געל און פון בלינעס שמועסט מען ניט! היינט איז פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס עסען ווייסע בולקע אין דער וואָכען... אַזאַ מַזָל!

אוי, קינדערלעך, איך האָב קיין ווייסע בולקע אין דער וואָכען קיינמאָל נישט געגעסען! איך בין געבּוירען געוועזען, אַז איך האָב געהאַט שוואַרץ-ברויט צו זאַט, מַחֲמַת מיר זענען געוועזען, נישט פאַר אייך געדאַכט, ביטערע אָרימע לייט, אֶבְיוֹנִים, האָטש אַלע האָבען ביי אונז געהאָרעוועט: דער טאַטע, עָלָיו הַשָׁלוֹם, איז געוועזען אונטער־שמש אינ'ם אונטערשטען קלייזעל פון דער קַצָב'ישער קלויז, די

מאַמע, עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, איז געווען אַ בְּרִיָה אויף באַקען קאָרענעם לעקעך, און די שוועסטער האָבן אונטערגעאַרבייט זאָקען.

איהר מעגט מיר גלויבען באמנות: איך האָב נישט געוואוסט דעם טַעַם, וואָס הייסט אָבעסען אַזוי, אַז איך זאָל טאַקי באַלד נים קאָנען עסען נאָך אַמאָל.

היינט ווער שמועסט האָבען ביי זיך אין קעשענע אַ קאָפּיקע, אַן׳אייגענע קאָפּיקע—דאָס האָט זיך מיר אַפילו נים געחלומ׳ט.

און שטעלט אייך פאָר, אַז איך, קאָפּעל קוקאַריקו, ווער מיט אַמאָל אַ גביר און בעקום מיין אייגענם צוויי און צוואַנציג קאָפּיקעס!

אפשר מיינט איהר אַ נס — אַ פריץ האָט פערלוירען און איך האָב געפונען? האָט איהר דוקא נישט געטראָפען. אָדער טאָמער רעכענט איהר, איך האָב זיי גלאַט אַזוי ערגיץ דערטאַפּט, אַרויסגעגנב׳עט, חלילה, פון אַ פושקע? גאָט זאָל אייך היטען פון אַזאַ מחשבה! איך האָב זיי, שווער איך אייך, פערדיענט, כשר פערדיענט, פערהאָרעוועט מיט מיינע אייגענע... פיס.

דאָס איז געווען פורים, האָט מיך דער טאַטע געשיקט, איך זאָל צעטראָגען דעם שַׁלַח־מָנות צווישען די בעלי־בתים פונ׳ם אונטערשטען קלייזעל פון דער קצב׳ישער קלויז. פריהער פלעגט צעטראָגען דעם שלח־מנות איינע פון מיינע עלטערע שוועסטער, און איצט, אַז איך בין שוין אַביסעל אונטערגעוואַקסען, האָט דער טאַטע געזאָגט, אַז איך מעג שיין אויך זיין אַ שטיקעל הילף. האָב איך גענומען דאָס שעלעכעל מיט׳ן פלעדעל, אַרומגעטראָגען דאָס פון שטוב צו שטוב צווישען אַלע בעלי בתים פונ׳ם אונטערשטען קלייזעל פון דער קצב׳ישער קלויז, געקנעטען מיט די באָרוויסע פיס די קאַלטע גליטשיגע בלאָטע, און פון די גראָשענס, וואָס מע האָט מיר געשענקט פאַר׳ן וועג, האָב איך געמאַכט אַ זילבערנעם פערציגער מיט פיער גראָשענס.

דאָס געלד האָב איך געהאַלטען ערשטענס אויף ל״ג בעומר צו דער סעודה. ל״ג בעומר צו דער סעודה פלעגען אַלע קינדער ברענגען עפּעס אין חדר אַריין: ווער מזומן געלד, ווער אַן׳עסענוואַרג און ווער אַ נאַשעריי. נאָר איך איינער פלעג קומען מיט מיין שטענדיגען אָנבייסען — אַ שטיקעל ברויט מיט קנאָבעל; עס פלעגט מיר פלאַמען דאָס פנים. און חאָטש אין קאָהן האָט מען מיך אַריינגענומען גלייך מיט אַלע יונגלעך, נאָר געפיהלט האָב איך, אַז ס׳איז מִצַד רַחֲמָנוּת — און ס׳איז מיר נים אַיינגעגאַנגען די שמחה... אַצונד, האָב איך מיר געטראַכט, הער איך אייך אַלע מיט׳ן קאָטער:

איך בין, ברוך־השם, אזא פארשוין, וואס איך געה מיט מזומנים. ווי באלד אזא נגיד'ם איינגעל, ווי יואל'יק, גיט צושטייער א פערטעלע, מעג איך געבען א קאפיקע, ווארום וואס בין איך אנטקעגען איהם? א גארנישט! ווי איז אבער דער דין, אז איך גיב א פיטאקעל — בין איך יוצא? נו, גיב איך טאקי א גריוונע,—און ווייסט, ווער איז קא־פעל קוקאריקו!...

און איך האב אריינגעבראכט אין דער קאראבקע אויף ל"ג בעומר צעהן קאפיקעס. דאס איבריגע געלאזט אויף שפעטער.

שפעטער, זומער לעבען, ס'איז אויפגעקומען גרינווארג, עס האבען זיך בעוויזען פרישע אויבסען ביי פיראנדימשקע'ן אין די מול־טערלעך, איז געקומען ווידער אמאל דער יֵצֶר הָרַע.

— זעהסט,—זאגט ער,—גרינע אגרעסען? זעהסט וואסערע רויטע וויימפערלעך?

— פון גרינע פֵּירוֹת,—זאג איך,—ווערען נור הייליג די צייהן.

— מאך „שֶׁהֶחֱיָנוּ", — זאגט צו מיר דער יֵצֶר־טוב, — שהחיינו איז א מִצְוָה...

— שהחיינו, — זאג איך, — וועל איך נאך צייט האבען צו מאכען; דער זומער איז נאך גרויס. עס וועט נאך געהן א סֵדְרָה פון וויינ־שעל און פון פלאמען, פון עפעל און פון בארען, פון דיניעס און פון קאוועגעס... איך וועל בעסער איבערלאזען דאס געלד אם־ירצה־השם אויף סוכות—זיך קויפען א פאהן.

און ס'איז געבליעבען, איך זאל איבערלאזען דאס געלד אם־ירצה־השם אויף סוכות—זיך קויפען א פאהן.

ג. געקויפט א פאהן. געמאכט א שטעקעל.

גאט האט געהאלפען, דער סוכות איז געקומען, און איך האב מיר געקויפט א פאהן, א גרויסע, א געלע, א „צווייזייטענדיגע".

פון איין זייט זענען געווען אויסגעמאלט צוויי חַיוֹת, וואס האבען געהאט א פָּנִים פון קעץ, נאר באמת זענען זיי געווען לייבען מיט אפענע מיילער און מיט לאנגע צונגען. אויף די צונגען ביי זיי זענען געווען ארויפגעטהון פייפלעך, אפנים, שופרות, מחמת ס'איז געשטא־נען אנגעצייכענט מיט גרויסע אותיות: בַּחֲצוֹצְרוֹת וְקוֹל שׁוֹפָר.

אונטען, אונטער די לייבען, איז געשטאנען אויפגעשריעבען פון דער רעכטער האנד: דֶּגֶל מַחֲנֵה יְהוּדָה, פון דער לינקער האנד: דֶּגֶל מַחֲנֵה אֶפְרָיִם.

בעקומען א פאהן, בעדארף מען קריגען א שטעקעל צו דער פאהן.

דאָ מוז מען שוין אָנקומען צו רבֿ זיאַמע דעם סטאָליער, טאַקי דער אייגענער רבֿ זיאַמע, וואָס האָט אַמאָל זיך אונטערגענומען מיך אויסלערנען רעדן „ווי אַ מענש".

— וואָס וועסטו דו עפּיס זאָגן, טאַפּעלע טוטאַריטוטו?

— אַ שטעטעל צו דער פאָהן...

— וואָס הייסט—זאָגט ער:—אַ שטעטעל?

— אַ שטעטעל,—זאָג איך,—פון אַ שטיטעל האָלץ, מע זאָל טאָנען טראָגן די פאָהן.

רבֿ זיאַמע טרייבט מיט מיר אַזוי לאַנג קאַטאָוועס, ביז איך צעוויין מיך. דעמאָלט ווערט ער ווייך, וואַרפט אַוועק אַלע אַרבייט, נעהמט אַ שטיקעל האָלץ, אַ שניץ אַהער, אַ שניץ אַהין—פאַרטיג.

אַצונד פעהלט מיר נאָר אַן עפּעל מיט אַ ליכטעל, געוועהנליך, פון וואַקס, ניט פון חֵלֶב, וואָרום חלב אַז ס׳וועט אַרויפקאַפּען אויפ׳ן עפּעל, איז פערפאַלען דער עפּעל, מע וועט איהם נאָכדעם ניט קאָנען עסען... אָבער וואַקס מאַכט ניט אויס, וואַקס איז כָּשֵׁר...

נו, און וואַקס איז דאָך בּיי מיר פאַרהאַן מעהר ווי ביי אַלע יונגלעך. אַדרבה, אַ יונגעל, אַז ער בעדאַרף אַ שטיקעל וואַקס, צו וועמען קומט ער אָן? צו מיר! וואָרום מיין טאַטע איז דאָך אונטער-שמש אין אונטערשטען קלייזעל פון דער קצבֿ׳ישער קלויז, איז וואָס עס בלייבט נאָך יום-כּפּור פון די ליכט, געהער צו איהם—דאָס איז זיין הַכְנָסָה. ער שמעלצט דערפון „שמשים" צו די חנוכה-ליכטלעך, הַבְדָלוֹת און סטאָטשיקעס, און וואָס עס פאַלט אַראָב פון די הבדלות מיט די סטאָטשיקעס, געהער צו מיר—דאָס איז מיין הכנסה.

הַקִצוּר, איך האָב אַלצדינג, וואָס מע בעדאַרף!

ד. אין שוהל. קאָפּעלע׳ס שטאָלץ. קאָפּעלע׳ס אומגליק.

אַריינגעזעצט די פאָהן אין׳ם שטעקעל, אויפגעפּאַסט אויפ׳ן שפּיץ אַ רויטען עפּעל און אָנגעצונדען פון אויבען דאָס וואַקסען ליכטעל, לאָז איך מיך שמיני-עצרת אויף דער נאַכט אין שוהל אַריין צו די הַקָפוֹת לעבעדיג-פרעהליך, ווי אַ גליקליכער פּרינץ, ווי אַ בֶּן-מֶלֶך, וואָס קיינער איז צו איהם ניט גלייך.

עס שטעלט זיך מיר פאָר, אַז איך בין שוין אין שוהל אויבען אויף דער מִזְרָח-באַנק מיט אַלע בעלי-בתּישע קינדער. די ליכט ברענען. מיין פאָהן איז שענער פון אַלע פאָהנען. מיין עפּעל איז רויטער פון אַלע עפּעל. מיין ליכטעל איז גרעסער פון אַלע ליכטלעך. אין שוהל איז אַן ענגשאַפט, אַ היץ מיט סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת, ווייבלעך

און מיידלעך אַ סך זענען געקומען קושען די תורה. אָט גערט רב מלך דער חזן מיט'ן צעלאָזטען טלית אויף צופריהער, ווי אַ גענעראַל־פעלדמאַרשאַל. נאָך איהם — די בעלי בתים. רב מלך ציקעלט זיך און זינגט אויף זיין בלעכענער שטימע: „עו—זר ד — — — לים הושיעה נא!" די ווייבלעך מיט די מיידלעך שפּרינגען אין פּנים אַריין, קושען די תורות און שרייען מיט אַ קוויטש: „דערלעבט איבער אַ יאָהר! דערלעבט איבער אַ יאָהר!"—גם אַתם! גם אַתם!

נאָר איידער מע קומט צו צום אונטערשטען קלייזעל פון דער קצב'ישער קלויז, דאָרט וואו איך דאַווען, מוז מען דורכגעהן פאַרביי עטליכע שוהלען און בתי מדרשים.

פרעהליכער ווי אַלע מאָל איז דאָ סכות, שמיני־עצרת אויף דער נאַכט פאַר די הקפות, בשעת אַלע יונגלעך פון אַלע חדרים קומען זיך צונויף אַהער מיט די פאָהנען. דאָ מושטירעוועט מען זיי אויס אויף כּתות: גרויסע יונגלעך בעזונדער און קליינע יונגלעך בעזונדער. דאָ בעטראַכט מען איינס ביים אַנדערען די פאָהנען, וועמעס שטעקעל איז גרעסער, וועמעס עפּעל איז רויטער, וועמעס ליכטעל איז פון חלב און וועמעס פון וואַקס. דערביי פאַלען געווג ווערטלעך, הכמות און געלעכטערען. איינער טהוט אָב דעם אַנדערען אַ שפּיצעל: ער פערלעשט איהם דאָס ליכטעל אָדער ער פער'גנב'עט זיך און בייסט איהם אָב דעם עפּעל, בעקומט ער אין טאַטענס טאַטען מיט אַ פּאַטש אויף פערבייסען—ביז מע צעגעהט זיך איטליכער אין זיין שוהל אַריין.

— מזל טוב! טאָפּעלע טוטאַריטוטו האָט אַ פאָהן! שלום עליכם, אַ גוטער יוד, אַ האַלבען פּנים אָבגעבריהט...

מיט אַזאַ ברייטען ברוך־הבא האָבען מיך חברה קונדסים בעגעגנט, אַז איך בין געקומען אויפ'ן שוהל־הויף מיט מיין פאָהן.

איך בעטראַכט אַלע פאָהנען און וואַרף אַ קוק אויף מיין פאָהן—ווער? וואָס? וועמען? ווי קומען זייערע פאָהנען צו מיין פאָהן?

ערשטענס, די פאָהן אַליין. ביי קיינעם שטעהט זי ניט אַזוי גלייך אַריינגעזעצט אין שטעקעל, אַז מע זאָל אַרויסזעהן ביידע זייטען. ביי קיינעם איז ניטאָ אַזאַ גלייך, קיילעכדיג, געטאָקט שטעקעל. ביי קיינעם איז ניטאָ אַזאַ רויטער גלאַטער עפּעל. ביי קיינעם איז ניטאָ אַזאַ שען געראָטען ליכטעל, וואָרום ווער פערמאָגט אַזוי פיעל וואַקס ווי איך? ווער האָט געהאַפּט אַזוי פיעל פּעטש מיט סטוסאַ־

קעס, ווי איך, בשעת דער טאַטע האָט מיך געחאַפּט אין פּאָליש אונטער דער באַנק קלויבען די שטיקלעך וואַקס פון די צעשמאָלצענע יום־כפור׳דיגע שטיקלעך ליכט?... איך מאַך אַ פערגלייך צווישען מיין פאָהן און צווישען די אַלע איבריגע פאָהנען—און מיין האַרץ ווערט פול מיט גדלות. עס מאָלט זיך מיר אויס, אַז איך וואַקס און וואַקס העכער און העכער, לענגער און ברייטער. די פיס טראָגען מיך. עס גליסט זיך מיר לאַכען, שרייען, קווויטשען, האַפּען אַ טענצעל...

— אַנו ווייז נאָר! — רופט זיך אָן צו מיר יואל׳יק דעם נגיד׳ס און בלייבט שטעהן פערגאַפט.

ער בעקוקט מיין פאָהן, איך בעקוק זיין פאָהן. „אויך מיר אַ פאָהן!״—טראַכט איך מיר:—„אויך מיר אַ שטעקעל! אויסגעבויגען, גלייך ווי אַ קאָטשערע!״ איך זעה, אַז ער איז אַ געקאָכטער, נאָר איך מאַך מיך ניט וויסענדיג און קוק כלומר׳שט אָן אַ זייט.

— קאָפּעל! — מאַכט ער צו מיר: — וואו האָסט דו גענומען אַזאַ שען שטעקעלע?

— האַ? — זאָג איך און דרעה מיך אויס צו איהם מיט׳ן פּנים.

— וואו האָסט דו דערטאַפּט, — זאָגט ער נאָך אַמאָל: — אַזאַ טשאַקענדיג שטעקעלע?

— וואָס איז דען? — זאָג איך צו איהם: — ווילסט זיך אפשר בייטען אויף דיין צוויאָק?...

יואל׳יק פערשטעהט דעם שטאָך. ער טהוט אַ גלאַנץ מיט די אויגלעך, אַ סמאָרע מיט דער נאָז, לעגט אַריין די האַנד אין קעשענע און טרעט אָב. איך קוק איהם נאָך און קוועל, עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונד. איך זעה, ווי ער רופט אָב נְחֶמְיָה׳ן מיט׳ן קרומען פיסעל אויף אַ זייט און סוד׳עט זיך מיט איהם און ווינקט אויף מיר מיט די אויגען. איך זעה גאַנץ גוט, נאָר איך מאַך מיך ניט וויסענדיג. אין אַ מינוט אַרום געהט צו צו מיר נחמיה מיט׳ן קרומען פיסעל, האַלט יואל׳יקס פאָהן מיט׳ן קרומען שטעקעל און רופט זיך אָן צו מיר:

— גיב מיר אָנצינדען דאָס ליכטעל, מיינס האָט זיך פערלאָשען.

— ס׳איז דען דיין פאָהן? — זאָג איך צו איהם און בויג איהם אָן מיין פאָהן מיט׳ן ליכטעל — איך ווייס דאָך, וועמעס פאָהן דאָס איז...

און איידער איך קוק מיך אַרום, טראָגט צו נחמיה זיין אָנגעצונדען ליכטעל צו מיין פאָהן און מאַכט בורא מאורי האש. מיין

פאָהן ציטערט זיך אָן, טהוט אַ פלאַקער, פּ — פּ — פּו, — אויס פאָהן!

. . . .

ווען עס פאַלט אַראָב פון׳ם הימעל אַ שטיין גלייך מיר אין קאָפּ אַריין; ווען אַ ווילדע חיה פאַלט אָן אויף מיר און וויל מיך פערצוקען, אָדער, ווען עס קומט מיר אַנטקעגען אַ מת אום האַלבע נאַכט אין ווייסע תּכריכים און וויל מיך וואַרגען — וואָלט מיין שרעק נישט בעדאַרפט זיין אַזוי גרויס, ווי בשעת איך האָב דערזעהן מיין נאַקעטען שטעקען מיט דער אָבגעברענטער פאָהן. עס האָט זיך אַרויסגעריסען ביי מיר פון׳ם האַרצען אַ געשריי:

— אוי וועה, מיין פאָהן! מיין פאָהן! מיין פאָהן!...

עס האָבען זיך אַ גאַס געטהאָן טרעהרען פון מיינע אויגען. די גאַנצע וועלט איז פאַר מיר געוואָרען פינסטער. דאָס שטעקעל מיט׳ן עפּעל מיט׳ן ליכטעל זענען אַרויסגעפאַלען פון מיינע הענד, און איך האָב מיך געלאָזט געהן, איך ווייס אַליין נִיט וואוהין. איך געה און גיס און גיס מיט הייסע ביטערע טרעהרען. איך ברעך די הענט און בעוויין מיין פאָהן, ווי מען בעווייגט אַ טויטען, און איך קום צו געהן אַהיים איינער אַליין, אָהן אַ פאָהן, און איך פערקלויב מיך אין אַ ווינקעלע, און אין דער פינסטער זיץ איך דעם קאָפּ אַראָב צווישען די קניע און וויין שטילערהייט, קיינער זאָל נִיט זעהן, קיינער זאָל נִיט הערען, און איך פרעג ביי גאָט אַ קשיה:

— גוואַלד, גוואַלד, רבונו של עולם! פאַר וואָס קומט דאָס מיר? פאַר וואָס און פאַר ווען?!...

ש. אַ ש.

נאָך סוכּות.

אַ שטומע, געשטאָרבענע נאַכט,—קיין הייזעל, קיין ליכט. קאַלטע ווינטען בלאָזען און רייסען זיך אָהן אַנ׳אָנהויב, אָהן אַ סוף. דאָ און דאָרט מאָלט זיך אויס אַ שאָטען פון אַ שטעהענדיגען בוים, וועלכער בעוועגט זיך מיט אַ נאַקעטער צווייג. אַרום און אַרום איז שטום, טויט און שוואַרץ. ווייט אין געסעל אַראָב, דאַכט זיך, געהט פּאַמעליך דער שאָטען פון רחל־לאָה, די געשטאָרבענע מאַמע. זי געהט פּאַמעליך אין איהרע ווייסע תכריכים און האָרכט זיך איין הינטער דעם לאָדען פון איהר שטוב, צו פייניגט נישט די שטיף־מאַמע איהרע קינדער... דאָ און דאָרט שפּילט זיך דער ווינד אָן אַנ׳אָבגעריסענעם בלעך, אָן אַ שילד ערגעץ פאַר אַ געוועלבעל און קלאַפּט

אַהין און אַהער. ערגיץ דאָרט, אין אַ פּערלאָזטער רינע, טריפּען טראָפּען וואַסער, און די טראָפּען קלאַפּען, בלאָנדזשענדיג אין דער רינע... ווייט אין געסעל הערט זיך אַ רעש'ען פון אַ גרויפּען־מילעכעל. די גרויפּען פאַלען אויף דעם רייב־שטיין, און עס קלאָגט זיך, האָט פּרעטענזיעס—ווייסט איין גאָט, אויף וואָס און אויף וועמען...

אין דער טויטער נאַכט הערען זיך איינזאַמע טריט, אָבקלאַפּענדיג אָן שטיינער. פון אַ הויכען פענסטער דרינגט אַ ליכטעל אַרויס, ווי עס וואָלט אין דער לופטען געהאַנגען, און אַ שטיל קלאַפּען פון אַ נייה־מאַשין צערייסט די געשטאָרבענע נאַכט: אַ שניידער איז אויפגעשטאַנען צו דער אַרבייט. פון אַ הינטער־געסעל הערט זיך אַ וואָגען קלאַפּען. ווער פאָהרט דאָס אין דער פינסטערער נאַכט אין געסעל?...

ש. הורוויץ.

די בלייערנע ארמעע.

מיר זענען גענעראַלען,
די גרעסטע אויף דער וועלט;
די אותיות—אונזערע זעלנער,
די קאַסע—אונזער פעלד;

עס לויפען דורך די קעסטלעך
די פינגער—איינס און צוויי!
דאָ ווערט צעשטעלט אין רייהען
אַ מעכטיגע אַרמעע.

מיר זענען גענעראַלען,
די בעסטע אויף דער ערד;
מיר שיסען ניט מיט פּולווער,
מיר דאַרפען ניט קיין שווערד;

מיר ברויכען ניט קיין קויהלען,
פערגיסען ניט קיין בלוט;
די בלייערנע סאָלדאַטען—
זיי זענען בראַוו און גוט.

דאָך הערשט אין זייער לאַגער
אַ שטאַרקע דיסציפּלין;

זיי פרעגען ניט: פון וואנען?
זיי פרעגען ניט: וואוהין?

זיי לעגען זיך דורך סטעפעס
און וויסטען דורך א וועג,
דורך וואלד, און בארג, און טאלען
און ימ׳ען אהן א ברעג.

און וואו נאר זיי מארשירען,
דארט ווערט, אהן קריעג און שלאכט,
געעפענט טהיר און טויער,
ערקענט די זיגערם מאכט.

זיי טראגען ליכט די מענשען;
„קולטור” איז זייער פאהן,
און העלער ווערט שוין דארטען,
וואוהין זיי קומען אן.

א. מ. ווייסענבערג.

דער בעל תשובה.

I.

אמאל איז געווען א יוד—א געהער. איז ער געגאנגען איבער די דערפער מיט׳ן פעקעל סחורה אויף די פלייצעס—נאדלען, בענדלעך, קארעלען און נאך אנדערע קלייניגקייטען — און דערפון האט ער זיך מפרנס געווען מיט זיין ווייב און קינד, קוים בדוחק.

און איינמאל ווינטער צייט, געהט דער יוד אין א לייכט חאלא- טעל מיט א גארטעלע ארומגעבונדען און מיט׳ן פעקעל אויף די פליי- צעס. אונטערוועגענס מאכט זיך א גרויסער שניי מיט א ווינד גלייך אין פנים אריין, אז ער קען קוים דעם אטעם חאפען. און מיעד איז ער אויך, קוים וואס ער שלעפט די פיס פונ׳ם שניי ארויס. דאנקט ער גאט, אז ער קומט צו צו׳ן א וועלדעל, און נעהמט און זעצט זיך אנידער אונטער א בוים אברוהען. זיצט ער אזוי אביסעל פערשטעלט פאר׳ן ווינד, איז ער דאך אבער זעהר מיעד, פאלען איהם די ברע- מען צו, און ער דרעמעלט איין און פערגעסט, אז עס איז א גרויסע סכנה איינצושלאפען אויפ׳ן פראסט, אז מען קען, חס ושלום, דער- פרוירען ווערען. דרעמעלט ער אזוי איין מיט׳ן פעקעל אויף די פליי-

צעם, אָנגעשפּאַרט מיט׳ן קאָפּ אָן בוים, און האָט נאָך גוטע חלומות — עם דאַכט זיך איהם, אַז ער האָט אַן׳אוצר געפונען און צעהלט רענדלעך — און דערווייל פריהרט ער וואָס אַמאָל מעהר, און ער וואָלט בודאי אַזוי געפרוירען געוואָרען, צעהלענדיג די רענדלעך אין חלום, און אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט.

איז אָבער אין וואַלד אַריין אָנגעפאָהרען אַ גוי׳ע מיט אַ שיי־געצ׳ל, איינגעהילט אין אַ פּעלץ, האָבען זיי דערזעהן דעם יודען ליע־גען, האָבען זיי גרויס רחמנות געקריעגען און גענומען איהם ראַטע־ווען. האָבען זיי איהם אַזוי לאַנג געריבען מיט שניי, ביז דער יוד האָט אַן׳אַנדער מראָה געקריעגען און האָט שטיל אָבגעזיפצט, האָ־בען זיי איהם געכאַפּט אויפ׳ן שליטען און אויסגעדרעהט צוריק אַהיים אין דאָרף אַריין. מען האָט אַריינגעשאַפּט די קאָריטע, אָנגע־גאָסען מיט קאַלט וואַסער פון דעם ברונען און אויסגעטהאָן דעם יודען, ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט, אַריינגעלעגט איהם אין קאָ־ריטע און גענומען איהם רייבען דאָס לייב מיט׳ן קאַלטען וואַסער, ביז ער האָט זיך דערהיצט און איז רויט געוואָרען און האָט אָנגע־הויבען ביסלעכווייז צו זיך קומען. הילען זיי איהם ווייטער איין אין אַ פלאַכטע און לעגען איהם אַרויף אויפ׳ן פּיעקעליק, ער זאָל זיך איבערשלאָפען.

האַפּט זיך דער יוד אויף צומאָרגענס בעגינען — דער טאָג האָט נאָר־וואָס אַריינגעבלאָזט דורכ׳ן קליינעם פענסטערעל, אויפ׳ן בוידעם האָבען ערשט אָנגעהויבען די העהנער צו קרייען, — זעהט ער, אַז ער ליעגט אויף אַ פרעמדען פּיעקעליק אין אַ שטאַרקער וואַרעמקייט, ווערט ער נבהל ונשתומם; קוקט ער אַראָב אין שטוב אַריין, זעהט ער, אַז אין ווינקעל העגגט אַ הייליג בילד און אַ קנייטעל בלישטשעט... ביי דער וואַנד שטעהט אַ בעט און דערינען שלאָפט אַ גוי׳ע מיט צע־לאָזטע האָהר און מיט אַ צלמ׳ל אויפ׳ן האַלז, און פאַר׳ן אויווען אויף אַ באַנק ליעגט אַ שייגעצעל און שנאָרכט... ווייסט ער נישט, וואָס דאָס בעדייט, טראַכט ער: אַ חלום. פערלאָזט ער זיך אויף גאָט׳ס בעראָט און מאַכט צוריק די אויגען צו און שלאָפט ווייטער איין...

האַפּט ער זיך נאָך אַמאָל אויף, זעהט ער, ווי די גוי׳ע האָט זיך שוין אויפגעהויבען, נעהמט אויף זיך דאָס האַלבע־קלייד און קומט צו צום פּיעקעליק אַ קוק טהאָן, ווי ער ליעגט. פערמאַכט ער ווייטער די אויגען: ער איז נאָך אַלץ זיכער, אַז דאָס איז אַ חלום. און אַז ער עפענט ווייטער די אויגען, זעהט ער, ווי די גוי׳ע האָט זיך אָבגעוואַשען און קניעט אין ווינקעל פאַר׳ן בילד און זאָגט עפּעס

שטילערהייט מיט אויפגעהויבענע אויגען און צלמ'ט זיך... רייבט ער זיך די אויגען, דאַכט זיך—ער שלאָפט נישט, וויל ער נאָך ריהרען מיטן אַנ'אֵבֶר, קאָן ער דאָס נישט: אַלע גלידער ברעכען איהם, נאָר פערשטעהן פערשטעהט ער שוין, אַז עס איז קיין חלום נישט, אַז איהם האָט זיך עפּעס אַ סִבָּה געטראָפען און ער ליעגט, לא-עֲלֵיכֶם, קראַנק, נאָר ער קאָן זיך בְּאֵין אוֹפֶן נישט דערמאָנען, וואו און ווען ער איז קראַנק געוואָרען און ווי ער קומט אַהער.

דערווייל איז די פויערטע אויפגעשטאַנען פון קניען און דרעהט זיך אויס, און אַז זי זעהט, אַז ער שלאָפט נישט, שמייכעלט זי צו איהם ליטוועליג צום פּיעקעליק אַרויף און זאָגט איהם „דזיען דאָברי".

האָט ער אַלץ נאָך מורא צו ענטפערען, טאָמער איז ער, חס ושלום, ערגיץ פערפיהרט געוואָרען. זעהט זי, אַז ער שרעקט זיך, בערוהיגט זי איהם אויף איהר לָשון, און זי דערצעהלט איהם אַלץ, וואָס איז מיט איהם געשעהן און ווי ער קומט אַהער. ווערט נעבעך דעם יו־דען זעהר בִּיטֶער אויפ'ן האַרצען, זעהט זי דאָס און פרעגט איהם, וואָס ער איז אַזוי טרויעריג.

זאָגט ער איהר: ווי זאָל איך נישט זיין אַזוי טרויעריג, אַז איך בין וויט פון דער היים און בין אַזוי קראַנק. טרייסט זי איהם און נעהמט און לעגט אָן אַ פייער און קאָכט איהם אָב אין אַ גע־גלעזטען טאָפּ אַ ביסעל מילך און דערלאַנגט אין אַ ריינער גלאָז. וויל ער נישט נעהמען, זאָגט זי איהם, אַז אַ קראַנקער מוז טרינקען. האָט ער געקלעהרט אַ מינוט און גענומען. און זי האָט דערווייל אויפגע־וועקט דאָס שייגעצ'ל, עס זאָל געהן די קוה אָנטרינקען, און זי האָט זיך צוריק גענומען צום פייער, צוגעשטעלט צוויי גרויסע טעפּ וואַ־סער אויפצוקאָכען, צו פערמישען קלייען פאַר דער קוה און די חזירים.

און דאָס שייגעצעל איז שוין געשטאַנען אינמיטען שטוב און האָט זיך אָנגעטהאָן און וואָס אַ מאָל אַרויפגעקוקט צום יודען און געשמייכעלט. האָט דער יוד פערשטאַנען, אַז דאָס טהוט איהם אַ הנאה, וואָס ער מיט דער מוטער האָבען איהם דערהאַלטען בײ'ם לעבען, האָבען זיך איהם געשטעלט טרעהרען אין די אויגען. דערנאָך איז נאָך אַמאָל די פויערטע צו איהם צוגעקומען און האָט איהם איבערגעפרעגט, אויב איהם איז נישט צו הייס צו ליעגען אויפ'ן פּיעקעליק, און זי האָט איהם אַריינגעבראַכט אַ בינטעל שטרוי און האָט איהם אויסגע־בעט אַ געלעגער פאַר'ן אויווען. איז ער, דער יוד, אַזוי אָבגעלעגען אַ צייט, און זי האָט איהם בעדיענט מיט גרויס געטריישאַפט און

האָט איהם געגעבען עסען און טרינקען פון אַלעם גוטען, וואָס אַ יוד מעג נאָר געניסען אין אַ גוי׳איש הויז.

און דערווייל האָבען אין דער היים דאָס ווייב און קינד אויף איהם אַרויסגעקוקט, און אויפ׳ן שטעדטעל האָט מען שוין געשמועסט, אַז ער איז אומגעקומען אין פרייען פעלד פון פראָסט אָדער פון הונ־געריגע וועלף, און דער שניי האָט איהם פערשיט, און זיין גוף אָדער חאָטש די ביינער וועלען ערשט געפונען ווערען פסח־צייט, ווען עס וועט צעגאַנגען ווערען דער שניי. און אַזוי איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, און דער יוד איז שוין געזעסען געזונטערהייט אין דאָרף ביי דער גוי׳ע. ער האָט זיך שוין אַזוי צוגעוועהנט צו איהר און זי צו איהם, אַז ער האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו פערגעסען אָן דער היים.

II.

און איין מאָל ביינאַכט—אין שטיבעל איז שטיל, דער יוד ליעגט אַזוי פאַר׳ן אויווען אויף זיין געלעגער, און די פויערטע זיצט אויף דער לאַנגער הילצערנער באַנק מיט אַ שפּינדעל אין דער האַנד און שפּינט פלאַקס ביי אַ שטיק קיהן, וואָס האָט געברענט אויפ׳ן קוימען. גיט דער יוד אַ קוק אויפ׳ן פענסטערל, ווי פערפרוירען דאָס איז, געהט איהם דורך אַ גרויל איבער׳ן לייב, און ער טראַכט מיט אַ בי־טער האַרץ: מי יודע, וואו ער וואָלט אַצונד שוין געלעגען אונטער׳ן שניי, ווען נישט זייער הילף!... פערגעהט איהם דאָס האַרץ, און ער טהוט אַ זיפץ. הערט דאָס די פויערטע, הויבט זי די אויגען אויף און זעהט, ווי זיין פנים איז אַזוי פערענדערט געוואָרען, קריגט זי אויף איהם גרויס רחמנות און פרעגט איהם:

— וואָס איז דיר, ליעבער יוד, וואָס דו זיפצסט אַזוי און דיין פנים איז אַזוי פערענדערט געוואָרען?

ענטפערט ער איהר:

— וואָס זאָל איך נישט זיפצען, אַז דאָס לעבען מיינס איז פול מיט צרות.

הויבט זי איהם אָן צו טרייסטען:

— זעה, ביזט נאָך אַזאַ יונגער מענש, צו וואָס זאָלסט דו דיר צולאָזען אַזוי פיעל זאָרגען? זאָג מיר, וואָס דיר פעהלט און מיט וואָס איך וואָלט דיר געקאָנט העלפען.

— איך פערלאַנג נישט פון דיר גאָרנישט, און וואָס דו האָסט גע־טהאָן פון מיינעטוועגען ביז היינט, וועל איך אויך נישט אימשטאַנד זיין דיר אָבצודיענען,—ענטפערט דער יוד

— ניין, מיין ליעבער יוד,—זאָגט זי איהם—איך האָב נאָך פון דיינעטוועגען גאָרנישט געטהאָן, און אויב דו לעבסט אַזוי אין דחקות ביי דיר אין דער היים, בלייב ביי מיר, עס וועט דיר דאָ גאָר נישט פעהלען. איך האָב אַ גאַנצעווירטשאַפט, אַ פעלד, תבואה אין דער סטאָדאָלע און אַ גאָרטען מיט ביהנשטאָקען און עטליכע שטיק בהמות— נאָר אַ בעל־הבית פעהלט, אויב דו ווילסט, קאָנסט דו ווערען דער גאַנצער בעל־הבית, און עס וועט דיר גאָר נישט פעהלען.

ווי דער יוד האָט דאָס דערהערט, איז איהם דאָס בלוט געקו־מען אין פנים אַריין, און ער האָט די אויגען אַראָבגעלאָזט און גע־שוויגען, און זי קוקט אויף איהם מיט אַ ליעבער וואַרעמקייט אין די אויגען, ווי אַ שוועסטער אויף איהר איינציגען ברודער. דערנאָך האָט זי פערלאָשען דאָס קיהנדעל אויפ׳ן קוימען און געלעגט זיך שלאָפען.

און דער יוד האָט שוין אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט קיין אויג צומאַכען און האָט שטילערהייט אויפ׳ן געלעגער גאָט געבעטען, ער זאָל איהם ביישטעהן אין נסיון. עס האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפען: איהם האָט זעהר שטאַרק געצויגען צו דעם נייעם לעבען. צו מאָרגענס אין דער פריה, ווען די גוי׳ע איז נאָר אויפגעשטאַנען, האָט זי שוין געוואוסט, אַז ער בלייבט ביי איהר און איז גרייט זיך שמד׳ען. און פאַר פסח, ווען דער גלח פאָהרט אַרום איבער די דערפער, צו שפּריצען זייערע חלות, איז דער יוד צוזאַמען מיט דער גוי׳ע מיט־געפאָהרען מיט׳ן גלח אין אַ קלויסטער אַריין, האָט זיך גע׳שמד׳ט און חתונה געהאַט.

III

און יאָהרען זענען אַריבער, און דער גע׳שמד׳טער האָט שוין גאָר פערגעסען, אַז ער איז געווען אַ יוד. איין מאָל איז זיינע אַ קוה פערבלאָנדזשעט געוואָרען אין וואַלד, איז ער זי געגאַנגען זוכען. געהט ער און געהט איבער׳ן וואַלד, אָנגעטהון אין אַ סאַקמאַן, מיט אַ הוטעל פון פיער שפּיעצען, מיט אַ בייטש אין האַנד, און פייפט זיך צו אַ גוי׳איש ליעדעלע. און אַזוי איז ער פערקראָכען וואָס אַ מאָל טיעפער אין וואַלד אַריין צווישען געדיכטע בוימער און די קוה האָט ער אַלץ נישט געפונען. געהט ער אַלץ ווייטער און ווייטער, דערזעהט ער—אַ פאָלע פון אַ קאַפּאָטע קוקט אַרויס פון אונטער אַ קופּע מאָך. טהוט ער אַ שאַר מיט׳ן פוס, דערזעהט אַ גע׳הרג׳עטען יודען, קריעגט ער גרויס פחד, נעהמט ער און שאַרט איהם צוריק צו און געהט געשווינד אַוועק. אַזוי ווי ער איז אָבער אָבגעגאַנגען עטליכע טריט,

דערהערט ער, ווי דער מת רופט איהם נאָך: וואו לאָזט דו מיך איבער?... ביזט דאָך פאָרט אַ יוד? מיינט ער, אַז עס דאַכט זיך איהם נאָר, לויפט ער ווייטער. יאָגט איהם אָבער דאָס קול נאָך און עס ווערט וואָס אַ מאָל העכער און וויינענדיגער: לאָז מיך נישט איבער... מיין ווייב וועט בלייבען אַן׳עגונה... און אַ מת מצוה בין איך. ווערט דער גע׳שמד׳טער דערציטערט, געהט ער צוריק און זעצט זיך היטען דעם מת און זיצט איינער אַליין אין דעם געדיכטען וואַלד און קוקט אויפ׳ן מת, פערטיעפט אין טרויעריגע געדאַנקען, און עס צעגיסט זיך איהם דאָס האַרץ פאַר אימה און בענקשאַפט. זיצט ער אַזוי, ביז עס איז פאַרבייגעפאָהרען דער שאַפער פון דעם וואַלד — ער האָט אַ ברית געמאַכט און געפיהרט צו זיך אַהיים דעם שוחט פאַר אַ מוהל. אַז זיי האָבען דערזעהן, וואָס דאָ טהוט זיך, לעגען זיי קודם אַרויף דעם בר־מנן אויף דער פוהר, און דעם גע׳שמד׳טען האָבען זיי שוין נישט דערקענט. פרעגען זיי איהם, פון וואַנען ער האָט געוואוסט, אַז מען טאָר נישט אוועקגעהן פון אַ מת מצוה, האָט ער נישט געענטפערט, נאָר אַוועקגעדרעהט זיך מיט טרעהרען אין די אויגען. זענען די יודען צוריקגעפאָהרען אין שטאָדט אַריין מקבר צו זיין דעם מת, און דער גע׳שמד׳טער איז געגאַנגען זיין וועגס אַהיים. אויפ׳ן וועג האָט ער זיך אַראָבגענומען דאָס צלמ׳ל פונ׳ם האַלז און האָט עס אַוועקגעוואָרפען צווישען קאָרן...

פון דעמאָלט אָן איז איהם בעפאַלען אַ גרויס בענקשאַפט, בפרט פרייטאָג צו נאַכט צו קבלת שבת: ער געהט שוין נישט, ווי אַלע מאָל, צוזאַמען מיט די שכור׳ע פויערים אין קרעטשמע אַריין, נאָר ער זעצט זיך פאַר דער טהיר און קוקט זיך אויפ׳ן פעלד אַרויס מיט שטילער בענקשאַפט. און טיילמאָל פלעגט ער זיך אַרויס׳גנב׳נען פון דער היים, דאָס ווייב זאָל נישט וויסען, און לויפען צוויי ווייאָרסט וועג צום שאַפער אונטער׳ן פענסטער, אַנידערלעגען זיך אויפ׳ן גראָז און קוקען פון ווייטען, שטיל און פערצאָגט, אין פענסטער אַריין, וואו עס ברענען שבת־ליכט, און דער יוד מיט׳ן ווייב און די קינדער זיצען אין די שבת׳דיגע מלבושים און מיט לויטערע פנים׳ער אַרום ליכטיגען טיש... שבת פלעגט ער אָבליעגען אַ גאַנצען טאָג איינער אַליין אין גאָרטען אונטער די ביענשטאָקען און האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. און אַז ער פלעגט פאָהרען אין וואַלד אַריין נאָך אַ פוהר האָלץ, האַפט איהם אַמאָל אָן אַ האַרץ־וועהטאָג, וואַרפט ער אַ וועק די האַק און זעצט זיך אונטער אַ בוים און הויבט אָן

תּהלים זאָגען מיט אַ וויינענדיג קול, און זאָגט אַזוי ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין. ערשט ווען שטערען זענען שוין געשטאַנען, האָט ער אויפגעלעגט אַ פוהר האָלץ און אַ היים געפאָהרען—קיינער ,זאָל נישט וויסען.

IV

און איינמאָל, ער האָט שוין געהאַט אַראָבגענומען די תּבואה פונ'ם פעלד און דאָס צווייטע מאָל היי אָבגעשניטען און די ביענ־שטאָקען אונטערגענומען, האָט ער מיט נאָך אַ פּאָר גוים, שכנים, אָנגעלאָדען זיך פוהרען היי און געפיהרט אין שטאָדט אַריין צו פערקויפען. ווי זיי זענען אָנגעקומען אין מאַרק אַריין, זעהט ער, אַז דער מאַרק און די גאַסען אַרום זענען לעדיג, מען זעהט נישט קיין לע־בענדיגע בריאה, און די טהירען פון די הייזער און געוועלבער זענען פערהאַמערט, און די בודקע אין מיטען מאַרק און די טישלעך פון געבעקס און פון חזיר שטעהען פערוואָגעלט, און אַרום איז פוסט, גלייך דאָס שטעדטעל איז אויסגעשטאָרבען, נאָר פון דער זייט, וואו די שוהל איז, הערט זיך אַ גרויס געררויש. לאָזט ער איבער די פוהרען און לויפט צו דער שוהל. דורך די אָפענע טהירען זעהט ער ליכט ברענען, און די יודען אין קיטלען און אין טליתים שאָקלען זיך און בעטען צו גאָט, און אַ פּאָר ווייבער, וואָס האָבען זיך פערשפּעטיגט ביי קראַנקע אָדער ביי זויגענדיגע קינדער, לויפען אין די זאָקען און אין די ווייסע קליידער און איילען זיך צו דער ווייבערשער שוהל מיט אַ שרעק און אימה. און עס דערהערט זיך פּלוצלונג פון דער שוהל נאָך אַ העכער געררויש פון טויזענטער, טויזענטער קולות אויף איין מאָל, און דער גע'שמדט'ער ווערט דערציטערט, ווי אַ פויגעלע אין אַ שטורם־ווינד, און די אימה פון יום־כּפּור פאַלט אויף איהם, און ער לויפט צוריק און וואַרפט זיך אַנידער אויף דער ערד אונטער דער פוהר היי און ליעגט אַזוי, און עס וויינט אין איהם אַזוי יעמערליך, און זיין גאַנץ לייב ציטערט. פרעגען איהם די גוים, צו זאָל מען אויסדרעהען צוריק אַהיים, ענטפערט ער נישט. מיינען זיי, אַז ער איז משוגע געוואָרען, און געהען אַוועק צום גוי'אישען בעקער, און ער בלייבט אַליין ליעגען. און דאָס געררויש און געוויין פון דער שוהל שטאַרקט זיך, און דאָס גע'אָמער טראָגט זיך איבער'ן גאַנצען מאַרק, און ווי עס קומט צו „ונתנה תּוקף", הויבט עס איהם אָן צו וואַרפען, און אַ קוואַל טרערען האָט זיך איהם אַ גאָס געטהאָן פון די אויגען, און ער האָט אָנגעהויבען יעמערליך צו וויינען און האַרציג צוצווינגען

מיט'ן נגון פון „ונתנה תוקף"... און אַזוי איז ער אָבגעלעגען אַ גאַנצען טאָג איינער אַליין אונטער דער פוהר היי מיט'ן פנים אַראָב אין סאַקמאַן, מיט דער קוטשמע אויפ'ן קאָפּ און מיט פערשטויבטע שטי־וועל, און האָט געקלאָגט, אַז שטיינער האָבען געקענט צוגעהען פון געוויין, און פאַרנאַכט צו, די זון האָט זיך אָנגעהויבען אַראָבצולאָזען נידעריגער און דער הויבט טאָג איז צו פערגעהן, און אין שוהל האָט מען זיך שוין געשטעלט דאַוונען נעילה, האָט ער זיך נאָך הייסער צעוויינט—און פלוצלונג טהוט ער אַ האַרציג געשריי און אַ שפּרונג אויף און לויפט אַריין אין שוהל און טהוט זיך אַ וואָרף אַנידער אויף דער שוועל: „יודען בני רחמנים, איך וויל תשובה טהון!"—האָט ער אויסגעשריען, און איידער דער עולם איז צו איהם צוגעלאָפען, איז איהם די נשמה אויסגעגאַנגען...

בדוחק—מיט שווערקייט; איינער האָט פרנסה **בדוחק**—הייסט, אַז עס קלעקט איהם ניט דאָס געלד, וואָס ער פערדיענט. **בודאי**—געוויס. **מראה**—אויסזעהן. **פלאכטע**—אַ שטיק געוואנד, וואָס דיענט ביי די פויערטעס פאַר אַ קלייד. **נבהל ונשתומם**—דערשראָקען און פערוואונדערט. **לא עליכם**—ניט פאַר אייך געדאַכט. **מי יודע**—ווער ווייסט. **מת מצוה**—אַ טויטער קערפּער, וואָס ס'איז אַ מצוה איהם צו בעגראָבען אויף אַ יודישען בית־עלמין. **שאַפער**—אַ מענש וואָס דיענט אין אַ וואלד, אַ אנגעשטעלטער און אַ וואלד. **קודם**—פריהער פאַר אַלץ.

פערצייכעניש פון די אויטארן לויט'ן אלף-בית.

אדלער י.
צו א זילבער-וואלקען (ליעד) 92.
אש שלום.
אלטע לייט 29.
ערב-שבת 81.
יצחק'ל און זיין מאמע 87.
אין א זומער-טאג 95.
וואנדערער 113.
די שרפה אין שטעדטעל 124.
איבער דער גרעניץ 128.
נאך סוכות 148.
אנ—סקי ש. (פסעוודאנ.).
דער שניידער (ליעד) 39.
ביאליק ח. נ.
פראסט (יודיש פון שווארץ און שני-אור) 43.
בן-עמי.
ביי די מצות 61.
גארעליק שמריה.
אלול 126.
דינעזאן יעקב.
דעם רבינ'ס קדוש 38.
א געשפרעך 39.
הורוויץ ש.
די ערשטע שוואלב (ליעד) 45.
די נייטערקעס (ליעד) 100.
די בלייערנע ארמעע 149.
ווארשאווסקי מ.
אלף-בית 7.
וויסענבערג א. מ.
דער בעל-תשובה 150.
טורגעניעוו איוואן.
דאס פויגעלע 76.
טייטש משה.
דער ערשטער שניי (ליעד) 23.
פריהלינג (ליעד 76.
טילי-טילי! (ליעד) 94.
דער פריהלינג (ליעד) 95.
דער זומער 109.
א בית עולם 128.
יהואש (פסעווד.)
ליל שמורים (ליעד) 70.
די ביהן (ליעד) 82.
נאכ'ן רעגען ביי-נאכט (ליעד) 87.
דער בלומענשטאק (ליעד) 100.
נאכט 161.
מענדעלע מוכר ספרים (שלום יעקב אב-ראמאוויטש).
הערשעלע דער דאקטאר 13.
יודישע שטעדטלעך 17.
דער קלייט-משרת 24.
לייזער דער שניידער 40.
דאס לערן-יונגעל 42.
א וועסנע-טאג 70.
פאר דער קרעטשמע 71.
דער וואלד 121.
נאמבערג ה. ד.
מען וועקט 122.
סטאחסקי מ.
לבן הארמי 53.
סעגאלאוויטש ז.
אויף די פעלדער 28.
ספעקטאר מ.
שלח-מנות 45.
פינסקי דוד.
באשע-לאה 111.
פרוג ש.
דער שליט-וועג (ליעד) 36.
א זומער-נאכט (ליעד) 110.
פרישמאן דוד.
גענעסען 136.
פרץ יצחק ליבוש.
די לעזערין 27.
דער קונצען-מאכער (לעגענדע) 66.
די שוואלבען אים הערבסט 139.
קרילאוו איוואן.
דער שפיגעל און די מאלפע (יודיש פון מ. ריוועסמאן).
ראזענפעלד יונה.
א גנב 114.
ריוועסמאן. מ.
צוויי הינד (בעארבייט. נאך קרילאוו) 107.
רייזען אברהם.
אויפ'ן פעלד... (ליעד) I 9.
ווינטער (ליעד) 33.

דער מגיד 33.
די ספרים לופטערן! 72.

ש אַ פּ י ר אָ ל.

דאָס אייז פּלאַצט 52.
ביילקע און יאָשקע 77.

ש ט י י נ ב ע ר ג י ה ו ד ה.

דאָס שענע און דאָס נוצליכע 37.

ש ט י י נ ב ע ר ג י ע ק ב.

הערשעלע פּאָהרט אוועק 100.

ש ל ו ם ע ל י כ ם (שלום ראַבינאָוויטש).

דער ערשטער טאָג אין חדר 5.
חנוכה-געלד 18.
כלי-זמר 21.
סטעמפּעניו 22.
די ל״ג-בעומר-סעודה 83.
די פּאָהן 140.

ש נ י א ו ר ז א ל ק י נ ד.

נחום 103.

פערצייכעניש פון די ערקלערטע ווערטער *).

אַ ב ד אַ צ ע ן 16.
אָבצוויקלען 18.
אגדתא 36.
אומער 9.
אחותי 92.
איינגעמאַכטס 18.
איש על מקומו 66.
אמי אהובתי 92.
אספה 140.
באַדעווען 114.
באימה וביראה 39.
בדוחק 157.
בודאי 157.
בושעל 71.
בזה הלשון 7.
בלא ידע 17.
בריה נפלאה 113.
נ ב א י ר א ש ו ן 36.
ד׳ א מ ו ת 28.
דערווידער 91.
האָפּעררינג 21.
התקרבות 42.
התראה 16.
היספעס 71.
ולא קרב זה אל זה 66.
„זוהר“ — 36.
ה אַ פּ ע ן אויף דער ווענטקע 7.
חבה 109.
חדר-שני 136.
חק ולא יעבר 109.
חרמות 42.
ט ו ע ם ט ע ם ז י י ן 26.
טשאַטעווען 18.
טשאַטעס 71.
טשערעט 71.
יופע 42.
„יערות דבש“ 36.
יערלע — 16.
יראת שמים 20.
כל דכפין ייתי וייכול 69.
לא עליכם 157.
למדנת הים 36.
לעוואַדע 86.
לקח׳ען 16.
מאַכלען פּיסקעס 20.
מאקרעטע 72.
מבקרים 36.
מדרש 36.
מהנה זיין 136.
מושלם 13.
מטמא זיין 92.
מטעים זיין 69.
מי יודע 153,109.
מעיז פנים זיין 136.
מסים זיין 36.
מראה 157.
מתיר זיין 26.
מת מצוה 157.
מתנת בשר ודם 69.
נ ב ה ל ו נ ש ת ו מ ם 157.
ניוויקעס 17.
נס מן השמים 69.
סדרה 7.
סומנע 9.
ספּריטנע 42.
עובדא 26.
עונג שבת 28.
פּ א ט ל ע 23.
פּאָלאָווע 72.
פּאָלגע 42.

*) די ציפערן בעדייטען די זייטען.

פאַכטעמקעס 42.
פּאָפּוגאַי 7.
פאַרהאָהרלאָזטער 16.
פּורים־בּרויט 52.
פלאַכטע 157.
פליאַסקעדרייגע 36.
פּלעגמאַטיש 81.
פערקאָוועט 20.
צ א ן ק ד ש י ם 136.
צעלניק 26.
צעפּלאָשעטע 28.
קודם 157.
קוכקע 66.
קאָפּערטע 86.
קישעלעך 18.
קאָרזש 92.
קלאָמפּערשט 16.
קלאָץ־קשיא 7.
קלייט 26.
קניש 18.
ר ב ה ב ר ח נ ה 36.
רעדנע 66.
שאַפער 157
שאר־ירקות 16.
שלאָבען 92.
שליאַף 81.
שלשלת 72.
שמוים 52.
שמוצערען 23.
ש״ם 75.
שקאַפּע 52.
ת ם ו נ ש ל ם 63.